STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02793

BROYT

Bajnysz Zylbersztajn

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביינוש זילבערשטיין

ב ר ו י ט

(ראָמאַן אין 4 טיילן)

1 9 3 0

דרוקעריי ב. קלעצקין, ווילנע

PRINTED IN POLAND

Bejnisz Zilbersztejn — „Brojt“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

~~928151~~ Yi641, c.1

פֿ ר ו י ט

ערשטער טייל

אויפן הויף, ווו ס׳געפונט זיך די עלעקטרישע האָלץ-פאַבריק, וווינען — יהודה דער פאַבריק-אויפזעער, אַ בלאַסער ביינערדיקער ייד, אַ כעסן, נאָך נישט פון מיטעלן עלטער און דער וועכטער וווינשעך.ביידע מיט זייער געזינדל. דער אויפזעער, יהודה אָפּנהיים, ווי אַלע רופן אים דאָ, דער „שרייבער״, פאַרנעמט עטלעכע ברייטהדיקע, פיין-אויסגעמאָלטע צימערן, סאַמע אויבנאָן פון הויף און דער וועכטער — אַ שטיבל, גרויס אַזוי ווי אַ הינער-קעמערל, אונטן ביי דער פורטקע.

די פאַבריק ליגט ביז אַ צוויי וויאָרסט הינטער דער שטאָט, שוין נאָך אַלע פויערשע שייערן, דערפאַר דערטראָגט זיך נישט דאָ אַהער דער גערויש פון דער שטאָט און דידאָזיקע געגנט מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ווייטן, אָפּגעשניטענעם דאָרף.

זומער און ווינטער איז אָבער דאָ היימלעך. פון זעקס פרי ביז זעקס פאַרנאַכט, טעגלעך, חוץ זונטיק, גייען די מאַשינען מיט אַ ווילדן ליאַרם און געקרעכצעריי, אַזוי ווי אייזערנע ציין וואָלטן זיך איינגעביסן אין אייזערנע שטאַנגען און פון די אָפּענע טירן, פון וואַגען דאָס אייזערנע געצאַנקעריי דערטראָגט זיך, הייבט זיך אויף אַ געדיכטער און נעפלדיקער האָלץ-שטויב, וואָס פאַרגייט זיך ביז אונטערן הימל.

דער הויף איז ברייט און לאַנג און אָנגעלייגט מיט אַ סך ברעטער, קלעצער און רויע, ערשט אויסגעהאַקטע ביימער פון וואַלד, וואָס פויערן האָבן געברענגט צופירן אויף וועגענער;

וואַרטן די ביימער אַז מ'זאָל זיי אַ נעם טון פון אָרט און אַריינרוקן אין גרויסן, אייזערנעם מויל אַריין. צווישן די שווערע, גאָרנדיקע האָלץ־און ברעטער־שיכטן, צווישן די ריזיק־אָנגעשאָטענע היבלעכץ און זעגעכץ־בערג, שוויבלט און גריבלט מיט מענטשן, מיט היימלעכקייט און מיט געזאַנג.

דרייהונדערט אַרבעטער פילן אויס דאָס שטיק פרייגעבליבענע פעלד, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן, צווייגאָרנדיקן, הילצערנעם פּאַרקאַן. מ'קלאַפּט און מ'האַמערט. רויע וואַלד־ביימער קומען אָן און פּאַרטיקע מעבל מיט בוי־מאַטעריאַלן ווערן אַוועקגעפירט.

טאָג־איין אַזוי, טאָג־אויס אַזוי.

נישט תמיד געפונען זיך אָבער די אַרבעטער אויפן הויף. ווייניקער — ווינטער, דאַמאָלס איז דאָס מהלכדיקע שטיק פעלד אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן און פאַרשנייט. אַ זילבערנע ערד אַזאַ. הויך ביז איבער די קניען, אַ סך מאָל ביז צום דיך; שטעלסט אַריין אַ פוס, דעם צווייטן און דו פאַרשווונדסט אין טיפעניש פון שניי...

זומער איז דאָס פעלד באַוואַקסן מיט גרינס, מיט הויכע, ווייכע גראָזן און ביי די ווינקלען פון די פּאַרקאַנעס — נידעריקע בלעטער, אַזוי ווי לעבעדיקע קעפּלעך און אפילו צווישן די שפּאַלטן פון ברעטער־קופּעס, פּלאַצט און עפנט זיך די ערד און דורך די שפּאַרעס זעצן אַרויס פאַרשידענע קרייטעכצער, וואָס ציען זיך צו דער זון.

פאַלק, דער אַכט יאָריקער, דאַרינקער פאַלק, דעם פאַבריק־אויפזעערס יינגל, ער פילט זיך דאָ גאָר גוט. ער לעבט דאָ אַזוי ווי אין אַ מלכות. דער פאַבריק־הויף און דאָס אָפּגעצוימטע שטיק פעלד, דאָס איז זיין, פאַלקס קעניגרייך. און די אַלע מענטשן, וואָס קומען טעגלעך מיט אַאַ געפילדער, קומען און גייען אַוועק, האָבן אפשר נישט קיין רעכט אים צו שטערן אין זיין קיניגן.

ווינטער־צייט, פאַרברענגט דער קליינינקער פאַלק אַמייסטן אין שטוב, אין ווינקל נעבן גרויסן בראָט־אויוון, וווּ ס'איז גוט

און וואַרעם. דאָס פייער קנאַקט און וואַרפט צינגען אויף אַלע זייטן און פון אינעווייניק, פון דער בראָט-רער, טראָגט זיך אַרויס אַזאַ אָנגענעמער און זיסער ריח פון פריש געבעקס, וואָס די מאַמע זיינע באַקט פאַר די סטאָליער-געזעלן, זיי זאָלן האָבן צו עסן און נישט דאַרפן גיין אין שטאָט אַריין נאָך שפייז. פאַלק טאָר נישט אַרויסגיין אין דרויסן, ער איז אַ באָרוועסער און קאָן נישט אָנטון קיין שיך. ער ליידט אויף די פיס, וועלכע זענען אים אונטן ביים טראָט געלעכערט און מען קאָן נישט פאַרהיילן. און אפשר וואָלט זיך יאָ פאַרהיילט, ווען מ׳זאָל זיך פאַר אים, פאַלקן, זאָרגן, מ׳זאָל זיך אויף אים אומקוקן. זיין פאָטער, יהודה דער פאַבריק-אויפזעער, ווערט גלייך באַגינען אַנטרונען פון שטוב אַרויס. אַ גאַנצן טאָג לעבט ער צווישן אייזן, האָלץ און געשריי, ווו דאָס אייגענע קול ווערט פאַרשלונגען פון שווערע עלעקטרישע פיסקעס און אָוונט-צו — נאָך זעקס אַ זייגער, ווען די מאַשינען ווערן שטום און אין די אויערן קלינגט נאָך דאָס גערויש פון ביי טאָג, זעצט זיך יהודה אַוועק אין דער לעצטער שטוב איינער אַליין איבערן טיש און חשבונט, חשבונט ביז אין דער שפעטער נאַכט אַריין — צומאָרגנס, ווידער דאָס זעלבע.

אַ סך מאָל, פאַרן שלאָף, אַמייסטן זומער — גייט יהודה אַרויס אויפן הויף, קוקט זיך אַרום אויפן הימל, שווייגנדיק און ערנסט, מיט אַן אָנגעצויגענעם פנים, באַטראַכט ער יעדן ברעג האָריזאָנט, וואָס זעט אויס שוואַרץ און אומענדלעך-טיף; ער וויל זען יהודה, צי ס׳איז נישט אַמאָל ערגעץ רויט, צי אַ רויטע שיין שלאָגט נישט פון ערגעץ דאָ אַהער און צי די הינט בילן נישט... די געביידע איז פון געהילץ, דער פאַרקאַן און די היכע, שווער-אָנגעלאָדענע שיכטן — געהילץ; און באַזונדער, דער באַרג פון אויסגעטרוקנט האָלץ-וואָל — נאָר איין פונק און דאָס גאַנצע האָב-און-גוטס גייט אַוועק מיטן רויך... טרייבט יהודהן אַזאַ אומרו, איידער ער לייגט זיך אין בעט אַריין, גוט זיך אומצוקוקן אין אַלע ווינקלען, זען צי די פורטקע איז פאַרמאַכט אויפן שלאָס, צי טרעזאַ, דער פאַבריקס-הונט,

Free Public Library, Newark, N. J.

וואָס ווייס קלוג, ממש ווי אַ מענטש, זיך אונטערצוהנפּענען דעם אויפזעער, איז אָפּגעבונדן פון דער קייט.

אַז טרעזאַ באַגעגנט יהודהן, שפּרונגט ער פריידיק מיט די בלאָטיקע לאַפּעס אויף אים אַרויף און לעקט אים די הענט. נאָך טרעזאַן, קומט תמיד נאָך אברהם-יעקב דער נאַכט-וועכטער, זומער — אין אַ בורקע, ווינטער — אין אַ טיפן קאָזשוך, מיט אַ באַשליאַק איבערן קאָפּ, איבער די אויערן און איבער די אויגן, אַזוי ווי ניט קיין מענטש, נאָר אַן אָנגעפּעלצט בערגל וואָלט אַליין געגאַנגען, כדי אָנצוואַרפן אַן אימה אויף די שקצים פון דער געגנט אַרום, נישט אַריבערצוכאַפּן זיך איבערן פּאַר-קאַן און נישט צו גנבענען קיין געהילץ.

— זעט נאָר, אברהם-יעקב, איז נישט דער הימל אָט-אָ דאָרט רויט?.. — ווענדט זיך יהודה צום וועכטער, מיט אָנגע-שפּרענגטע בליקן אין דער ווייטער פינצטערניש אַריין.

אברהם-יעקב קוקט זיך איין:

— וווּ? דאָרט? ע—ע, ס'איז גאָרנישט!

יהודה קערט זיך אָפּ און פאַרשווינדט אין שטוב אַריין.

לעבט פאַלק אַליין, אָן פאָטערס השגחה, אָן מאַמעס צערטלעכקייט — די מאַמע זייַנע איז תמיד פאַרפאַרטצעוועט אַרום די געזעלן, אַרום די אַרבעטער, זיי זאָלן נישט פאַר-הונגערן און האָבן צו עסן. קאָן זיך פאַלק נישט איינהאַלטן אין שטוב, אים איז לאַנגווייליק און ס'ציט אים אין דרויסן אַרויס. עפנט פאַלק אויף די טיר און שטעלט די באָרוועסע, קראַנקע פיס אין שניי אַריין... ער לאָזט זיך אויס לויפן אין שניי. און נעפּש דער טאָג-הונט, אַ קלענערער פאַר טרעזאַ, מיט אים; און ביידע טאַנצן זיי אין שניי — און אין די פיס איז אַזוי וואַרעם, אַזש זיי בריען און קיצלען דאָס לייב, ביז אין דער העלפט אַריין... און נעפּש האָוקעט, מאַכט קאָזשלקעס, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַליין אַריבערשפּרונגען און פאַלקן געפעלט עס:

— נאָך, נעפּש, נאָך...

און נעפּש פאַרשטייט פאַלקן. נעפּש ווייס אַז פאַלק האָט הנאה פון משוגענע שטיק, דרייט ער זיך צו כאַפּן דעם עק, האַוקעט און שפּרונגט אונטער מיט קאָמישע הועיות — —

און פאַלק? —

ער לאַכט און לאַכט און לאַכט...

זומער.

אויף אַ קורץ שטעקל האָט פאַלק אָנגעקניפּט אַ לאַנגע שטריק און געמאַכט אַ בייטש. די בייטש איז אַזוי לאַנג, אַזוי ווי אַ האַלבער הויף. זיצט פאַלק אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ קופּע ברעטער, אַ באַרוועסער, אַן אָפּגעברענטער און היט די עופות — קליינע, יינגע עופהלעך, אַ שטיק דרייסיק, כמעט אַלע נאָך אָן פעדערן. פּישטשן זיי ווי די פייגעלעך און טו-ליען זיך איינס צום אַנדערן. מאַכט זיך אַ רעגן, לויפן זיי צו צום פּלויט, גיך-גיך, מיט אויסגעשפּרייטע נאַקעטע פליגעלעך און באַהאַלטן זיך. זיי קאָרטשן זיך צו צו דער ערד, אַזוי ווי צו באַשיצן זיך פון אַ שטורעם, וואָס דאַרף זיך אָט-אָט אָנטראָגן איבער זייערע קעפּלעך. פּישטשן זיי און בעטן זיך און ציטערן...

און פאַלק איז צופרידן וואָס ער איז זייער באַשיצער. ער היט זיי, ער גיט זיי צו עסן און טרונקען. פאַרטאָג לאָזט ער זיי אַרויס פון שטייג און אויף דער נאַכט כאַפּט ער זיי און זעצט זיי צוריק איין. ער גיט אַ קנאַק מיט דער בייטש און זיי דערשרעקן זיך, פּרווון זיך צעלויפן; נאָר ער, פאַלק, זייער פּאַסטעך, שטילט זיי איין —

— טיפּ—טיפּ—טיפּ—טיפּ—ט—י—פּ...

קומען זיך די עופהלעך ווידער צענויף, אַלע אויף איין אָרט, שטופּן זיך, מורמלען, גראָבן מיט די שנעבעלעך, מיט די פיסקלעך... — —

פאַלקן האָט דער פאָטער אָנפאַרטרויט די עופות. אַזוי פירט זיך יהודה: פרילינג-צייט קויפט ער אויף עטלעכע צענ-

דליק ייִנגיטשקע עופּהלעך און איבער זומער ווערן זיי גרויסע, שווערע און צייטיקע הינער. חברט זיך פֿאַלק נאָר מיט די עופות און מיט די הינט — זיינע איינציקע פריינט, מיט וועמען ער רעדט זיך צענויף און שמועסט זיך אויס. פֿאַלק ווייס, אַז אַן עופּהלע איז אַזוי גוט ווי אַ מענטש, אַזוי ווי אַ שוואַך, קליין מענטשל און אַז די קוקסט דעם עופּהלע גוט אין די אייגלעך אַריין, זעסטו מענטשלעכע אייגלעך, מיט אַ מענטשלעך געבעט אין זיי אַ׳ן דאַמאָלס קאָנסטו דעם עופּהלע נישט קיין שלעכטס טון, דאָס האַרץ לאָזט נישט... אויך אַזוי זענען די אויגן פון אַ הונט... פֿאַלק שמועסט זיך אויס מיט זיי אויף די בליקן, אויף שטום לשון. זיי פֿאַרשטייען אים און ער פֿאַרשטייט זיי.

שלעכט איז מיט די שפּאַרעס. קריגט זיך דאָרט אַריין אַן עוף — איז פֿאַרפֿאַלן, אויס עוף! סיידן אַראָפּוואַרפן עט־לעכע הונדערט ברעטער, ווייל אַ מענטשלעכע האַנט קאָן דאָרט נישט צוקומען. ליגט די הון אַזוי לאַנג, ביז זי ווערט דער־שטיקט און מ׳שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ פּגר. אַסך מאָל, ווען פֿאַלק לאָזט איבער זיין „סטאַדע״ אויף הפקר און ער גייט אַוועק זעצן קאַרטאָפּל, (פֿאַלק האָט אויסגעקליבן אַ ווינקל, ווו ער פֿאַרזעצט אַלע זומער שטיקלעך קאַרטאָפּל און דערנאָך וואַקסן אויף דעם אָרט אַרויס גרינע קעפּ מיט בלעטער און אין האַרבסט — נייע, יינגע קאַרטאָפּעלעך... דאָס איז פֿאַלקס סוד און קיינער טאָר פון דעם נישט וויסן...) פֿאַרשווונדן דער־ווייל עטלעכע עופות. יהודה, זיין ווייב, אַלע לאָזן זיך איבערן גרויסן הויף זוכן די פֿאַרשוווּנדענע הינער. זוכט מען אַזוי לאַנג, ביז מ׳ציט פון ערגעץ אַרויס אַ צוויי—דריי פּגרים, טײלמאָל אַזעלכע וואָס ליגן שוין אַ וואָך צייט אונטער די ברעטער און זענען פול מיט ווערים, מיט שפּינען... פֿאַלקן כאַפּט אָן אַ רחמנות: ערשט איז דאָס עופּהלע געווען זיין פרייד, געערעדט דערצו און — —

פֿאַלקס פֿאָטער אָבער, יהודה, ווייס נישט פון דעם, ער איז אַ כעסן. זיין בלייך, בלאַס פּנים, ווערט דאַמאָלס נאָך בלייכער און יעדערס מאָל, ווען מ׳שלעפּט אַרויס אַ טויטע

הון, קריגט פֿאַלק פֿון פֿאָטער מוראדיק געשלאָגן. מיט דער לינקער האַנט אין דער לינקער באַק אַריין און מיט דער רעכטער האַנט — אין דער רעכטער באַק אַריין... פּעטש, קולאַקעס, מיט דער גאַנצער ביינערדיקער האַנט, מיט דער דאַרער פֿויסט אין נאָך דאַרערן גופֿל אַריין, אין קראַנקן גוף אַריין. און פֿאַלק שווייגט, ער ווייס אַז ס׳קומט אים. אים וואָלט ערגער געווען, ווען מ׳זאָל אים נישט שלאָגן, — דאָס איז פֿאַר דער טויטער הון, וואָס ער, פֿאַלק, האָט געלאָזן דער־שטיקט ווערן — — —

כּמעט אַלע טאָג פֿלעגט זיך אַזעלכעס איבערחזרן און פֿאַלק פֿלעגט נישט קאָנען קוקן דעם פֿאָטער אין די אויגן אַריין. אים איז באַפֿאַלן אַן אימה פֿאַרן פֿאָטערס בלאַס פּנים מיט די בייזע אויגן. נישט וויטשעך און נישט קיינער פֿון די געזעלן זענען אַזוי שטרענג און אָנגעברוגזט ווי זיין פֿאָטער. פֿון זיי קאָן עמעץ געבן אַ שמייכל, אָננעמען אויף שפּאַס פֿאַרן בעקל און אַ קניפּ טון, אַז די פֿאַרב זאָל זיך שטעלן פֿון אויבן... לויפֿט פֿאַלק אַוועק צו טרעזאַן, לייגט זיך אים אַוועק פֿאַר די פֿיס אין טוליעט צו זיין פּנים צו יענעמס מאָרדע; שנאָרכט טרעזאַ און לעקט פֿאַלקן די האָר, דאָס מויל, דעם האַלדז... און פֿאַלקן געפֿעלט עס, אים קיצלט ביז אין דער העלפֿט אַריין און ער לאַכט און לאַכט...

מאַכט זיך אַמאָל, דער פֿאַבריקאַנט אַליין קומט אַראָפּ אין פֿאַבריק אַריין. (אַזעלכעס פֿלעגט זיין אַ זעלטנקייט) ער פֿלעגט זיך דאָ אומקוקן אַזוי ווי אַ פֿרעמדער. די אַרבעטער גרוסן אַנטקייגן, נייגן זיך און דער פֿאַבריקאַנט ענטפֿערט צופֿרידן... פֿאַרן פֿאַבריקאַנט, פֿאָרויס, גייט דער אויפֿזעער יהודה, ער מאַכט מיט די הענט און באַריכטעט וועגן דער לאַגע אין פֿאַבריק. דערנאָך גייען זיי אַריין צום אויפֿזעער אין דער שטוב אַריין, מ׳פֿאַרמאַכט זיך און מ׳חשבונט זיך לאַנג־לאַנג.

צוזאַמען מיטן פֿאַבריקאַנט איז אויך געקומען זיין פֿרוי, אַן איידעלע, אַ שלאַנקע, אַ ברונעטע און צוויי זין — סטודענטן, מיט אַ קליין מיידעלע, פֿון אַ יאָר זיבן אָדער אַכט. דעם פֿאַבריקאַנטס פֿרוי איז אַריין צום אויפֿזעערס פֿרוי אין קיך און זיך געחדושט אויף דעם באַק-אויוון און אויף די געשמאַקע קיכלעך. די צוויי זין זענען אַוועק אין פֿאַבריק און דאָס מיידעלע איז איינע אַליין אַרויס אויפֿן הויף.

דער באָרוועסער און אָפּגעבערנטער פֿאַלק האָט עס גלייך דערשנאַפּט. ער איז אַרויס אויפֿן הויף. דאָרט איז געשטאַנען דעם פֿאַבריקאַנטס מיידעלע און געגאַפֿט אויף די ריזיקע ברעטער-לאָדונגען, ביז הויך-הויך אַרויף, אַזש צום הימל... זי וואָלט געוואָלט אַרויפֿקריכן אויף אַזאַ קופּע, נאָר זי האָט מורא, זי פֿילט זיך דאָ פֿרעמד; שטייט זי און גאַפֿט אַזוי און וווּנדערט זיך — אַזויפֿיל העלץ, אַזאַ באַרג מיט העלץ, און נאָך אַ באַרג, און נאָך אַ באַרג, און נאָך אַ באַרג...

פֿאַלק וואָלט געוואָלט צוגיין, איר אָננעמען ביים הענטל און איר אַרויפֿפֿירן ביז צום שפּיץ פֿון ברעטער-באַרג און דערנאָך מיט איר אַראָפּגיין אויף יענער זייט און פֿון דאָרט — נאָכאַמאָל אויף אַ פֿרישן באַרג... נאָר ער שעמט זיך. זי, דאָס מיידעלע, גייט אַזוי שיין אָנגעטון און איר טאַטעשי טראָגט אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט אויף דער ברוסט, אויך איר מאַמעשי גייט אַזוי שיין אָנגעטון — שעמט ער זיך...

וועט ער צו איר נישט צוגיין, זאָל זי אַליין זען וואָס ער קען. נאָר אין אַ היטל איז נישט שיין, ס'איז שענער אין בלויזן קאָפּ, אַזוי ווי אַ גרויסער יונג, אַזוי ווי אַ שייגעץ, אַזוי ווי וואַצעק דעם וועכטערס, וואָס האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט און שלאָגט זיך מיט אַלעמען פֿון דער געגנט ביז בלוט, אָט אַזוי... און מיט איין שפּרונג איז פֿאַלק אין שטוב, דערלאַנגט אַ שמיץ אַראָפּ פֿון זיך דאָס היטל און מאַכט פּיס אַרויס; אַז די פֿאַבריקאַנטין וויל אים איינהאַלטן, עפּעס פֿרעגן, גליטשט ער זיך אַרויס פֿון אירע פֿינגער און גיך-גיך איז ער אויפֿן הויף, אויפֿן זעלבן אָרט ווי פֿריער, נעבן באַרג, דאָרט ווו

דאָס מיידעלע שטייט און חדושט זיך. נאָר איצט איז ער, פאַלק, אָן אַ הוט, אין בלויזן קאָפּ, אַזוי ווי וואַצעק; — פאַלק גיט אַ שפּרונג אונטער אַזוי ווי אַ קאַץ און דראַפּעט זיך פון איין ברעט אויפן צווייטן, העכער אַרויף פון איין ברעט אויפן צווייטן, פון צווייטן אויפן דריטן, וואָס אַמאָל גיכער, אָט שטייט ער סאַמע אויבן, אויפן שפּיץ, אין דער הייך, די ברעטער וואַקלען זיך און ער שטייט — ער קוקט אַראָפּ אונטן; מ׳טאָר נישט אַראָפּקוקן און ער קוקט אַראָפּ... דער קאָפּ פאַרדרייט זיך און אין די אויגן שווינדלט. דאָס מיידעלע עפנט דאָס מיילעכל מיט די אייגלעך פאַר אַנטציקונג, זי שפּרייט אויס די הענטלעך צו אים, זי קאָן זיך מער נישט איינהאַלטן, זי שרייט אויס — —

— פּלוצים:

— טראַך, טראַך, באַך!

אויפן הויף ווערט אַ טומל, אַ צוזאַמענגעלויף, מ׳טראָגט פאַלקן אין שטוב אַריין, מ׳לייגט אים אַוועק אויפן בעט —

— וואָס זאָל איך טון? — פאַרענטפערט זיך די מוטער און ברעכט די הענט פאַר פאַרצווייפלונג — נעבעך אַ ווילד קינד, נישטאָ ווער ס׳זאָל אויף אים אַכטונג געבן; אַז איך בין תּמיד פאַרהאָרעוועט ביים אויוון.

צו וועמען פאַלק האָט זיך צוגעבונדן? — צו אברהם־יעקבן. קיינעם האָט פאַלק נישט אַזוי ליב, ווי דעם אַלטן אברהם־יעקב, מיט די בלאָע ברילן איבער די אויגן און מיט דער שטינקעדיקער ליולקע אין מויל. קיינמאָל לאָזט ער די ליולקע פון מויל נישט אַרויס און שפּייט אויס גאַנצע קנוילן געדיכטן, בלאָען רויך אַזוי ווי פון אַ פאַבריק־קוימען... גענוג אַז אברהם־יעקב זאָל אַריינקומען אויף עטלעכע סעקונדן אין שטוב אַריין און ס׳זאָל ווערן גראָ און נעפּלדיק, אַזוי ווי אויף אַ וואָקזאַל.

אברהם-יעקב געפונט זיך דאָ נישט לאַנג. ער קאָן נאָך כמעט קיין יידיש נישט רעדן און אין זיין קיילעכדיקן, שאַרפן און כאַכאָלסקן רוסיש, בראָקט ער אַריין געציילטע יידישע ווערטער, וואָס ער האָט אין דער קורצער צייט זיך דאָ אויס-געלערנט.

זעקסאונדרייסיק יאָר דורכאַנאַנד איז דער אַלטער אברהם-יעקב געווען פאַרשיקט אויף סיביר. ער האָט דאָרט געפּאַשעט חזירים ביי אַ רייכן פּויער און אים איז געווען גוט. די היים, פון וואַנען מ׳האָט אים צוגענומען אין יאָר 1870, אַלס צוואַנ-ציק יעריקן יונגמאַן, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. איצט איז אברהם-יעקב אַלט 57 יאָר, דאָך זעט ער אויס אַזוי ווי פון אַ זיבעציקער. סיביר האָט אים אַזוי פאַרעלטערט. זיצט ער גאַנצע טעג, ווינטער — ביים אויוון און זומער — אויפן הויף, אויף אַ באַרג האָלץ-וואָל און פּיפּקעט. אַ פונט ראַזאָוואַנע ברויט, אַ געבראָטענער הערינג, אַ פלעשל בראָנפן מיט אַ פעקל מאַכאָרקע — דאָס איז פאַר אים גענוג אויף אַ מעת-לעת צום לעבן.

זיצט ער אויף אַ קופּע האָלץ-וואָל אָדער ברעטער און טראַכט, טראַכט און ווען אים ווערט לאַנגווייליק, פאַרקריכט ער אין אַ ווינקל אַריין, פאַרמאַכט די אויגן אונטער די בלאָע גלעזער פון זיינע ברילן און זינגט האַרציק רוסישע אָדער סיבירסקע לידער. ער זינגט און אין זיין דמיון וואַכן אויף אַמאָליקע גוטע דערינערונגען, פון ערגעץ ווייט-ווייט, דאָרט ווו ס׳איז גוט געווען און ס׳איז היימלעך געווען — —

יעכאַל נאַ יאַרמאַרקו,
אוכאַר קופּיעץ;
אוכאַר קופּיעץ —
דאָלוי מאָלאָדיעץ.

נאָר די עלטערע יידן דאָ, האָט אברהם-יעקב פיינט, ווייל זיי מאַכן פון אים חוזק. און וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אַז ער, אברהם-יעקב, ווייס נישט וואָס ס׳איז כשר און וואָס ס׳איז טריף? ביי אים איז אַלץ כשר. אַפילו אויספּאַטשן אַ

רעווירּאָווע, איז ביי אים געווען כשר; און צעבערעכן יענעמס שווערד, באַפרייען גנבים, אָנוואַרפן אַן אימה אויף דער גאַנצער שטאָט, נעמען געזעגלט ביי מיידלעך און ייִנגעלייט אַז זיי זאָלן מעגן שפּאַצירן הינטערן בית־עולם, ממיתן סטראַזשניקעס אין שענק, אָנשפּייען באַלעבאַטים אין צורה און אויסזידלען דאָזאָרעס — אַלץ איז ביי אים געווען כשר. ביי אים איז אַפילו געווען כשר, אין אַ מיטן העלן טאָג זאָל מען אים שליסן ביידע הענט אויף הינטן, אויפלייגן אים אויף אַ פורערשן וואָגן, אַרום באַרינגלט „קאָנאָוואָי" מיט די בלאַנקע שווערדן אין דרויסן און אים פאַרשיקן אויף אייביק קיין סיביר.

— אברהם־יעקב, אַ ייִד טאָר נישט עסן אומגעדאַוונט.

— אברהם־יעקב, מ׳טאָר נישט עסן מילכיקס מיט פליישיקס צוזאַמען.

— און טריפהנעם קיעלבאַס טאָר מען אויך נישט עסן, אברהם־יעקב.

אַזוי פלעגן צו אים טענהן די געזעלן.

— און אַז מ׳טאָר נישט לעבן אויף דער וועלט און מ׳לעבט?.. — איז געווען אברהם־יעקבס אָפּטער און אייגענער ענטפער. אָנגעכמורעט זיך און פאַרשוויגן געוואָרן. אויפסנייאָנגעשטאָפּט די ליולקע מיט פרישער מאַכאָרקע און ווייטער געפּיפּקעט.

שבת פאַרטאָג, אַז ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן גראָען אויפן הימל, פלעגט אברהם־יעקב אַראָפּקריכן פון געלעגער און אייניייצן דעם אויפזעערס אויוון, דערנאָך איז ער אַ גאַנצן טאָג געלעגן אויף אַ באַרג זעגעכץ אָדער אויפן פעלד און געררייכערט. פלעגט עס די פרומע יידישע געזעלן פאַרדריסן:

— אַ ייִד טאָר נישט רויכערן אומשבת, אברהם־יעקב.

— און פייער מאַכן טאָר מען נישט. אַזאַ אַלטער דאַרף שוין וויסן און זיך שעמען.

— און אַז מ׳טאָר נישט לעבן?..

האָט מען אים געלאָזן צורו.

נאָר די ייִנגען האָבן ליב געהאַט צו מאַכן לצנות פֿון אַלטן און זיך מיט אים גערייצט:

— קאַטערזשאַן!

— סיבירניק!

פֿלעגט עס אברהם-יעקבן אויפֿקאָכן ביזן ביין און דאָס בונטאַרישע בלוט האָט זיך אין אים אָנגעצונדן...

— איך? אַ סיבירניק?.. — פֿלעגט ער רשוון צעיושעט און זיך לאָזן מיט אַ שייט האָלץ נאָך יענעם איבער די פֿעלדער — איך אַ קאַטערזשאַן?..

און אברהם-יעקב האָט זיך דאָ אָנגעהויבן פֿילן פֿרעמד און אומגליקלעך. אים איז געווען ענג צווישן די ייִדן מיט זייער פֿרומקייט. אברהם-יעקב איז געווען מער רוס ווי ייִד, אַן אמתער כאַכאָלסקער פּאַסטוך פֿון סיבירער סטעפּעס...

— עך, ביי אונדז אין סיביר, איז דאָס לעבן געווען אַ לעבן, — דערציילט אברהם-יעקב אויף זיין האַרטן, רוסישן ייִדיש — געקומען זונטיק, מוזשיקעס זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן דאָרף און מיידן — קראַסאַוויצעס... זיך אָנגעשכורט, געטאַנצט, געשפּילט אויף גאַרמאָשקעס — האָ-האָ!..

און דער אַלטער פֿאַרטראַכט זיך, באַלעקט זיך רחמנותדיק און פֿאַרגייט אין אַ שטיל, טרויעריק לידל.

— פּראָפּאַלאָ!..

אַ מאַך מיט דער האַנט און געשוויגן. בלויז די גראָע קנוילן רויך רעדן פֿאַר זיך, זיי דערציילן פֿון אַלטנס עלנט, פֿון אַלטנס איינזאַמקייט און יסורים; געמוזט אָפּקומען אַ שטראָף — קומט ער זי אָפּ דאָ, אין שטאָט, צווישן פֿרעמדע, וווּ אַלע קוקן אויף אים אַזוי ווי אויף אַ פֿאַרברעכער, אַ קאַטאָרזשניק... און דאָס אַלטע האַרץ איז שטאַרק, עס האַלט אויס און פּלאַצט נישט...

אַז מ'קוקט אָן דעם איינגעקאָרטשעטן און איינגעשרומפּעטן פּנים אַלטן, ווילט זיך בשום-אופֿן נישט גלויבן זיינע העלדישע מעשׂים, זיינע קריגערישע שטיק. און אפֿשר האָט מען אים דערפֿאַר נישט ליב? נאָר פֿאַלק גלייבט אים און פֿאַלק האָט אברהם-יעקבן ליב; ער האָט אים ליב פֿאַר זיין משונהדיקן אויסזען,

פאַר זיין שלעכטער שפּראַך, פאַר זיינע בלאָע ברילן מיט דער ליולקע און פאַר זיינע מעשיות, וואָס פאַרפּשופן די קינדערישע פאַנטאַזיע. זיצן ביידע, אברהם־יעקב מיט פאַלקן, אין אַ ווינקל אויף אַ קופּע ברעטער, ס׳איז אויפדערנאַכט און ביידע זעען אויס אין דער טונקלקייט, אַזוי ווי צוויי שאָטנס און דער אַל־טיטשקער דערציילט מעשיות פון זיין פאַרגאַנגענהייט און פאַלק זעט פאַר זיך פּאָליציי... גנבים... סיבירער פעלדער... קאַטאָרזשניקעס... אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען פרעמד און ווייט און אומפאַרשטענדלעך דעם קינדערישן מוחל. און פאַלק האָט פאַר דעם אַלטן דרך־ארץ, ער שעצט אים און האָט אים ליב. דעם איינציקן מענטשן וועלכן פאַלק האָט ליב און וועל־כער האָט אויף אים די שטאַרקסטע השפּעה.

אין די אויגן פון פאַלקן, איז אברהם-יעקב אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ העלד אין אַ וווּנדערלעכער געשיכטע; ער, אברהם־יעקב, איז אפשר אַליין אַ וווּנדערלעכע געשיכ־טע — נאָר מ׳דאַרף קאָנען אַריינקוקן טיף אין די בלאָע אויגן־גלעזער אַריין און אויפכאַפּן זיין ניגון און אויפנעמען זיין שווייגן, כדי מ׳זאָל אים גוט פאַרשטיין און ליב האָבן.

און פאַלק, דער קליינער, דער אַכט־יאָריקער, דער באָר־וועסער און אָפּגעבריענטער יינגל, ער פאַרשטייט גוט דעם אַלטן אברהם־יעקבן און ער האָט אים ליב — אים, דעם סיבירניק, דעם קאַטערזשאַן, דעם מענטש פון דער וווּנדערלעכער גע־שיכטע...

אַזוי האָט פאַלק געלעבט, אַזוי האָט ער זיך דערצויגן.

אָבער מיטאַמאָל און אומגעריכט פאַר אַלעמען איז גע־קומען אַן ענדערונג. די פאַבריק איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַן אַנדערן און דער אויפזעער יהודה, פאַלקס פאָטער, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון פּאָסטן. שטיל און אבלדיק, אַזוי ווי נאָך אַ שווער אומגליק, האָט מען זיך אַרויסגעצויגן פון די גרויסע בריוווחדיקע און מיט גאָלד־בלאָ־אָראַנזש פיין-געמאָלטע

צימערן. מ׳האָט זיך איבערגעקליבן אין אַ צווייטן שטאָט־קוואַרטאַל, אין באַשיידענע האַלב־אָרעמע חדרים. די הייזער אין דערדאָזיקער גאַס זענען געלעגן ענג־צענויפגעקוועטשט איינס צום אַנדערן; בייטאָג האָט דאָ געהערשט אַ גערויש פון קרעמער און הענדלער מיט אַלטוואַרג און אויפדערנאַכט, ווען די לאַמטערנעס האָבן זיך אָנגעצונדן אויף ביידע זייטן טראָטואַרן, איז דאָס געסל אָנגעפילט געוואָרן מיטן געשריי און געפּלאַפּלערײַ פון די קינדער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן שפּילן קופּקעסווייז אין דרויסן.

פּאַר פּאַלקן איז דער צופאַל געווען אַ גליק. ער האָט געקריגן חברים און געקאָנט מיטאַמאָל אויסלעבן זיין קינדערישע ענערגיע, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט און נישט אויסגענוצט איינער אַליין, אין דער איינזאַמקייט, אויף די פעלדער.

ער איז געווען פריש און קרעפטיק און ברויזיק. באַזונדערס האָט פּאַלק דאָ אָנגעהויבן זען אַסך זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט אין פּאַבריקס־הויף אַפילו קיין השגה נישט געהאַט. קרעמער, שכורע זידלערייען און פיר מאָל אין טאָג — לאַנגע שורות פאַרחושכטע אַרבעטער, מיט שוואַרצע איינגעשמירטע פּנימער, מיט בלאָע קריגלעך אין די הענט, ציען זיך דורך אַלע גאַסן אין די גרויסע פאַבריקן אַריין און פון דאָרט אַהיים. ער זעט טראַמווייען מיט זייער רעשיקן „גלין־גלאָן” און אַזעלכעס וואָס מ׳רופט „פּאָגאָטאָוויע”... אָבער זיין גרעסטע פרייד, דאָס זענען שרפות. דאָ, אין מיטן שטאָט, ווו מענטשן זענען אַזויפיל און הייזער אַזוי ענג, קאָן מען זען אַסך שרפות, אַמייסטן זומער. און אַז פּאַלק דערהערט נאָר דאָס קלינגערײַ פון די סטראַזשאַצקע וועגענער, פאַרשטייט ער — ערגעץ ברענט! און מאָמענטאַל לאָזט ער זיך אויס לויפן נאָכן פּענדזנדיקן וואָגן און ווערט פאַרשלונגען אין ווייסן וואָלקן שטויב, וואָס הייבט זיך אויף פון דער ערד.

און אַז דאָס פייער קנאַקט, רייסט זיך משוגענערווייז אַרויף אין דער הייך — טאַנצט פּאַלק פאַר פרייד, אים געפעלט עס. און ווי שיין און שנעל און קונציק די סטראַזש

קריכן און דראַפּן זיך אויפן לייטער — גאָר אָן שום מורא, פלינק און דרייסט און גלייך אַזוי ווי די קעץ. אָט אַזוי ווי ער, פאַלק, איז געקראָכן אויף די ברעטער-בערג אין פאַבריקס-הויף, דאַמאָלס, ווען ער האָט זיך געוואָלט באַווייזן פאַרן פאַבריקאַנטס מיידעלע און אַראָפּגעקנאַקט — באַץ!.. אָבער היינט וואָלט ער זיך גוט געהאַלטן, ער איז שוין שטאַרקער, ער וואָלט זיך נישט געוואַקלט און נישט געפאַלן. ווי גוט איז צו זיין אַ פייערלעשער! גיין אָנגעטון אַ מעשענע קאַסקע אויפן קאָפּ, מיט אַ העקל ביי דער זייט און דינען אין דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע. מאַכט זיך א שרפה, אַן אומגליק, אַלע מענטשן צעלויפן זיך אַזוי ווי די ווערים, אַזוי ווי די טכוזשעס, באַהאַלטן זיך אין די לעכער אַריין און ציטערן — נאָר אים, פאַלקן, דעם פּאָזשאַרניק, אים רופט מען צו ראַטעווען; ער שטייט גרייט אָנגעטון אין זיינע גלאַנציקע שטיוועלעך — איינס-צוויי, און פאַלק שפּרונגט מיטן העקל אַרויף אויף די לייטערס, אויפן דאַך, לאָזט זיך אַראָפּ אויף שטריק... און אַלע באַוואונדערן אים, צעעפענען די מיילער און שטוינען, שרייען אויס פון אַנטציקונג, נאָר אים אַרט עס נישט — ער דראַפּעט זיך אַרויף הויך, און נאָך העכער, און נאָך העכער...

— טשעוואָ סאָבראַליסיאַ? ראַ—זוי—דיס! — שרייט דער גאָראָדאָוואָי אַן אָנגעבלאָזענער פון אויפרעגונג און טרייבט דעם ביגיריקן המון.

פאַלק רייסט איבער זיינע מחשבות און ציט זיך צוריק. פאַרטראַכט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גייט ער אין זיין גאַס אַריין. יאָ, נישט אַנדערש, גרויסערהייט מוז ער ווערן אַזאַ פייערלעשער, אַזאַ סטראַזש ווי זיי אַלע — ער קאָן בעסער פאַר זיי, זאָל מען אים נאָר לאָזן: זאָל אים נאָר דער גאָראָדאָוואָי נישט טרייבן, נישט בייזערן זיך אויף אים... וואָלט ער זיי געוויזן... — —

אויפדערנאַכט נאָכדעם אין געסל, נאָך אַזאַ געשעעניש, לייגט פאַלק פאָר זיינע חברים צו שפּילן זיך אין סטראַזש, אין אמתע סטראַזש — מיט איינשפּאַנען זיך, מיט לויפן, מיט טראָ-

מייטערן, מיט קלעטערן... און אַלעמען געפּעלט עס — און די קינדערישע געמיטער צעהיצן זיך. דראַפּעט מען זיך אַרויף אויף עמעצנס טירן, אויף די ליידיקע, אויסגעשפּאַנטע וועגענער אויפן הויף — מ׳טראַמייטערט און מ׳פליט איבער גאַסן — — —

אין אַן אויפדערנאַכט איז אַמאָל פּאַלק צוגעקומען צו אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אין פלאַם פון שרייעדיקע פייערן. איבער עלעקטרישע לאָמפּן אויף די ווענט — אַ סך פאַרביקע בילדער און פּלאַקאַטן. פּאַלק האָט געוואָלט זען וואָס אינעווייניק טוט זיך. אַלע גייען אַריין גלייך, אומגעשטערט און ער, פּאַלק, קאָן נישט — ער האָט נישט קיין געלט; נעמט ער, אַ קלייניקער איז ער און גנבעט זיך אַדורך דעם שווייצער דורך די פיס, יענער וויל אים אָנכאַפּן — נאָר פּאַלק איז שוין נישטאָ, אויסגעמישט זיך מיטן עולם. אַזוי האָט ער דאָס געמאַכט אַלע טאָג, ביז דער שווייצער — אַ ברוינער נעגער, מיט גראָבע, רויטע ליפּן און ווייסע, בלישטשעדיקע ציין, מיט אַ רויטן מאַנטל און געלע, מעשענע קנעפּ — האָט אים דערלאַנגט אַ שמיר מיטן גומענעם באַטיק איבערן קאָפּ, אַז ס׳האָט אַזש אַ ברי געטון איבערן גאַנצן לייב — נאָר ס׳האָט זיך געלוינט. פּאַלק האָט געזען אינטערעסאַנטע און שרעקלעכע זאַכן: באַנען... שיפן... געיעגן... קאַטאַסטראָפעס... שיסערייען... — — יענע וואָך האָט זיך פּאַלק אויך אויף אַזאַ אויפן אַריינגעגנבעט, נאָר ער האָט געזען ווי מ׳קושט זיך, מ׳שרייבט בריוו, מ׳וויינט — און די מוזיק שפּילט אַזוי טרויעריק, איז אים געוואָרן לאַנגווייליק, די אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן און ס׳האָט זיך אים געוואָלט גענעצן — איז ער געוואָרן אין כעס: פּאַלק האָט אַ שפּיי געטון אויף דער ערד און אַרויס — פּיו!.. קושן זיך, אַ וואַזשנע קונץ!..

אַ גאַנצע וואָך נאָכדעם, דרייען זיך פּאַלקן אין קאָפּ די העלדישע קינאָ-געשיכטעס. אָט איז ער אַליין אַזאַ פּאַרשוין, וואָס לויפט, יאָגט זיך גאַליאָפּ נאָך אויטאָבאָבילן, נאָך

באַנען... ווי ביי „פאַנטאָמאַסן", ביי „זיגאָמאַרן", ביים קעניג פון דער „אייזערנער האַנט" אָדער ביים קעניג פון דער „שוואַרצער מאַסקע"... און ביינאַכט אפילו, חלומט זיך פאַלקן זיגאָמאַר, פאַנ־טאָמאַס; זיי קומען צו אים, גרויסע, אייזערנע מענטשן, זיי נעמען אים מיט זיך; ער ווערט אויך אַ פאַנטאָמאַס, אַזאַ מגושמדיקער נפש, פאַר וועמען אַלע שרעקן זיך, ציטערן און ער וואַרפט אָן אַן אימה אויף אַלעמען פון גאַנצן לאַנד... אַלע האָרכן אים און אַלע פירן אויס זיין באַפעל... — — —

איז דערפאַר פאַלקס שטאַרקסטע ליבע, צו שפילן זיך מיט די חברים זיינע אין באַנדיטן. ער, פאַלק, איז דער קעניג פון די באַנדיטן אָדער פון די דעדעקטיוון. אַלץ איינס! דער פאַרפאָלג־טער אָדער פאַרפאָלגער, דער געיאָגטער אָדער דער יעגער... ער וויל בלויז זיין דער גרעסטער און דער געפערלעכסטער — דאָס איז אינטערעסאַנט!

און אַלץ איז ביי פאַלקן אַזוי ווי דאָרט — אין קינאָ. ער האָט אויך אַ שוואַרצע מאַסקע, (אַליין געמאַכט זיך) און אַ ליולקע האָט ער, אמת, אַ האָלצערנע, אָבער אַ ליולקע איז עס. און אַ ציגאַרן־שפּיץ האָט ער; און ברילן פון וועלטשענע ניס, אויפגעצויגן אויף אַ שטריקל און אַ באַטעריע־לעמפּל און אַ שפּיז־רוט מיט אַ רעוואָל־ווער; דער רעוואָלווער איז אַ גרויסער, אַ שווערער און אַן איי־זערנער — אויף פולווער. (אָן אַ רעוואָלווער איז מען קיין באַנדיט נישט...) און כלים האָט ער: דראָטן, שטריק, פרענטן... און דאָס באַטעריע־לעמפּל מיטן רעוואָלווער טראָגט ער תּמיד אין קעשענע און בעתן שפּילן זיך, ווילט זיך אים נאָכטון אַלץ אַזוי ווי דאָרט — ביי דער „אייזערנער האַנט". וועט ער עלטער ווערן, וועט ער זיך קויפן אַן אמתן רעוואָלווער, מיט אַן אמתן רעוואָלווער האָט מען פאַר קיינעם קיין מורא נישט, מ'קאָן גיין היינטערן שטאָט אַרומטער. און פאַלק גנבעט זיך אַריין אין שטוב אַריין, שטעלט זיך אַוועק מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט קייגן איבער דעם שפּיגל — ער וויל זען צי ער זעט אויס פונקט אַזוי ווי יענער, אין קינאָ, וואָס ראַ־טעוועט זיך מיטן רעוואָלווער פון די גרעסטע געפאַרן... אמת, אויך אַזעלכע אויגן דאַרף מען האָבן אַזוי ווי יענער — טיפע, בייזע און

אַן ערנסט פּנים, מיט שאַרפע, אויסגעקרומטע ליפּן... דאָס גיט צו דעם אויסזען פון אַ שטרענגען און געפערלעכן העלד... און פאַלק פאָזירט, אים געפעלט דער זשעסט פון אַ מעכטיקן טיטאַן, ביי וועמען אַלץ קאָן צעטרעטן ווערן דורך זיינע ריזיקע פיס און פאַלק באַשליסט פעסט ביי זיך: וועט ער אויפוואַקסן, וועט ער ווערן דער גרעסטער באַנדיט אָדער דער גרעסטער דעדעקטיוו אין דער וועלט!..

אַז פאַלק האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיינע שפּילערייען, איז ער געוואָרן שטאַרק הונגעריק און דורשטיק. די מאַמע זיינע איז נאָר וואָס אַריין צו אַ שכנה און פאַלקן געלאָזן אַליין. אין בויך האָט אים געגראַבלט דער הונגער, אַזוי ווי פרעמדע בריאומלעך וואָלטן דאָרט אַרומגעקראָכן און אין האַלדז האָט אים געטרוקנט — טרונקען! און פאַלק איז צו צום קרעדענס, אויפגעעפנט די טירלעך, האָט ער גענומען נישטערן צווישן די טעלער, גלעזער און טעפּ, פלוצים — פאַלק איז דערציטערט געוואָרן פון פרייד און ס׳איז אים אַדורכגעלאָפן אַ וואַרעמקייט איבער אַלע גלידער — בראָנפן! אַ גאַנצע פלאַש בראָנפן... אוודאי ערשט געבראַנגט פון מאָנאָפּאָל. איידער די מאַמע וועט אַריינקומען און שרייען, וועט פריער פאַלק אַרויסשלעפּן דעם קאָרעק און איבערדרייען די פלאַש אין גאָרגל אַריין. תמיד ווען פאַלק טרונקט אויס דעם בראָנפן שרייט זי איבער אים — זי וועט, זאָגט זי, דערציילן דעם טאַטן, וועט ער אים שלאָגן... פאַלק לאַכט זיך אויס. אַז דער טאַטע קומט, לויפט פאַלק אַרויס אויפן הויף און באַהאַלט זיך אונטערן וואָגן... ביינאַכט, ווען דער טאַטע שלאָפט, שלייכט זיך פאַלק אַריין אויף די נעגל און קריכט אַוועק אויף זיין געלעגער. צומאָרגנס — איז דער כּעס ביים טאַטן אָפּגעקילט און ער מאַכט זיך נישט געדענקען וואָס נעכטן איז פאָרגעקומען...

דער קאָרעק איז אַרויסגעשפּרונגען און פאַלקן איז פאַרקראָכן אַ ביטערער ריח אין נאָז. אין האַלדז איז אים גע-

וואָרן נאָך ביטערער — — ער קאָן נישט וואַרטן אויף דער מאַמען, דאַכט זיך, מ׳גייט! גיכער ציען זיך די ליפּן צו דער עפענונג פון דער פלאַש צו און — איבערגעקערט אין מויל אַריין... נאָר פאַלק האָט אפילו נישט געקאָנט אויכשרייען. דער בראָנפן האָט צו ראַפּטעם אַ פלייץ געטון אין קעל אַריין, אַזש דער אָטעם האָט פאַרכאַפּט; די אויגן האָבן זיך אים אַרויסגעזעצט און איבערגעלאָפן מיט טרערן און ער האָט אַרויסגעלאָזן די פלאַש פון דער האַנט אויף דער ערד אַראָפּ — — — אויפן בראַזג פון צעבראָכענעם גלאָז, איז אָנגעלאָפן אַ דערשראָקענע די מוטער מיט נאָך עטלעכע שכנים. פאַלק האָט נישט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך גע-וואָרפן דער מאַמען אין די אָרעמס אַריין, זיך פאַרקייכט און פאַרגאַנגען אין אַ כליושטשן —

— וואַסער, זאָל מען אים געבן וואַסער!..

מ׳האָט פאַלקן אָפּגעראַטעוועט און די מאַמע זיינע האָט זיך צעשריגן:

— פין קליינוויין אויף אַזוי, ווי ס׳ציט אים צום פלעשל. אַ קליפּה אַזאַ אין דעם ייִנג, כאָטש צעהאַק אים אויף שטיקער!...

פאַלק וויינט נישט, אים פאַרדריסט נאָר די מאַמעס רייד. האָט ער זיך אַריינגעשטעלט אין אַ ווינקעלע און שווייגט. שטייט ער, פאַלק, און צייכנט מיט די פינגער אויף דער שאַנק. אין ווינקל, וווּ ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ ביסל שטויב. ער מאַליעוועט מענטשן און פערד און הינט — פון אויבן ביז אַראָפּ; גרויסע מענטשן, מיט קעפּ און מיט שפּיזן — —

— וואָס פאַרשמירסטו די שאַנק? שאָדנווינקל! — ביי-זערט זיך איבער אים די מאַמע און שלעפּט אים אַפּער ביי אַ הענטל — גיי, גיי אַ ביסל אויפן הויף אַרויף, גיי!.. — —

מיט טעמפּע און פוילע בליקן, נישטערט פאַלק אַרום אויפן הויף. אָט הייבט ער אויף אַ שטיין פון דער ערד, ווישט אָפּ פון אים די בלאָטע און שליידערט אים אַוועק אין היל-צערנעם פּלויט אַריין, פּונקט אויף יענעם אָרט, וווּ עמעץ האָט מיט ווייסן קרייד אָנגעקריידט דאָס וואָרט „חוהטשע"...

אָבער צו וואָס טוט ער דאָס? גאָרנישט! ווייל ער וויל אַזוי... חוהלען, דעם ווירטס, האָט פאַלק שטאַרק פיינט, ער האָט איר ביטער פיינט, ווייל זי איז אַ שיינינקע און זי געפעלט אים. נאָר תמיד איז ביי איר אַן אַרויפגעריסן נעזל, אַזוי ווי זי וואָלט פון זיך געבלאָזן מיט גאווה... גייט ער צו איר נישט צו, זאָל זי נישט מיינען, אַז ער וויל מיט איר ווערן חבר; נאָר להכעיס אַלעמען און להכעיס חוהטשען, ווילט זיך אים אָפטון משוגענע און ווילדע שטיק. און די הינער וואָס קומען אָנצו-גיין מיט אַ געפּרעפּל און געמורמל, שרעקט פאַלק איבער — די הינער שפּרייטן אויס די פליגל און צעלויפן זיך אין מהומה און פאַלק לאַכט, נישט אויפן קול, נאָר שטיל, אין זיך אַריין...

— זיי, די מאַמע מיט חוהלען, מיינען אַז ער קאָן נישט טרונקען קיין בראָנפן — טראַכט פאַלק ביי זיך — איצטער האָט ער זיך נאָר אָפּגעבריט, ווייל ער האָט צו שנעל אַ גאָס געטון מיט דער פלאַש, אָבער גרויסערהייט, וועט ער זיך אַלע טאָג קויפן אַזאַ פלעשל אין מאָנאָפּאָל און אַריינציען מיט איין ציי. און זאָל עמעץ אים דאַמאָלס עפּעס זאָגן, נו?.. ניין, ער וועט זיך נישט בריען! ער וועט זיך אַפילו איינמאָל נישט בריען, איינמאָל נישט...

פאַלק איז עלטער געוואָרן און אָוועקגעוואָרפן די שפּי-לערייען. שוין צוויי יאָר ווי ער איז ביי אַ בעל-מלאכה — אַ וועבער. ער אַרבעט פון פינף פאַרטאָגס ביז עלף ביינאַכט. אַזוי ווינטער און זומער און ער קאָן שוין באַלד דאָס פאַך. זאָל מען אים נאָר געטרויען, וואָלט ער שוין ביים היינטיקן טאָג אַליין אַרונטערגעגאַנגען אונטערן „שטול" אַרונטער, גענו-מען די לאַדע אין דער האַנט אַריין און ס'וואָלט געשווינדן אַ שמיץ נאָך אַ שמיץ. אָבער סיי-ווי וועט ער באַלד ווערן געזעל. אין עטלעכע וואָכן אַרום ענדיקט זיך דער טערמין און ער, פאַלק, וועט זיין אַ זעלבסטשטענדיקער געזעל. ער

קאָן נאָך אָבער נישט דערגרייכן מיט די פיס צו די פושעמו, ווייל ער איז נאָך אַ קליינינקער. און אַז מ׳קאָן נישט דער־גרייכן צו די פושעמו, קאָן מען גאָרנישט אויפטון. פון פאַלקן איז מען צעפרידן, אי דער מייסטער און אי די געזעלן. ער, פאַלק, האָט אַ גוטן קאָפּ — טענהן זיי — און ער באַגערט. פאַר־וואָס זאָל ער דען נישט באַגערן? אַז ער וועט זיין אַ בעל־מלאכה און פאַרדינען אַ סך געלט, וועט ער קאָנען אויספירן אַלע זיינע פאַרלאַנגען, ווי ער האָט זיך פאָרגענומען. קומט ער טאַקע צו דער צייט און אַרבעט מיט חשק און לערנט זיך מיט געשמאַק... ער אַרבעט און זינגט. אַז מ׳זינגט, אַרבעט זיך גאָר אַנדערש: מיט אימפעט, מיט ברען און דאָס וואָס מען טוט, קומט אויס אַ שפּילעכל, אַ פאַרגעניגן... שוין איצט נעמט פאַלק אַ רובל מיט פינפציק קאָפּיקעס אַ וואָך שכירות, נאָר ער גיט עס אַריין אין שטוב. פאַר פאַלקן איז עס אַ סך געלט, ווייל אפילו דער געזעל אייזיק, זיין געזעל, אייזיק מיטן גראַנאַטע־נעם אַנצוגל, וואָס טאַנצט טאַנגאָ און לייענט מיסיאָנערישע ביכ־לעך, פאַרדינט אויך נישט מער ווי דריי אָדער פיר רובל אַ וואָך, און אמאָל, פאַרן ליווערן די סחורה, אַז מ׳איז אויף אַ נאַכט איבערשעהן, פאַרדינט מען ביז אַ פינפערל.

און אַפילו מאיר-וואָלף, דעם מייסטערס קוזין, אַ חסיד מיט אַ סאמעטן היטל, וואָס קייעט תמיד די צונג, ער פאַרדינט אויך נישט מער, טראָץ דעם וואָס ער שמט מיט זיינע גאָלדע־נע הענטלעך...

אייזיק איז טאַקע געזעל, נאָר אייזיק האַלט זיך מיט פאַלקן אַזוי ווי מיט זיינס גלייכן און דערציילט אים, יעדן זונטיק, ווי אַזוי ער, אייזיק, האָט נעכטן, שבת, פאַרברענגט אין טאַנץ־זאַל, ווי אַזוי ער האָט זיך געוויילט און מיט וועמען זיך באַ־קאָנט; און אַ גאַנצע וואָך שמועסט אייזיק מיט פאַלקן וועגן מיסיאָנערן, ווו מ׳קומט זיך צונויף און מ׳האַלט דרשות און דערנאָך טיילט מען פונאַנדער קורצע, בייכיקע ביכעלעך און דידאָזיקע בי־כעלעך טאָר מען נישט געבן קיינעם איבערצולייענען... און ער, אייזיקס טאַטע, טאָר פון דעם נישט וויסן, און פון די ביכע־

לעך טאָר ער אויך נישט וויסן, אַז נישט וואָלט ער די ביכע־
לעך ארייגעוואָרפן אין פייער אַריין און פאַרברענט און אים,
אייזיקן, וואָלט ער געשלאָגן, טראָץ דעם וואָס ער איז שוין
אַזאַ גרויסער יונג, און אפשר וואָלט ער אים אויך אינגאַנצן
אַרויסגעטריבן פון שטוב אַרויס.

טראָגט זיך אייזיק אַרום מיטן סוד און ער קאָן אים
אין זיך נישט האַלטן — ער באַטראַכט זיינע מעשים פאַר
אַ העלדישקייט און אים ווילט זיך שטאַרק, אַז עמעצער זאָל
אים דערפאַר באַוווּנדערן — דערציילט ער דאָס פאַלקן און
פאַלק באַוווּנדערט אים טאַקע...

נאָר פאַלק האָט אייזיקן פיינט, ער טראָגט אויף אים אַ
באַהאַלטענע, שטומע שנאה, דערפאַר וואָס אַמאָל, שפּעט בײ־
נאַכט, ווען מ'האָט געאַרבעט איבערשעהן, איז פאַלק שרעקלעך
מיד געוואָרן; ער איז געפאַלן איינגעמאַטערט אויפן „שטול"
און די אויגן האָבן זיך גענומען פון זיך אַליין קלעפּן, צומאַכן
זיך, כאָטש נעמען און מיט געוואַלט פונאַנדעררייסן זיי. האָט
ער אָבער, פאַלק, נישט געהאַט מער קיין כוח. דער זייגער
האָט אויסגעשלאָגן איינס — איינס ביינאַכט און פאַלק איז
אַנטשלאָפן געוואָרן. און אפשר איז ער גאָרנישט אַנטשלאָפן
געוואָרן? מעגלעך אַז ער האָט זיך נאָר פאַרטראַכט און פאַר־
געסן זיך און אַ־ויסגעלאָזן די רוט פון דער האַנט אַרויס. די
לאַדע איז האַסטיק צוגעפאַלן און שיעור נישט אַרויסגעטריי־
בערט די גאַנצע קעטע — דעם מעהייער מיטן גרונט צוזאַמען...
אַ הילכיקער פאַטש האָט דאַמאָלס פאַלקן אויפגעוועקט פון
שלאָף. פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַזוי ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל
און נישט געקאָנט זיך דערמאָנען: ווו? ווען? — באַלד איז
ער אָבער געוואָרן וואַכעדיק, געקומען צוריק צו די געדאַנ־
קען און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און
פאַרוואָס אייזיק האָט אים דערלאַנגט אַזאַ פייערדיקן פאַטש — —
אייזיק האָט אוודאי אָן דער גאַנצער געשיכטע שפּעטער פאַר־
געסן, ווייל ס'איז אים באַלד נישט שטאַרק אָנגעגאַנגען. נאָר
פאַלק האָט נישט פאַרגעסן, ער האָט געשוויגן און נישט אי־

בערגעפרעגט זיך אַפילו „פאַרוואָס״?.. — אָפּגעטון איז אָפּגעטון!.. פאַלק האָט שוין אָבער אייזיקן מער נישט געקאָנט קוקן פריי אין די אויגן אַריין, ער האָט זיך געפילט באַוועלהט און באַליידיקט. האָט אין פאַלקן פסדר עפּעס געגריבלט אין מוח: — מ׳דאַרף אים, אייזיקן, אָנלערנען; מ׳דאַרף אים געבן צו פאַרשטיין וואָס מ׳מיינט פאַטשן — —

און איינמאָל ווען די אַרבעט איז געפלויגן פון אונטער די הענט, די לאַדע איז געשפרונגען ווי אַ טייוול — האָט זיך פאַלקן פלוצים דערמאָנט אָן פאַטש. ס׳האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ מאָדנער, אומפאַרשטענדלעכער געפיל, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן פילט ער אפשר דאָס. און דערדאָזיקער געפיל געווונט איינגאַנצן פאַלקן, פאַלק קאָן שוין גאָרנישט זאָגן, ער ווערט זיך נישט, אַזוי ווי אַ גרויסער מענטש וואָלט אים מיטאַמאָל פעסט אַרומגענומען און אים געצוווּנגען צו טון אַזאַ זאַך, וואָס פאַלק וואָלט דאָס אַן אַנדערש מאָל נישט געטון — — בייטן זיך די פּושעמו און דער סצעפּטער טאַנצט, דער שיצן לויפט מיט אַ בליץ-שנעלקייט און אַ רוט אַריין, אַ רוט אַרויס, אַ רוט אַריין, אַ רוט אַרויס... פלוצים, אַ רוט איז אַרונטער אונטערן „פאַך״ און א האַלבער, שוואַרצער גרונט איז אויסגעשניטן...

אייזיק, אַזוי ווי אָפּגעבריט, אַזוי ווי אַ משוגענער הונט וואָלט אים מיטאַמאָל אַ ביס געטון, איז מיט אַ געשריי אויפגעשפרונגען פון אָרט, און דער מייסטער מיט אַלע געזעלן זענען זיך צונויפגעלאָפן אויפן אָרט פון געשעעניש, פאַרצווייפלט פאַרבראָכן מיט די הענט, געגישטערט, באַדויערט און געפּרווט אָפּשאַצן דעם היזק. — —

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? אַ האַלבע קעטע איז געלעגן אַרויסגעפאַלן אויף דער ערד און אויבן, אויפן ווייסן און האָריקן פּליוש — אַ לאָך פון אַ פירטל אַרשין אין דער ברייט...

— נו, אייזיקל? — האָט פאַלק געטראַכט אין דער

מחשבה, ווען אַלע האָבן שטום באַדויערט דאָס אומגליק — דער פּאַטש איז דיר נישט געשענקט געוואָרן, האַ, אייזיקל?..

די פענצטער פון דער וועבעריי, אויפן דריטן שטאָק, נעבן וועלכע פאַלק זיצט און אַרבעט, גייען אַראָפּ אונטן אין גאַס אַריין. די גאַס ציט זיך ווייט אַרויס הינטער דער שטאָט, אַזש צו די „פּיאַסקעס" און אויפן וועג קיין לוטאָמירסק. און דורך דאַנען, זעט פאַלק, שוין עטלעכע טעג אַ געפּאָרעריי פון וועגענער, פון אָבאָזן מיט שווערע לאָדונגען און מיט האַרמאַטן, געשפּאַנט צו פיר פּאָר פערד פּאָרויס. די רעדער קראַצן דעם ברוק, גיבן אַרויס פון זיך אַ הייזעריק קלינגעריי, צוזאַמען מיט אַ טעמפּ בראַזגן, ווי פון אייזערנע קייטן... אויף די פערד, אַזוי ווי צוגעקלעפּט צו די געזעסן, זיצן גראָע זעלנער, אין גראָע, אומפאָרמיקע מונדירן, מיט ביקסן אויף די פּלייצעס — רייטן זיי אַרויף, אַרויף אין דער אַנדערער גאַס אַריין און לאָזן נאָך זיך אַ געדיכטן שטויב און ווערן פאַרשווונדן אינעם וואָלקן שטויב, וואָס הייבט זיך אויף פון דער ערד.

די געזעלן כאַפּן זיך צו צו די פענצטער. די לאַדעס און די סצעפּטערס הערן אויף צו קלאַפּן, דער גערויש ווערט שטילער און מ׳קוקט, מ׳חדושט זיך — פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פיל מיליטער אין שטאָט אַריין און וואָס טוען זיי דאָ? — נאָר קיינער ווייס נישט צו ענטפערן. די לופט אָבער איז נישט אַזוי לויטער ווי פריער, ס׳פילט זיך אַ געפּרעסטקייט און אַ ריח פון שטויב און אייזן... און אַז די נאַכט פאַלט צו, זעט די גאַס אויס גאָר אַנדערש, סודותדיקער און נעפּלהאַפטער און אין דעם טונקעלן אָוונט שניידט זיך לענג אויס אַ קאַראַוואַן פון וועגענער, פון אָבאָזן, פון האַרמאַטן...

דוד, דער מייסטער פון דער וועבעריי, אַ לאַנג-געקלייי-דעטער ייד, תמיד אַן איבערגעשראָקענער, מיט אַ בלאַס, בלייך פּנים און מיט אַן אַראָפּגעבויגענער אָדלער-נאָז, פליט אַריין מיט גיכע, נערוועזע באַוועגונגען.

— אַ נייעס, קינדער — און די שוואַרץ-אַפּלען פון די אייגלעך לויפן בײַ אים גיך-גיך הין און צוריק — ס'וועט זײַן אַ מלחמה!..

דאָס וואָרט „מלחמה", וואַרפט אויף אַלעמען אַרויף אַן אימה, נאָר פאָרט גלייבט מען נישט: וואָס הייסט ס'וועט זײַן אַ מלחמה? ווער וועט האַלטן מלחמה? מיט וועמען און צו-וואָס? ווער דאַרף עס? און וואָס, אייגנטלעך, האָט דוד דער וועבער-מייסטער, דער ייד מיט די איבערגעשראָקענע אויגן, צו טון מיט מלחמות? און וואָס פאַר אַ געמיינזאַמעס האָט מיט מלחמות מאיר-וואָלף דער גזלן, וואָס בייסט אָפּט די צונג און אייזיקל, וועלכער טאַנצט טאַנגאָ און לייענט מיסיאָ-נערישע ביכלעך?.. — —

גאָרנישט. נישט מער ווי נאַרישקייטן אָדער סתּם אַזוי אַ שפּאַס פון אַ ליידיקגייער, אַ ליגן...

— ניין, עקשנט זיך איין דוד — איר זענט נישט גערעכט, מ'שמועסט שטאַרק אין שטאָט, אַז ס'וועט אויסברעכן אַ מלחמה, אַלץ צוליב סערביען און עמלק וועט גיין אויפן יון.

— מער ווי פיר וואָכן וועט די מלחמה נישט דויערן — טענהט מאיר-וואָלף מיט זײַן גמרא-ניגון — די מענטשן וואָלטן געשטאָרבן פאַר הונגער.

— פיר וואָכן? באַשירעמט זאָל מען ווערן! — מישט זיך אַרײַן אייזיק — איינער וואָלט דאָך דעם צווייטן אויפגעגעסן.

און פאָלק הערט אַזוי אויס אַלעמענס רייד, ער הערט און שווייגט.

— ס'זאָל זײַן אַ מלחמה, — רעדט ווייטער דוד — וואָלט מען נישט געקאָנט אַ שטיקל ברויט אויפן טיש אַרויפלייגן; דו נעמסט אַרויס אַ האַלב ברויט, ווילסט עס איינטיילן פאַר די קינדער, פּלוצים עפנט זיך אויף די טיר, עמעץ פאַלט אַרײַן אין שטוב און רײַסט דיר אַרויס דאָס ברויט פון די הענט גלײַך אין מויל אַרײַן...

— מענטשן וואָלטן זיך געוואָרפן איינער אויפן צווייטן און זיך אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט — גיט צו אין אַ טרויע-

ריקן טאָן מאיר-וואָלף און נעמט האַסטיק קלאַפּן מיט דער לאַדע און מיטן סצעפּטער, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט פאַר-טױבן די שלעכטע מחשבות וועגן מלחמות, מאָרד און הונגער...

נעמט יעדער זיין לאַדע און זיין סצעפּטער אין דער האַנט אַריין און מיט אַן אינגערלעכן ציטער פאַרטיפט מען זיך אין דער אַרבעט:

— גאָט וועט אָפּהיטן, גאָט וועט באַשירמען...

נאָר פאַלקן ווילט זיך שטאַרק, זייער שטאַרק אַז ס'זאָל זיין אַ מלחמה. ס'דאַרף זיין זייער אינטערעסאַנט. אַמאָל, פלעגט ער אויך שפּילן מיט זיינע חברים אין מלחמות, מ'פלעגט זיך שלאָגן מיט שטעקנס, מיט בלעכערנע שווערדן און שטיינער... נאָר קיין אמתע מלחמה האָט ער נאָך נישט געזען. אַן אמתע מלחמה מוז זיין אַנדערש, גאָר אַנדערש; און ער, פאַלק, פאַר-שטייט נישט, פאַרוואָס דער מייסטער מיט די געזעלן ציטערן אַזוי. וואָס האָבן זיי דען מורא צו האָבן? און פאַרוואָס זאָלן זיך מענטשן וואַרפן איינער אויפן צווייטן און זיך אויפפרעסן לעבעדיקערהייט?..

אין דער גאַס האָבן זיך די לאַמטערנעס אָנגעצונדן און אין געלן שיין פון די מאַט-באַלויכטענע פאַנאַרן, ציען זיך לענג אויס אויפן ברוק, מיט געבראַזג און געקלאַנג פון שווערע אייזערנע קייטן, אַ קאַראַוואַן פון וועגענער, פון אַבאָזן, פון האַרמאַטן...

אין אַ העלן, זומערדיקן פרימאָרגן איז די וועבעריי אָפּ-געשטעלט געוואָרן און אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען זענען אַרויס אויפן גאַס:

— מאָביליזאַציע!

די שטאָט האָט דאָס מאָל אויסגעזען רעשיקער און לע-בעדיקער ווי אַלע מאָל. רעדלעך און קופּקעלעך און קנוילן פון מענטשן. מ'שמועסט און מ'סודעט זיך און ביי יעדן טאַנצט אַרום אַ געהיימע שרעק אין די אויגן. די ווענט זענען באַ-

האָנגען מיט פּלאַקאַטן, מיט גרויסע, ווייסע מודעות — און די מעלדונגען שרייען אַליין אויס דעם פּחד אין די געזעמלעך מענטשן אַריין. שטייט מען און מ'לייענט און מ'לויפט אַהיים, גיך-גיך אָנזאָגן אַ צווייטן, אַ דריטן און אָט ווערן די גאַסן פולער מיט קעפּ, מיט פּלייצעס, מיט מענטשן, ביי וועמען אַרויסשפּאַצירן אין אַ מיטן העלן וואָכן-טאָג אין גאַס אַריין באַדייט אַ יום=טוב. האָט די שטאָט טאַקע געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טרויעריקן און זוניקן יום=טוב. און די זון האָט געוואַרעמט, זיך געלייגט שווער אויף די געמיטער און יעדער האָט געצויגן אַוועק אין אַ ווייטער, ווייטער געגנט, שוין אַ שטיקל העט הינטער דער שטאָט אַרונטער, ווו ס'געפינען זיך די אונטער=זוכונגס-קאָמיסיעס און די קאַזאַרמעס. און דער געגיי האָט אויסגעזען, אַזוי ווי מ'וואָלט זיך געאיילט, אַזוי ווי אויף אַלעמען איז פּלוצים אָנגעפאַלן אַ משוגעת פון שרעקלעכער איילעניש, ווערן די גאַסן פולער ון רעשיקער און יום-טובדיקער.

אויך פאַלק געפינט זיך צווישן המון. פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס. ער האָט קיין צייט נישט. ער דאַרף אַלץ זען, ער טאָר נישט פאַרשפּעטיקן. פאַלקן געפעלט די לעבעדיקייט פון שטאָט און ער איז צופרידן וואָס דודן דעם מיי=סטער, מאיר-וואָלפן און אייזיקן, האָט דער עסק אינטערעסירט און אַלע זענען אַוועק אין דרויסן אַרויס און ער, פאַלק, דאַרף נישט זיצן אונטערן „שטול". לאָזט ער זיך אויס לויפן, סאַמע אין מיטן אויפן ברוק; דאָ איז גערוימער און מ'דאַרף זיך נישט קוועטשן אין ענגעניש, נישט שטויסן זיך אָן שווערע עלנבויגנס, וואָס איילן זיך אַליין אויך ערגעץ אַוועק אין דער זעלבער ריכטונג...

נעבן הויכע, טונקעלע געביידעס, האָט זיך דער המון פאַרהאַלטן, געקוקט מיט נייגיריקייט אין די אַריינגענג און אויף די פענצטער. פאַלק האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. ער האָט געזען ווי מענטשן קומען, מחנות מענטשן, יינגערע און עלטערע, גלאַט-ראַזירטע און מיט בערד, רייכע און אָפּגעשליסענע שלע=פּער, ער וואָלט אַפילו געשוווירן אַז די לעצטע זענען געווענ=

לעכע פּענטאַקעס, אָבער אויך זיי דאַרף מען דאָ האָבן צום הייַנטיקן יום־טוב. און כמעט אַלעמענס פּנימער זענען שווייגנדיק און איבערגעשראָקן... גייען זיי אַריין, הונדערטערווייז אין די טויערן און טירן אַריין, אַזוי ווי די גראָע, ציגלדיקע מויערן וואָלטן זיי אין זיך אייַנגעשלונגען; נאָר שפּעטער ווערן ווידער די זעלבע מחנות אויסגעשפּיגן אין דרויסן אַרויס, שוין נישט ענצלווייז און נישט אין זייערע אייגענע, פּאַרביקע בגדים, נאָר שורותווייז, גלייך אויסגעסדרט. צו צוויי, צו פיר, צו אַכט און אַזוי גלייכע שורות איינע נאָך דער אַנדערער, אָנגעטון אין האַרטע, ראַזאָוואַנע, זעלנערישע מלבושים... מאַרשירן זיי אַוועק, ערגעץ נאָך ווייטער, נאָך טיפער היַנטער דער שטאָט אַרונטער און אונטער די זעלנערישע טריט פון נייע, אָנגעטשוועקעוועטע שטיוול, טראָגט זיך אַפער אַ טעמפּער „טראַפּ־טראַפּ, טראַפּ־טראַפּ"... אַזוי ווי עמעצנס, אַזאַ טויזנטקעפּיקן באַשעפעניש זיפצן און די שטיַנער קאָרטשן זיך אונטער דעם געקרעכץ פון דידאָזיקע זיפצן...

אויף דער אַנדערער זייט, אויף די טראָטואַרן, שטייען זיי — די מאַמעס, די טאַטעס, די שוועסטערן, די ברידערן און די קינדער. זיי וויינען, זיי פאַרברעכן מיט די הענט און ווילן עפּעס זאָגן, נאָר זיי קאָנען נישט, זיי האָבן נישט קיין ווערטער. קוקט מען אין די טירן אַריין און מ'קוקט זיך אויס די אויגן. און אַז ס'גייט אַרויס אַ זעלנערישע מחנה פון די טויערן אַרויס, רייסט מען זיך אַוועק פון די ווענט, פון די טראָטואַרן און מ'לויפט מיט ביי די זייטן; מ'שרייט נאָך ענצלע, אָפּגעהאַקטע ווערטער און מ'געזעגנט זיך, מ'קושט זיך און מ'פּאַלט זיך אויף די העלדזער...

אָוונט־צו, געפעלט עס פאַלקן שענער. די שטאָט איז גראָ, נעפּלדיק און אָנגערייכערט און אין דעם נעפּלדיקן שטויב וואָס הייבט זיך אויף פון דער ערד, שפּרייזן זיי די זעלנערישע מחנות, אין לאַנגע רייען און פון דער ווייטן זעט עס אויס, אַזוי ווי קעפּ וואָלטן זיך געטראָגן אין דער לופט, געגליטשט זיך אויבן אויף, אַזוי ווי אויף דער אויבערפלאַך פון אַ ים.

און פאַר די קעפּ — שרייאיקע מוזיק, און איבער די קעפּ — אָנגעצונדענע פאַקלען... און אַז די שורות פאַרשווינדן ווייט אַוועק און גיסן זיך צונויף מיט דער נאַכט, בלייבט נישט מער ווי איין פּלייצע, אַזאַ ריזיקע, אַ גראָע און דידאָזיקע פּלייצע באַוועגט זיך פון זיך אַליין, וויגט זיך סודותדיק אינם פלאַם פון טריב־פאַרייכערטע שטורקאַצן...

פויערן, באַוואַכט פון פּאָליציי, האָבן אַרויסגעטראָגן פולע קאַסטנס מיט פלאַשן פון דער מאָנאָפּאָל אין דרויסן אַרויס און איבערגעקערט זיי אויפן ברוק. דאָס גלאָז האָט אַ הילכיקן בראַזג געטון אויף די שטיינער און דער בראָנפן האָט זיך אויסגעגאָסן אין די רינשטאָקעס אַריין, זיך אויסגעמישט מיטן ברודיקן וואַסער און ערגעץ־ווו ווייט אַוועקגערונען... דער שאַרפער בראָנפן־ריח האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער שטאָט, צעשפּרייט זיך אַזוי ווי אַ נעפּל... איז אָנגעלאָפן אַן עולם בייגיריקע און זיך געחדושט און דער ביטערער ריח איז פאַרקראָכן אין די נאָזלעכער אַריין און געקיצלט... צוגיין — נישט! קיין איינציקן טראָפּן אפילו נישט! אַלץ מוז אַוועק אין די רינשטאָקעס...

ווידער זענען די מאָנאָפּאָלן פאַרהעמערט געוואָרן, נאָר ליידיקע. אין דרויסן האָבן מענטשן אַרומגעטרעטן אויפן צעבראָכענעם גלאָז, אַזוי ווי אויף די חורבות נאָך אַ שרפה און אויפגעהויבן שטיקער פלעשער, זיי ערנסט באַטראַכט און צוריק אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד.

— אין מלחמה־צייט וועט נישט זיין קיין בראָנפן — האָט איינער פון צווישן עולם געזאָגט.

— וואָס הייסט, ס׳וועט נישט זיין? — האָט זיך אַן אָפּגעריסענער יינג געוווּנדערט און נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ס׳וועט אין מלחמה־צייט נישט זיין קיין בראָנפן.

עמעץ האָט אים ביטולדיק אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט.

אויף פאַלקן האָט די געשיכטע פון צעבראָכענע פלאַשן מיט בראָנפן געאַרט און ער האָט זיך שיעור צעוויינט פאַר

עגמת־נפש. ווי אַזוי וועט ער אויסקומען אָן בראָנפן? פאַלק אָן בראָנפן — ס'איז דאָך ממש אַ געלעכטער... אַפילו אין דער היים, פלעגט ער איבערקערן דאָס מאָנאָפּאָלקעלע אין גאָרגל אַריין, אַזוי ווי עמעץ וואָלט אים דערצו געצוווּנגען און דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי. אָבער אַנדערש טון האָט ער נישט געקאָנט — פלעגט זיך דאָס אָפּט איבערחזרן. נאָר איצט זענען געקומען פאַרשוינען און געמאַכט אַ מיאוסן וויץ. אים, פאַלקן, געפעלט עס נישט. און דער בראָנפן איז אויסגעגאָסן אונטער זיינע פיס, טריפט דורך די שפּעלטלעך פון די שטיינער, אַראָפּ־אַראָפּ אין ריטשקעלעך אַריין און פון דאָרט ווייט אַוועק אין דער ווייסל אַריין, און אפשר גאָר אין ים אַריין?..

און פאַלק וויל זיך אויסציען אויף דער ערד, מיטן פּנים צום ברוק און לעקן די פייכטע שטיינער — נאָר דער עולם וועט אים שלאָגן, טוט ער דאָס נישט. ווען קיינער וואָלט נישט געזען, וואָלט ער זיך אַוועקגעלייגט ביים רינשטאָק און געטרונקען דעם בראָנפן פון רינשטאָק אַרויס... ער וואָלט זיך אָנגעטרונקען אויף איבער דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה, ווען ס'וועט קיין בראָנפן נישט זיין און גענוג! ער וואָלט אָנגעזויפט אַ פולן בויך... נאָר די גאַס איז אַלץ פאַרפלייצט מיט מענטשן, וואָס פויזן אַרום אַזוי ווי מידע פליגן, הייבט ער זיך אויף, פאַלק, דערלאַנגט אַ רוגזהדיקן שפּיי און גייט אַוועק.

— אַ פּאַסקודנע וועלט אָן בראָנפן!..

די איינוווינער פון דער שטאָט האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערן, כּדי צו באַשיצן דאָס לעבן פון די קוילן, וואָס פליען מיט געפייפעריי איבער די גאַסן. אויף די פעלדער, הינטער די טויערן פון דער שטאָט, גייט אָן אַ פאַרביטערטע שלאַכט צווישן אייגענעם און דעם שונאס מיליטער. די שטאָט איז שוין באַלאַגערט אַן ערך זעקס וואָכן און דאָס כּסדרדיקע

קאַנאָניזירן די הייזער הערט נישט אויף. די באַפעלקערונג איז צעשראָקן, דענערווירט און אויסגעהונגערט. אַלע וועגן זענען פאַרשטעלט און ס'איז אומעגלעך צוצופירן עסן. ליגט מען, אַזוי ווי מייז, פאַרשטעקט אין די לעכער און מ'הערט ווי דרויסן אויפן ברוק פלאַצן באָמבעס און גראַנאַטן, וואָס די אייראָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ פון דער הויך. אין אונטערשטן קוואַרטאַל, נענטער צו דער פּאָזיציע-צו, זענען די גאַסן באַ-לייגט מיט חיילות און מיט מאַשינען-געווער, איינגעגראָבן אין טיפע אָקאָפּעס. און דאָס דונערן פון די האַרמאַטן מאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי די ערד וואָלט יעדערס מאָל אויפסניי אויפ-געריסן געוואָרן. צום ערשט האָט מען געציטערט פון פּחד, שפּעטער אָבער, האָט זיך יעדער צוגעוווינט צום געסווישטש פון די שראַפּנעלן און מ'איז געלעגן רויק, געזאָגט תהלים אָדער געשמועסט צווישן זיך.

דאָס האָב-און-גוטס האָט מען איבערגעלאָזן אויף הפקר; זענען אַהין אריין סאָלדאַטן, קאָזאַקן, אַלץ צעבראָכן און פאַר-ברענט און אָנגעמאַכט אַ חורבן אין יעדער שטוב.

און איבער די גאַסן האָבן זיך געטראָגן מידע, איינגעע-בלאָטיקטע זעלנער און צעווילדעוועטע פערד.

אָט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע צעהיצטע אולאַנער, דיעם שונאס אַ פאָרפּאָסטן, אויסצושפּירן די לאַגע פון מיליטער און מאָמענטאַל האָט זיך אויפגעהויבן אַ קורצער, פאַרעקשנטער קאַמף; עטלעכע טויטע זענען געפאַלן פון ביידע צדדים, גע-בליבן ליגן אויפן ברוק מיט אַרונטערגעפליקטע קעפּ און אויפ-געפראַלטע בייכער, און — ווידער רויק.

ביינאַכט, איז דער עולם מינוטנווייז אַרויס פון די קע-לערן אויפן הויף און געגומען קוקן אויפן הימל. יעדערס מאָל האָט אַ פרישער דונער איבערגעריסן די נאַכט-שטילקייט און ס'איז געוואָרן ליכטיק אַזוי ווי בייטאָג. מ'האָט געוווּסט אַז דאָס דאַרפן שוין זיין די לעצטע שאָסן. פאַרן שונאס אַריינקומען אין שטאָט. דער הימל, וואָס איז געווען שוואַרץ און פינצטער פון איין זייט, איז פון דער אַנדערער זייט געווען רויט, אַזוי

ווי בלוט אויסגעמישט מיט פייער... איז מען נישט צוגעגאַנגען נאָנט צום טויער און נישט געוואָלט אַרויסקוקן אין דרויסן אַרויס

פאַלק האָט זיך אויך געפונען אין יעדן געזעמל, זיך אַריינגעשטופּט צווישן די עלטערע מענטשן און געגאַפּט יעדן אין מויל אַריין. נאָר ווען ער איז געוואָרן מיד, איז אים דאָס געפלוידער פון די שכנים מיאוס געוואָרן און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ קופּע זעק מיט געראַטעוועטע חפצים, וואָס מ׳האָט אין דער לעצטער רגע מיטגעכאַפּט אין איילעניש. פאַלק האָט געשמאַק געכראָפּעט אונטער יעדנס שטיוול. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און אים איז קנאַפּ אָנגעגאַנגען וואָס אין דרויסן טוט זיך. אַז פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט איז ער געווען הונגעריק, זייער הונגעריק; נאָר ער וועט נישט רעדן קיין עסן, ווייל ער ווייס אַז ס׳איז נישטאָ. שווייגט ער. און אים, פאַלקן, דאַכט זיך אויס, אַז ער וואָלט אפילו איינגעביסן אַ שטיין, סתם אַזוי אים איינגעביסן. און אים ווילט זיך, ביי יענעם ייד, וואָס זיצט דאָרט אין ווינקל און דרעמלט, מיט די ציין אָנכאַפּן דעם אָפּצאַס פון שטיוול און גריזשן און גריזשן...

אין דער פרי, נאָך די לעצטע האַרמאַטן־שאָס, איז דער עולם אַרויס אין די גאַסן. דאָס רוסישע מיליטער איז שוין נישט געווען, נאָר ווילהעלמס חיילות האָט מחנותווייז אַריינגעצויגן אין שטאָט אַריין. פוסגייער... רייטער... האַרמאַטן... לאַנגע שורות אָבאָזן... די באַפעלקערונג האָט זיי אויפגענומען מיט צעפרידנקייט. איבער די גאַסן, דורך וואַנען דאָס מיליטער האָט פאַרביימאַרשירט, זענען די הייזער געווען באַהאָנגען מיט ווייסע, פרידלעכע פענער, וועלכע האָבן געפלאַטערט אין דער לופט. און די גלאָקן פון די קירכעס האָבן שווער און הילכיק געקלונגען און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטאָט, אַזוי ווי אַ בשורה פון אויסלייזונג...

די שטאָט און די גאַסן און די מויערן האָבן איצט אויסגעזען יום־טובדיק אונטערן גלאַנץ פון דער זון און פון געווער, וואָס האָט טריומפירט ביי די זעלנער אויף די אַקסלען און אויף די גראָע, פאַרשטויבטע פלייצעס...

— גלין־גלאָן... גלין־גלאָן... גלין־גלאָן!..
און די מאַסן — מענער, פרויען, קינדער, האָבן געפּלייצט
אין די גאַסן אַריין, אָנגעפילט אַלע טראָטואַרן און פּלעצער.
און פאַלק איז געלאָפן אויפן מיטן וועג.
ער האָט זיך געשטופּט צווישן המון.
פאַלק האָט נישט קיין צייט. ער מוז אַלץ זען.

ס'איז שטילער געוואָרן.
דער הונגער, אַזוי ווי אַ גראָע קאַץ, האָט זיך אויסגע־צויגן איבער דער שטאָט.
דער הונגער האָט זיך אַריינגעלייגט צו יהודהן אין שטוב אַריין.
און די קינדער זענען געלעגן געשוואָלענע אין די בעטן.
איז פאַלק אַנטלאָפן פון דער היים.
ער האָט זיך פאַרדונגען צו אַ ייד אַ וועגעלע־פירער.
און פאַלק מיטן ייד האָבן אָפּגעפירט קוילן פון דער באַן.
פאַלק האָט אַרויסגעטריבן דעם ליידיקן וואָגן און שפּע־טער געהאָלפן אונטערשטופּן די משא אָדער שלעפּן ביים דישעל. זאָל זיך אים דאַכטן אַז ער איז אַ פערד: „וויאָ"! — און ער גייט, שלעפּט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די רעדער דרייען זיך. „טפּררר"! — און ער בלייבט שטיין, דערלאַנגט אַ דריגע מיטן פוס אָן דער ערד און וואַרט.
זענען די טעג האַרבסטיקע און ביינאַכט איז קאַלט, נאָר דעם וואָגן מוז מען אַרויסטרייבן דריי אַ זייגער ביינאַכט. אַז מ'עפנט אינדערפרי דאָס טויער צו דער וואָג, ווערט אַ גע־שטופּעריי מיט די וועגענער. טוט זיך דערפאַר פאַלק נישט אויס. ער דאַרף שטיין אויף דער וואַך. ער לעגט זיך נאָר צו אין אָנטועכץ און כאַפּט אַ דרעמל. אַזוי אַלע נאַכט און אים ווערט עס נישט פאַרמיאוסט — פאַרקערט, ס'איז זייער אינטערעסאַנט. און אים, פאַלקן, געפעלט עס: נאַכט. די גאַסן פון דער שטאָט זענען ליידיק און אין אַלע הייזער שלאָפט מען אויף ווייכע

און אויף ווייַדענע קישעלעך. קינדער שרעקן זיך, ליגן צוגע־
דעקט איבערן קאָפּ אַריבער און מאַמעס באַשיצן זיי... און די
מויערן פון די הויכע, גאָרנדיקע געביידעס, זען איצט אויס,
אין דעם מאַטן ליכט פון די בלאַסע גאַז־לאָמפּן און געלע
לאַמטערנעס, אַזוי פאַרלאָזן און עלנט און טרויעריק...

מיט רעש און געבראַזגעריי שלעפּט פאַלק דעם ליידיקן
וואָגן איבער די רייכע און אין שלאָף פאַרזונקענע גאַסן; אים
טוט הנאה פון דעם, וואָס עמעצער וועט זיך ערגעץ אויפכאַפּן
פון שלאָף און אין כעס אַ וואָרטשע טון: — „וואָס רודערט
מען דאָרט״?.. טרייבט ער להכעיס דעם ליידיקן וואָגן נאָך
שטאַרקער און דער גערויש, אַזוי ווי פון אייזן, הילכט אָפּ אָן
דעם טרוקענעם, אויסברוקירטן אַספאַלט און דער געבראַזג רופט
זיך אָפּ מיט אַ ווייטן, טעמפּן ווידערקול.

פאַלק לויפט אין איין אָטעם.

ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ ראָד אָן אַ לאַמטערן.

דער וואָגן האָט זיך איינגעהאַלטן און מיט אימפּעט אָפּ־
געשפּרונגען.

און דער דישעל איז אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט אַרויס.

פאַלק שפּייט און שעלט.

דער פּאָליציאַנט אין ראָג, ער דרעמלט אַ פאַרנורעטער,
אַריינגעטוליעט דעם קאָפּ אין קאָלנער און האָט גאָרנישט געזען.

ווידער יאָגן זיך די רעדער מיט געבראַזג איבער די
שטיינער, אַזוי ווי פאַלק וואָלט געוואָלט איבערשרעקן די טוי־
בע פוסטקייט פון דער נאַכט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון טונקל־
פאַרכמורעטן הימל אַראָפּ און לייגט זיך מיד אַוועק אויף די
מויערן, אויף די פּלויטן, אויף די דעכער...

איבערן ווינטער איז פאַלק געלעגן אויף אַ צעפוילט שע־
ניקל אין אַ ווינקל ביים פענצטער און נישט געקאָנט אַראָפּ־
גיין פון געלעגער. ער האָט נישט געהאַט וואָס אָנצוטון אויפן
לייב און אַז ער האָט שוין אַמאָל געפּרוווט שטעלן זיך אויף

די פיס, האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט פון שוואַכקייט און ער האָט זיך צוריק געמוזט אַוועקלייגן. אין דער שטוב איז שוין נישט געהייצט געוואָרן עטלעכע חדשים און ס'איז דער־פאַר ביטער קאַלט. אין דרויסן שיט דער שניי און שיט — באַלייגט אַלע טראָטואַרן און וועגן. אָט לאָזט זיך אַראָפּ אַ זאַוויערוכע, אָט אַ פראָסט. רייסט דער ווינט די פענצטער און קלאָגט און היילט.

ליגן זיי, פאַלקס ברידערלעך און שוועסטערלעך, צונויפ־געקנוילט אין די בעטן, בלאָ פון הונגער, מיט אויסגעלאָשענע שטאַרע אייגלעך און מיט פאַרחלושטע, געל־אויסגעצויגענע פּנימלעך — קוקן אויפן זייגער און וואַרטן... זיי וואַרטן, אַז די טיר זאָל זיך עפענען, אַז עמעץ זאָל אַריינקומען, אַז מ'זאָל דערלאַנגען אַ שטיקל ברויט אין הענטל אַריין...

קאָרטשעט זיך פאַלק צונויף אויף זיין געלעגער און גריזשעט די פּאָדלאָגע פון הונגער, נאָר די פּאָדלאָגע איז פון האָלץ און לאָזט זיך נישט איינבייסן. אָבער פאַרוואָס קאָכט מען נישט אָן דאָס שטרוי פון די בעטן? אין די בעטן איז דאָך נאָך פאַראַן שטרוי, דאַרף מען דאָס אָנקאָכן און אויפעסן... נאָר קיינער וויל אים נישט פאָלגן... פאַלק פאַרשטייט אויס־געצייכנט וואָס אין שטוב טוט זיך; ער וואָלט זיי געוואָלט העלפן, נאָר ער האָט קיין ברירה נישט — אינדרויסן איז נאָך צו קאַלט און ער, פאַלק, גייט באָרוועס און אינגאַנצן נאַ־קעט... באַזונדערס, וועט ער דאָך נישט קאָנען אַראָפּגיין פון די טרעפּ, ווייל אין קאָפּ שווינדלט אים, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך מיט אים געדרייט אויף אַ קאַרוסעלע...

נאָר אַז ס'וועט וואַרעמער ווערן און אינדרויסן וועט זיך ווייזן די זון און פאַלק וועט נישט דאַרפן אָנטון קיין שיך, וועט ער ווייסן וואָס ער האָט צו טון — ער, פאַלק, און זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלן נישט שטאַרבן פון הונגער, ניין, ער וועט זיי נישט לאָזן שטאַרבן. אָבער אויך איצט זענען זיי שוין האַלב־טויטע, דאַרע ביינדלעך און הויט; קאָנען נישט רעדן מער, נאָר פּליסטערן, שעפּטשען, אַזוי ווי

די עופהלעך און בעטן מיט די צעעפנטע אייגלעך — פונקט אזוי ווי די עופהלעך דאמאלס, אין פאבריקס-הויף, ווען זיי זענען ארונטער אונטער א קופע ברעטער און דערשטיקט געווארן, האבן זיי אויך אזוי געפישטשעט...

קוקט פאלק אויף די ווענט, אויפן באלקן, נאר אלץ איז ליידיק און פוסט און קאלט. און פון אלעם יאגט א שניידיקע פראסט. און די קיך נעבן דער טיר איז אפגערוימט און ליידיק, אויך דאס גרינע שפייז-שענקל איז ליידיק — קארטשעט ער זיך מער צונויף, שלינגט אראפ א ביסל שפייעכץ און קוועטשט צו די אויגן. אז ער וועט שלאפן וועט אים נישט הונגערן, וועט ער נישט געדענקען אז ער דארף צו עסן; און אינע-ווייניק, אין בויך, וועט נישט אזוי וויי טון און ס'וועט נישט אזוי גראבלען, אזוי ווי גרויסע, בייסיקע ווערם וואלטן דארט ארומגעקראכן און גענאגט מיט זייערע מיילעכלעך...

לייגט זיך פאלק מיטן פנים אראפ, דעקט זיך איין הארט איבערן קאפ אריבער און טראכט — און אז ער קוקט פאר-מאכטערהייט מיט די אויגן ווייט צוריק אין קאפ אריין, זעט ער ווי ס'ווערט אינעווייניק ליכטיק, ס'ווערט פינצטער און ווי-דער אמאל ליכטיק... און גאלדענע שטערנדלעך טונקען זיך אין א בלאען ים, ווייט, ווייט אראפ אונטן; און פאלק שווימט אינדערהייך אויף דער אויבערפלאך פון דאזיקן ים, העכער פון די פונקלדיקע שטערנדלעך. נאר פלוצים גיט זיך אלץ א הויג און דערלאנגט א האסטיקן פאל גלייך אין פינצטערן תהום אריין. פאלק כאפט זיך אויף, ער איז שרעקלעך הונגעריק — ער וויל עסן... ער וויל עסן!..

פאלקס אויגן פאלן מיטאמאל אויפן גרינעם שפייז-שענקל: ווען ער, פאלק, וועט גרויס ווערן, ער וועט ארבעטן און פאר-דינען, (פאלקן ווילט זיך זייער ארבעטן און פארדינען) וועט ער זיך אויך לאזן מאכן ביי א סטאליער אזא גרין שפייז-שענקל און אינעווייניק וועט תמיד מוזן זיין פון אלעם גוטן: מיירן, בורקעס, ציבעלעס, רעטעך... און ראזאווע ברויט וועט ער אנקויפן א פולע שטוב און קארטאפל — עטלעכע זעק,

אַ פּיר-פינף קערץ מיטאַמאָל... און ער, פאַלק, וועט מער נישט הונגערן, אַ גאַנצן טאָג וועט ער עסן. ווען ער זאָל איצט האָבן אַ בוראַק, וואָלט ער אים אויך אויפגעגעסן... יענע וואָך האָט פאַלק אויסגעגראָבן דעם לעצטן רויען בוראַק פון זאַמד אַרויס, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל ביי דער טיר און אויפגעגריזשעט רויערהייט, מיט די שאָלן און מיטן זאַמד פון אויבן. פאַלקן האָט געהונגערט און ער האָט נישט אָפּגעווישט דעם זאַמד. נאָר דער בוראַק איז געווען האַרט און קאַלט און אָנגעוואַקסן מיט אייז. האָט פאַלק געגריזשעט שטיקער אייז...

איצט איז ערגער. אויך קיין רויער בוראַק איז נישטאָ. ליגט פאַלק און שלינגט דאָס שפּייעכץ און קלערט פון דעם, ווי אַזוי ער וועט גרויסערהייט אויפפרעסן די גאַנצע וועלט; מיט די שאָלן וועט ער די וועלט אויפפרעסן, אַזוי ווי ער האָט אויפגעגריזשעט דעם רויען בוראַק ביי דער טיר, פון קופּקעלע געפרוירענעם זאַמד אַרויס...

אַזוי ווי אַ הונט וואָס דערשנאַפּט דעם פרישן ריח פון בלוט, אַזוי האָט פאַלק דורך דער וואַנט דערשפּירט דעם פריען פרילינג. פאַלק האָט זיך אויפגעזעצט אויפן שעניק, וואַקלדיק אַראָפּגעשטעלט די פיס אויף דער ערד און אַזוי זיך אַראָפּגעדראַפּעט פון די טרעפּ אַראָפּ. פאַלק איז געווען אויף דער גאַס און ער האָט ווידער געזען די שטאָט אַ פאַרגאָסענע מיט זון, אַזוי ווי דאַמאָלס, ווען דאָס מיליטער האָט אַריינמאַרשירט אין שטאָט אַריין. און פאַלק אָטעמט די יינגע לופט, ער ציט ברייט אויס די לונגען, אַזוי ווי ער וואָלט איבערן ווינטער געלעגן דערשטיקט אין אַ דעמפּיקן קעלער.

פאַלק האָט זיך אויסגעלאָזן לויפן און פאַרקירעוועט צום אַלטן מאַרק צו, דאָרט ווו יידענעס שטייען ביי בוידן און וועגן ברויט, גרינוואַרג, באָבעלעך... פאַלק איז פאַרביי אַלע ביידלעך און דער ריח פון פרישן ברויט מיט דעם גרינוואַרג איז אים

פאַרקראָכן אין נאָז אַריין; האָט ער זיך באַלעקט, אַראָפּגעשלונגען די סלינע און געשטאַנען אַזוי אויף איין אָרט און נישט גערירט זיך.

און קונים זענען צוגעקומען, געקויפט, באַצאָלט און אַוועקגעגאַנגען. נאָר פאַלקן האָט קיינער נישט באַמערקט און אַז אַ הענדלערקע האָט אים שוין יאָ דערזען, האָט זי אים ביז אָפּגעטריבן פון זיך:

— וואָס שטייסטו דאָ, יינגל? גיי, גיי אַהיים!

איז פאַלק אַוועק פון די סטראַגאַנעס און זיך אַראָפּגעלאָזן טיפער, אונטן אַראָפּ, דאָרט ווו ס'איז ענגער און ווו דער האַנדל גייט אָן מיט מער געפילדער, מיט רעש.

דאָרט איז פאַלק געשטויסן געוואָרן מיטן אימפּעט פון יעדנס עלנבויגן, וואָס האָבן זיך ערגעץ אַוועקגעאײַלט און פאַלק האָט זיך דערפילט אין דערדאָזיקער ענגשאַפט, אַזוי ווי כוואַליעס וואָלטן אים ווייט-ווייט אַוועקגעטראָגן מיטן שטראָם... פּלוצים האָט אים עפּעס אַ פינקל געטון אין די אויגן און ער האָט זיך אַ וויג געטון אויף די כוואַליעס... פאַלק האָט פאַר זיך דערזען אַ זאַך, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס דאַרף געהערן צו אים און אין מוח האָט אים עמעצער געשריגן: „דאָס געהערט צו דיר... דאָס געהערט צו דיר... וואַרט נישט — ס'וועט זיין שפּעט"!.. האָט זיך פאַלק געלאָזן נאָך דערדאָזיקער זאַך, וואָס האָט אים אַזוי געצויגן צו זיך און גערופן און געלאָקט... און אָט איז ער נאָענט, גאָר נאָענט, האַרט דערנעבן... די האַנט דאַרף זיך נאָר אויפהויבן און זיך אַראָפּלאָזן דאָרט אַראָפּ, נאָר די פינגער זענען אים מיטאַמאָל פאַרגליווערט געוואָרן און די האַנט — אַזוי ווי פאַראַליזירט... און יענע זאַך שווימט מיטן שטראָם און באַלד וועט עס ערגעץ פאַרשווונדן ווערן... און אינדערהיים, אין די בעטן, ליגן די קינדערלעך געשוואָלענע, וואַרטן די טיר זאָל זיך עפענען און מ'זאָל זיי געבן עפּעס אין די הענטלעך אַריין... ליגן זיי און וואַרטן און פּישטשן שוין נישט, נאָר בעטן מיט די אייגלעך אַזוי רחמנותדיק... און פאַלק מוז זיי העלפן... ער

מוז זיי העלפן... ער מוז! ער מוז! ער מוז! און די האַנט האָט פון זיך אַליין זיך אויפגעהויבן, גיך געמאַכט אַ באַוועגונג אין עמעצנס קיישל אַריין און יענע זאַך וואָס האָט אים אַזוי גערופן, איז שוין געלעגן ביי אים אין קעשענע... פאַלק האָט דערפילט אַ פרעמדע זאַך ביי זיך אין קעשענע. און קיינער האָט נישט געזען. גיך האָט פאַלק זיך אַדורכגעשניטן דורכן געזעמל, אַרויסגעטראָגן זיך אין גאַס אַריין און געלאָזן הינטער זיך דעם הייזעריקן געפילדער.

מיט פרייד איז פאַלק געלאָפן אַהיים, אַהיים, וואָס גיכער אַהיים...

אין שטוב האָבן די קינדער אויפגעלויכטן פון שמחה — פאַלק האָט געבראַכט אַ ווייס, גרויס צוקערקיכל. און דאָס קיכל איז פריש און זיס און געשמאַק. די קינדער קוויקן זיך. שוין לאַנג נישט געגעסן אַזעלכע גוטע זאַכן. אַהאַ, ווי לאַנג! און די אייגלעך גלאַנצן ווידער אויף...

— פאַלק, ווו האָסטו גענומען די קיכלעך? — פרעגט איין קינד פון בעט אַרויס און קלויבט אויף די אַראָפגעפאַלענע קרישקעס.

פאַלק לאָזט אַראָפ דעם קאָפ:

— אין ערגעץ נישט. כ'האָב געקויפט...

— וועסט נאָך ברענגען, פאַלק? — זענען די איבעריקע קינדער צו אים צוגעשטאַנען מיט געבעט און אַראָפגעשטעלט די אויסגעדאַרטע פיסלעך פון בעט אַראָפ.

— נאָך... נאָך אַ סך גוטע זאַכן וועל איך ברענגען, ס'וועט זען, זייער אַ סך...

פאַלק איז ווידער אַראָפ אין גאַס. ער איז געגאַנגען מונטער און מיט גיכע טריט, ער האָט זיך אויפסניי געלאָזן צו יענעם אָרט, פון וואַנען ער האָט אַהיימגעבראַכט דאָס קאָכעדיקע צוקערקיכל. וואָס פאַר אַ גאָלדענער איינפאַל! ער וועט מער נישט הונגערן, אויך זיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך וועלן נישט

הונגערן. וואָס וויל ער דען, פאַלק? ער וויל עסן... עסן וויל ער... און פאַלק גייט צום אַלטן מאַרק צו, מיטן געפיל, אַז ער גייט מיט אַ צעעפנט מויל און אַלץ וואָס ער וועט טרעפן אויפן וועג, אַזעלכעס וואָס לאָזט זיך נאָר קייען, וועט ער אַריינכאַפּן אין צעעפנטן פיסק אַריין און אַזוי אַראָפּשלונגען מיט איין שלונג.

— הערינג, הערינג, ביליק הערינג...

— עולם, גייט'ס אַהער, נאָר ביי מיר, עולם!..

— ווייבעלעך, מאַכט'ס אַ גראַטשקע!..

— טפּררר!..

און פון אַלע זייטן רופט מען אויס די סחורה, מענער און ווייבער, יעדער אויף זיין שטייגער און אויף אַן אַנדער קול, איינער העכער פאַר דעם אַנדערן, אַזוי ווי איינער וואָלט געוואָלט דעם אַנדערן אַריבערשרייען. און די קולות ווערן אַלץ העכער, אַלץ איינגעשפּאַרטער, פאַרעקשנטער — — —

און פאַלק קריכט אַריין אין יעדן געזעמל, צווישן קופּקעלעך מענטשן. ער איז דרייסט. ער וועט נעמען אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. להכעיס דער וועלט, וועט ער נישט שטאַרבן פון הונגער...

ביי אַ פעסל הערינג פאַרעט זיך אַ געל יידל, מיט אַ נאָך געלער, נערוועיש און ציטערדיק בערדל, וואָס טאַנצט אונטער אויף דער גאָמבע, בעת דער ייד רעדט צו די קונים, אַלטע באַלעבאָסטעס און מאַדאַמען. די באַלעבאָסטעס דינגען זיך, באַטאַפּן די בייכלעך פון די אוליקעס און לייגן די אָנגעקליבענע הערינג אין אַ זייט אויף דער ערד און נעמען זיך צו אַן אַנדער פעסל. אָבער מיטאַמאָל וואַקסט אויס אַ קליין, דאַר הענטל, וואָס קריכט אַדורך דורך די ווייבערס פיס, נענטער ווו ס'ליגט דאָס פעקעלע הערינג...

דער ייד גיט זיך אַ כאַפּ, שפּרינגט אויף און איידער די ווייבער באַוויזן אומצוקוקן זיך, איז שוין פאַלק העט ווייט — — דאָרט וויל ער פרווון אַ ברויט ביי אַ בעקער... נאָר פון אַלע זייטן היט מען, אַזוי ווי בייזע הינט. פאַלק מוז זיך צוריקציען.

נעבן אַ האַנט-װעגעלע אָן אַ פערד, קלױבט מען ציבל — גרױסע, װײסע, אָפּגעשײלטע. בײם װעגעלע שטײען צװײ געזונטע יינגען, אַראָפּגעװאָרפן די מאַרינאַרקעס און װעגן די סחורה.

פאַלק דרײט זיך הין און צוריק אַזױ װי אַ היענע, װאָס דערפילט פּלוצים אַ פּגר. ציבל! מיט ציבל קאָן מען זיך דערכאַפּן דאָס הארץ, װאָס איז פאַרחלשט פון הונגער... נו, װעט ער נישט אָפּטרעטן. ער װעט נישט אַװעק פון דאַנען. עס מוז אים גליקן. שטײט אַזױ פאַלק און טראַכט און מיט־אַמאָל איז פון דער װאָג אַראָפּגעפאַלן אַ גרױסע, װײסע ציבל. פאַלק איז גיך אונטערגעשפּרונגען און דאָס אַ כאַפּ געטון. נאָר אומגעריכט האָט אים עמעץ אָנגעפּאַקט בײם אַרבל און נישט געװאָלט אָפּלאָזן. פאַלק האָט זיך אױסגעריסן און אַנט־לאָפן... נאָר יענער, דער ייִנג אין די װײסע העמד-אַרבל האָט אים כסדר נאָכגעיאָגט און געשריגן הויך, אויף אַ קול:

— אַ גנבֿ! אַ גנבֿ! כאַפּט׳ס אַ גנבֿ!

פאַלק איז געלאָפן אָן אָטעם, אַראָפּ פון טראָטואַר און אַרויף אויפן װעג, געקרײזט זיך צװישן װעגעלעך און סטראַ־גאַנעס... אָט כאַפּט אים יענער אָן פון הינטן און ער װעט אים ממיתן. אויף דעם ייִנגס געשרײען זענען אָנגעלאָפן מענטשן און מ׳האָט זיך פאַלקן געשטעלט אין װעג, אים אײנ־געהאַלטן. און פאַלק רײסט זיך אויס, די אויגן זעצן זיך בײ אים אַרויס פון שרעק און אָט איז פאַלק אין ראָג, ער זעט דאָרט דעם מיליציאַנט — יענער װעט אים שליסן אין קײטן און אײנזעצן אין תּפיסה... נאָר דער מיליציאַנט זעט װי מ׳יאָגט פאַלקן און ער רירט זיך נישט פון אָרט.

פאַלקס פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן פון לויפן און ער האָט זיך געװאָלט צוזעצן אויף דער ערד... — פּלוצים האָט פאַלק דערפילט אַ האָגל פון האַרטע, טעמפּע קלעפּ איבערן קאָפּ, גלײך אין סאַמע שאַרבן אַרײן און די קלעפּ האָבן זיך אַראָפּגעשיט איבער דער נאָז, איבערן מויל... טרוקענע, שװערע, אַזױ װי שװערע שטיקער אײַזן... — — — און די אויגן, װילדע,,

צעשראָקענע, פאַרלויפן מיט בלוט און קריכן אַרויס פון די גריבער, אַזוי ווי די אויגן ביי אַ דערוואָרגענעם... — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַלק איז געלעגן קראַנק אין בעט. אַלע אברים האָבן אים וויי געטון. וואָס האָט ער געוואָלט, פאַלק, צוליב וואָס מ'האָט אים אַזוי געשלאָגן? ער איז געווען הונגעריק און ער האָט געוואָלט עסן...

אָבער פאַלק האָט פון דאָזיקן געשעעניש קיינעם נישט אויסגעזאָגט. דאָס איז זיין סוד.

נאָר פאַרפאַלן. איצט שלאָגט מען אים, ווייל ער איז נאָך קליין און שוואַך און ער קאָן זיך נישט ווערן. ווען ער אָבער גרויס ווערן — טראַכט פאַלק — וועט ער זיך שוין נוקם זיין, ער וועט זיך אָן אַלע נוקם זיין...

און פאַלקן מעג מען גלויבן — ער איז אַן עקשן.

צווייטער טייל

שפּעט-זומער.

די זון, נאָך גענוג געזונט און קרעפטיק, אַזוי ווי אַ געזונטע און קרעפטיקע פיערטע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביז דעריק איבער דער שטאָט, אין סאַמע מיטן מאַרק אַריין, זיך אַראָפּגעזעצט איבער די דעכער פון די הייזער, איבער שווערע אייזערנע בוידן, איבער הילצערנע קראָמען; און דער ברוק האָט מאַסיוו געקרעכצט, צונויפגעקאָרטשעט זיך און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ געשטאַנק פון זשאַווער, פון אָנגעגליטן אַספאַלט, צוזאַמען מיט אַ טרוקענעם ריח פון אַלט אָפּגעברענט אייזן.

אין מאַרק איז, ווי תמיד, געווען לעבעדיק. דער האַנדל איז געגאַנגען מיט גערויש, מיט אימפּעט. מ'האָט זיך געדונגען, געזידלט, געקריגט זיך און איינגעעקשנטע קונים זענען אַוועק פון איין סטראַגאַן צום אַנדערן, געשמאָרעט, געניש‍טערט, איבערגעטאַפּט די סחורה און די צוריק אַרויסגעלייגט פון דער האַנט אַרויס. די קרעמערקע איז נאָכגעלאָפן, שרייעדיק זיך אָנגעבלאָזן די לונגען; אַ שטופּ געטון מיטן פינגער אַ שפּיץ שייטל, אַז ס'זאָל ליגן אויפן קאָפּ און נישט פאַרקריכן גלייך אין די אויגן אַריין... הילכיק אַ שנייץ געטון די נאָז, איבערגעווישט מיט אַ ברעג פאַרטוך און דערביי זיך געשווירן ביי איר קינדס חופּה.

און ווען נישט די חברה „כאַפּערס״, וואָס האָבן זיך אַרומ־געדרייט אויף אַלט־שטאָט, אַזוי ווי אַ מחנה הונגעריק־פֿאַרפּייניקטע פֿליגן, געגרויעט אין אַלע ווינקלען, געפּאַלן אויף די מײַלער, וואָלט מען אַפֿילו נישט דערקאָנט, אַז אויף דעם זעלבן אָרט איז ערשט מיט אַ קורצער צײַט צוריק אָנגעגאַנגען אַ ביטער־רע שלאַכט צווישן דײַטשישן און רוסישן מיליטער. פּערד זענען דאַמאָלס געלעגן מיט אויפגעפּראַלטע בײַכער און גראַ־נאַטן האָבן אַרויסגעשלעפּט מענטשן פֿון די שטובן אַרויס און צעריסענע, אויפגעטרענטע, מיט אָפּגעפּליקטע קעפּ, הענט, פֿיס, זיי אַוועקגעשליידערט אויף דער ערד פֿאַר זייערע אייגענע טירן.

אויף די חורבות פֿון דידאָזיקע מלחמה־שלאַכטן זענען די „כאַפּערס״ געבוירן געוואָרן. געוועגלעך, ליגן זיי ערגעץ פֿאַרשטעקט אַז מ׳זאָל זיי נישט אַרויסזען, נאָר אומגעריכט ווערט תּמיד אַ געוואַלט, עמעצער, מיט אַ פּאָר לאַנגע פֿיס, ציט גיך אָפּ, מ׳לאָזט זיך נאָך אים מיט קללות און יענער פֿאַרשווונדט. און באַלד ווידער אַ געוואַלט, אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פֿירטער... אַלט־שטאָט ווערט אויפגעקאָכט, זײַטיקער עולם שרעקט זיך אָבער נישט, מ׳ווייס — דאָס האָבן זיך די „כאַפּערס״ אַרויסגעלאָזן, באַלאַגערט די שטעלן, די קראָמען און געכאַפּט וואָס ס׳איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט אַרונטער: ברויט, קאַרטאָפֿל, ציבל... זענען די קרעמערקעס דערפֿאַר געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין איין ציטערניש.

— גאָט באַהיט! מ׳דאַרף דאָך האָבן אויגן אין אַלע זײַטן.

— מ׳קאָן חלילה בדיל־הדל ווערן!

און די „כאַפּערס״ דאָס זענען געווען פּשוטע יינגען, בעלי־מלאכות, אַפֿילו טאַטעס פֿון קינדער, וועלכע האָבן צוליב דער מלחמה פֿאַרלוירן די אַרבעט, אויך היימלאָזע, ווען דער הונגער האָט אַרויסגעטריבן אין גאַס אַרײַן.

האָבן זיך די „כאַפּערס גוט געקאָנט מיטן עולם קרעמער. מיט אַ שעה צוריק האָט ער ערשט, דער „כאַפּער״, געכאַפּט אַ ברויט ביים בעקער גלייך אין פּיסק אַרײַן. ס׳איז געוואָרן

אַ געקוויטשעריי, אַ געלייף. אַ קליינינקייט: — אַ ברויט! אַ ברויט היינ־טיקע צייטן! און איצט איז דערזועלבער „כאַפּער" געשטאַנען ביים סטראַגאַן, פון וואַנען ער האָט פריער אַראָפּגעכאַפּט דאָס ברויט און געמיטלעך זיך אויסגעטענהט:

— וואָס האָט איר אַזוי געשריגן? מ'האָט דאָך געקאָנט מיינען אַז מ'שעכט דאָ חלילה מענטשן... — האָט דער „כאַפּער" מכלומרשט געהאַט פאַריבל — כ'האָב דען ביי אייך מער גענו־מען ווי אַ ברויט?

— איר פאַרשטייט דאָך, — האָט זיך דער בעקער פאַר־ענטפערט — איר אַ ברויט, אַ צווייטער אַ ברויט און מ'קאָן מיר אַזוי אַרום אַראָפּליידיקן ס'טישל.

די „כאַפּערס" האָבן נישט געגנבעט. גנבה איז אַ מיאוסע זאַך. דאָס פּאַסט פאַר גנבים, אויסוואורפן, וועמען ס'גלוסט זיך נישט צו אַרבעטן, נאָר פירן אַ גרינג לעבן. „כאַפּערס" — דאָס איז עפּעס אַנדערש, זיי זענען אָרנטלעכע מענטשן. און ווען מ'יאָגט נאָך אַ „כאַפּער", האַלט דער המון תמיד איין דעם גע־ליטענעם, מ'פאַרשטעלט אים דעם וועג, כדי דער „כאַפּער" זאָל קאָנען וואָס גרינגער אַנטלויפן און יענער, דער „כאַפּער", לויפט טאַקע מיטן ברויט אין פּיסק. און אַז אַ „כאַפּער" ווערט אַמאָל אָפּגעפירט אין „אוטשאַסטאָק" אַריין, טענהט צום געליטענעם דער מיליציאָנער:

— גיב אים, פריץ, אויף אַ הערינג, טרוקן ברויט איז דאָך נישט קיין עסן...

און וואָס אַ טאָג זענען זיי, די „כאַפּערס", געוואָרן ענגער, געדיכטער. אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. אָפּגעריסע־נע, פאַרשוואַרצטע, פאַרחושכטע. זיי זענען געגאַנגען מחנותווייז, אַזוי ווי הונגעריקע סטאַדעס וועלף. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די ליידיקע און פאַרזשאַווערטע בוידן, מיט אָפּגעבראָכענע שטיקער אייזן, וואָס זענען נאָכגעהאָנגען ביי די זייטן, אַזוי ווי ברודיקע אומגוצלעכע באַנדאַזשן און די קייטלען האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיד; ביים דיר פון אַ שטיק בלעך, האָט זיך די קייטל אַ וויג געטון, אַרויסגעלאָזן אַ הייזעריקן קרעכץ. און אויף

דידאָזיקע טישלעך, אפילו אונטער זיי, אויפן צעשעדיקטן ברוק, האָבן די „כאַפּערס" געקלעפּט חמרימווייז, פּונקט אַזוי ווי פליגן אין אַ וואַרעמער שטוב, אויפן באַלקן, קייגן איבער דעם אויוון.

און די ייִנגען האָבן דאָ געזוונגען לידער, דערציילט מעשיות, געקריגט זיך, געפּאַטשט זיך, נאָר ווען זיי זענען געוואָרן הונגעריק, האָבן זיי זיך איינציקווייז אַרויסגעצויגן פון דער קופּע אַרויס, אויפגעשטעלט זיך, מיט דאַרע, גאָנערשע פיס אין שווערע הילצערנע טרעפּיס „געלייגט לעפל" און הילכיק אַוועקגעטראָגן דאָס פעקל ביינער אין סאַמע עק מאַרק אַריין, ווו דער האַנדל גייט אָן מיט רעש, מיט טומל...

קוים איז די „מוראַוויסקע" פאַנאַנדערגעקראָכן איבער אַלטשטאָט, האָט מען באַלד נאָכדעם געהערט אַ פאַרצווייפלט און צעשראָקן געשריי פון אַ ייִדענע:

— אַ גנבֿ! אַ גנבֿ! כאַפּט אַ גנבֿ!

נאָר דער ייִנג מיט די גאָנערשע פיס אין די הילצערנע טרעפּ׳ס, איז מיט געבראַזג שוין געווען העט-העט, אַזש אויף יענער זייט אַלט-שטאָט.

אין שטאָט האָט זיך די זון כסדר אַראָפּגעזעצט אַלץ נידעריקער און נידעריקער אויף דער ערד. די לופט איז געוואָרן געפּרעסט, געדעמפּט און די הייזער, די מויערן, די שטיינער אויפן ברוק, האָבן געפּרייכט אונטער דער לאַסט פון שווערער היץ און געאָטעמט מיטן ריח פון אַלט אָפּגעברענט אייזן.

יעדן פאַרטאָג, אַזוי ווי ס׳איז נאָר אויפגעגאַנגען די זון, האָט זיך מענדזשעלע דער ערשטער אַריינגעשאַרט אין מאַרק אַריין. זיין קליין, צעבויגן גופֿל, האָט צוליב דער פרימאָרגנקעלט, זיך געקאָרטשעט אין דער לאַנגער, צעריסענער מאַריינאַרקע און אין די שמאַלע, קורצע ביז די קני, געפּלאַצטע הייזלעך, וועלכע זענען פון אים אַראָפּגעהאָנגען אַזוי ווי שמאַטעס; און די שמאַטעס זענען געווען באַדעקט מיט מיסט, מיט פעדערן און מיט שטרוי, פון וואַנען ס׳האָט געשלאָגן אַ דומפּיק-זויערער ריח

פֿון אויערן און אַנדערע אומריינקייטן. אַ באָרוועסער, מיט גרויסע פּלאַטשיקע פֿיס, אַזוי ווי צוויי גרויסע שטיקער פּלאַטשיק פֿאַרזשאַווערט אייזן, האָט זיך דאָס נפֿשל מיט פֿלינקע באַוועגונגען געטראָגן איבערן מאַרק און די אייגלעך, כיטרע, שוואַרצע, אַזוי ווי קליינע שטאַרקע פֿייערלעך, האָבן גיך-גיך אַרומגעטאַנצט אין בלאָטיק-אויסגעשמירטן, צעקנייטשטן פּנימל. מענדזשעלע האָט געהאַט אַ נישט נאַטירלעך אויסזען: לויט דער גרייס אַ 12—15 יאָריקער; לויטן קול, דערפֿאַרונג, דורכגעטריבנקייט און דער עיקר — לויט דעם פֿרי-אַלטגעוואָרענעם, האַרטן און לעדערנעם פּנים — פֿיל, פֿיל עלטער: אַ קליין איינגעשרומפּן און אויסגעפּייניקט יידעלע.

מענדזשעלע דרייט זיך דאָ אַרום צווישן די „כאַפּערס", ער איז אַ דראָבנינקע כאַפּערל, נישט קיין גנפֿערלעכס — ער כאַפּט נישט פֿון קיין שטעלן, פֿון קיין קראָמען. מענדזשעלע וועט דאָס נישט טון, ער האָט מורא, ער איז אַ „כאַפּער" פֿון אַ גאַנץ אַנדערן מין. ער, מענדזשעלע, כאַפּט בלויז פֿון קינדערישע הענטלעך און מיילעכלעך. גייט פֿאַרביי איבער אַלט-שטאָט אַ יידענע מיט אַ קינד, דאָס קינד האַלט אין דער האַנט אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל זעמל אָדער אַ לעקעכל, מעג עס זיין ווי קליין — שנעל און כיטרע, אַזוי ווי אַ קאַץ, גנבעט זיך מענדזשעלע אונטער, צייעט זיך, צייעט זיך, אַ רגע דויערט — און מענדזשעלע אַנטלויפֿט. ער לויפֿט מיטן פּענעצל ברויט אויף יענער זייט מאַרק. דאָס קינד דערשרעקט זיך, צעוויינט זיך און די יידענע שרייט נאָך, שעלט...

נאָר מענדזשעלען טוט מען גאָרנישט. פֿון דעם לעבט ער. מענדזשעלע דרייט זיך אַרום צווישן די סטראַגאַנעס – אים טרייבט מען נישט. בייטאָג איז דער מאַרק זיין היים און ער, מענדזשעלע האָט מער רעכט אויף אַלט-שטאָט, ווי אַלע קרעמער צוזאַמען גענומען. דאָ, אויף דידאָזיקע שטיינער איז ער, מענדזשעלע אויסגעוואַקסן, דאָ האָט ער זיך דערצויגן. ביינאַכט — גייט ער אַוועק אין אַ הויף, לייגט זיך אַוועק אין אַ מיסט-קאַסטן און שלאָפֿט. זומער איז אים דאָרט גוט. ווינטער אָבער, אַז ס'מאַכט

זיך קאַלט, ראָיעט מענדזשעלע אויף דאָס מיסט, דראַפּעט זיך אַרונטער מיט די לאַפּעס און מיט די פּלאַטשיקע פיס אונטערן מיסט אַרונטער און דאָרט איז אים וואַרעם. טייל־מאָל דראַפּעט ער זיך אַרויף אויף עמעצנס אַ בוידעם און שלאָפט, שלאָפט, ביז די שטראַלן פון דער זון רייסן זיך אַריין דורך די שפּאַרעס אין בוידעם אַריין און שפּילן זיך מיט מענדזשעלעס פאַרפאַפּקעוועט פּנים, מיט זיינע פאַרקלעפּטע און פאַראָפּיעטע אויגן. און ביי די שטראַלן פון דער זון, זעט מען ווי מענדזשעלעס לייב, זיינע הענט, זיינע פיס, זיין פּנים, זענען באַדעקט מיט גרויסע, פעטע לעבעדיקע באַשעפענישן... וואָס קריכן אַרום חמרימווייז, פון דעם לייב אויף די בגדים, און פון די בגדים — אויף דער שטויביקער פּאָדלאָגע און צוריק, פּונקט אַזוי ווי אויף אַ שפּאַציר־אַלייע... זיי שפּאַצירן אַזוי אויף מענדזשעלען אומגעשטערט, פרעסן זיין לייב, טאָטשען אים... און מענדזשעלע ליגט רויק, ער ווערט זיך נישט, ווייל אים אַרט עס שוין נישט. נאָר אַ סך מאָל פּלאַצט אין אים דאָס געדולד. דאַמאָלס זעצט ער זיך אויף, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שמאַטעס און קוילעט, קוילעט... מענדזשעלע, אַ גאַקעטער, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפן, זעט דאַמאָלס אַליין אויך אויס אַזוי ווי אַ גרויס, פון ערגעץ פאַרקראָכן זעקספיסיק באַשעפעניש, וואָס זיצט דאָ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל אויפן בוידעם און טוט אַ וויכטיקע, זייער ערנסטע אַרבעט...

ווען ס'ווערט שפּעט, כאַפּט זיך מענדזשעלע אויף, ער איז הונגעריק. מענדזשעלען אַרט שוין נישט קיין קעלט. פלינק אַזוי ווי אַ שדל, דראַפּעט ער זיך צוריק אַראָפּ פון בוידעם און ציט מיט זיינע פּלאַטשיקע פיס גיך־גיך גלייך אין מאַרק אַריין.

מענדזשעלע קלויבט אויף די מונדשטיקן פון אויף דער ערד, פון די רינשטאָקעס אַרויס און ער רויכערט. ער שפּייט און הוסט און רויכערט. ער זאָל אַפילו אויסשפּייען די לונגען, נאָר רויכערן מוז ער!

מענדזשעלע (ווי ער אַליין זאָגט, הייסט ער מענדל) געדענקט נישט זיין טאַטען. דערפאַר האָט ער צו אים גאָרנישט.

נישט געקענט — איז נישט. נאָר זיין מאַמען טאָר מען אים נישט דערמאָנען. ער ווערט דאַמאָלס אויפגעקאָכט, דאָס בלאַטיקע, איינגעשרומפּענע פּנימל קריגט אַ גרינע קאָליר און מענדזשעלע נעמט שעלטן, הוסטן און שפּייען. פון דער מאַמען זיינער, האָט מענדזשעלע געהערט אַנדערציילן מיאוסע זאַכן און צוליב איר, בלאָנקעט ער זיך דאָ אַרום אַ באָרוועסער, אַ הונגעריקער אויף אַלט-שטאָט, כאַפּט ביסנס פון קינדערשע הענטלעך און שלאָפט אויף מיסט-קאַסטנס.

זי, די מאַמע זיינע, האָט מענדזשעלען אונטערגעוואָרפן; זי לעבט מיט אַ פרעמדן מאַנספּערשוין און פירט זיך אויף אַזוי, אַז אַפילו מענדזשעלע פאַרשעמט זיך און ווערט רויט.

— זעסט די שטרוי? — ווייזט מענדזשעלע מיט אַ פינגער אויף דער ערד, ווו ס'ליגט אַ דין שטרויעלע — די שטרוי האָט ביי מיר מער ווערט ווי מיין מאַמע.

— פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי, מענדזשעלע? זי איז דאָך אַ מאַמע!

— זי איז אַ מאַמע? מיין מאַמע נישט!

— זעסטו זיך נישט קיינמאָל מיט איר?

— איך וויל מיין מאַמען נישט קאָנען. זאָל איר שטינקען פון די געהירן!

אויפן זעלבן מאַרק, ביי די זעלבע בודן, זעט מען נאָך איינעם, נאָר נישט קיין „כאַפּער" — דאָס איז לייווע די „פּופּע". לייווע ליגט אויסגעצויגן אַזוי ווי אַ קאַלב אויף דער ערד און ווען ער שטעלט זיך אויף, נעמט מאַכן שפּרייזן, וויגט ער זיך אויף לינקס און רעכטס, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט הילצערנע פיס; ער גייט און בלייבט אַלץ שטיין אויף איין אָרט. די „פּופּע" איז פיל גרעסער פאַר מענדזשעלען, אַ מגשומדיקע פיגור, אַריינגעקוועטשט אין אַ דין העל כאַלעטל, אַזוי ווי אַ בלעך, דורך וואַנען ס'זעט זיך אַ דורך אַ פעסטע, אויסגעהאַמערטע פּלייצע. דאָס פּנים זיינס איז געל, אָנגעשיט מיט קלייען, מיט בראָדעווקעס און באַוואָקסן מיט אַ בלאָנדן, שיטערן מאָך.

די „פּופּע" איז אַ מאָל געווען אַ געזונטער, קרעפּטיקער ייִנג; ער האָט געדינט אַלס פערד־אָנטרייבער ביי אַ קצב און געפאָרן מיט אַ וואָגן פלייש. נאָר אַמאָל, זומער, ווען לייווע די „פּופּע" איז געגאַנגען באָרוועס און באָרוויסערהייט אַראָפּגעשפּרונגען פון כּמעט אינדערהייך, פון וואָגן, גלייך אויף די שטיינער אַרויף, האָבן אים געפּלאַצט די אָדערן. מ'האָט אים, דער „פּופּען", געכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין, מ'האָט אים אָפּערירט, מ'האָט אים אַראָפּגענומען פינגער פון די פיס און די „פּופּע" איז געבליבן אַן אייביקע קאַליקע. האָט דער בעל־הבית זיינער, דער קצב, גענומען די „פּופּע" און אים אַרויסגעשליידערט אויף דער גאַס אַרויס און מער אַפילו נישט אַריבערגעלאָזט איבערן שוועל. ער, דער קצב, דער „פּופּעס" בעל־הבית, ער דאַרף נישט האָבן קיין קאַליקעס, ער דאַרף צום וואָגן האָבן געזונטע, קרעפּטיקע ייִנגען, וואָס זאָלן קאָנען אַ נעם טון אויף זיך אַ זייטל פלייש, אַזוי לייכט ווי אַ שפּענדל.

ליגט די „פּופּע" אויף דער ערד, אונטער אַ סטראַגאַן און פּרעגלט זיך אויף דער זון. נאָר נעבן דער „פּופּע" שאַרט זיך תּמיד מענדזשעלע. מענדזשעלע באַדינט לייוען, ער ברענגט אים ברויט, שפּייזט אים און פאָלגט אַלץ וואָס די „פּופּע" הייסט אים. און די „פּופּע" האָט אַ מאָדנע השפּעה אויפן קליינוואַרג צוליב זיינע מעשׂיות. פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וואָס בלאָנקען אַרום אויף אַלט־שטאָט, פאַרזאַמלען זיך אַרום דער „פּופּע", באַשיצן אים און היטן אים אָפּ ווי זייערן אַ פּירער. און די „פּופּע" דערציילט וועגן זאַכן, פון וואָס האָר און נעגל שטעלן זיך אויף קאַפּויער, ממש אומגלויבלעך. אָט דערציילט די „פּופּע", אַז ער איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון שטעט, ווו ס'איז דאָ גענוג ברויט, מ'דאַרף נישט כאַפּן, מ'זאָל נאָר אַזויפיל עסן, וויפל מענטשן גיבן. די מענטשן זענען דאָרט נישט אַזוי שלעכט, אַזוי ווי דאָ אויף אַלט־שטאָט. אויב מ'וועט אים גלייבן, וועט ער, די „פּופּע", שווערן, אַז מ'עסט אין יענע שטעט חלה אינדערוואָכן. און די „פּופּע" האָט אַלץ דורכאַנאַנד אויפגעוויקלט וווּנדערלעכע מעשׂיות. איינע פּראַכטפולער פאַר דער

אַנדערער, איינע אַנטציקנדיקער פאַר דער אַנדערער... און די קינדערשע פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּלט, פינצטערע אייגלעך האָבן זיך אָנגעצונדן און די סלינע איז אַזש פאַרקראָכן אין מויל אַריין. אַט וועלן זיי אַוועק מיט דער „פּופּע" אין וועג אַריין און פאַר זיי וועט זיך עפענען אַ נייע וועלט; זיי וועלן גיין איבער שטעט — זאַטע, פיל מיט ברויט, מיט ראַ־זאָווענע און מיט געבייטלטס און מיט זעמל און מיט חלה... און עסן קאָן מען גענוג. מ'קאָן צעזעצט ווערן עסנדיק... און קיי־נער וועט נישט שטערן, קיינער וועט נישט שרייען... מ'דאַרף נאָר וויסן, וואָס מ'האָט צו טון. מ'דאַרף זיך טויגן. אָבער ער, די „פּופּע", וועט זיך שוין פאַר זיי זאָרגן, ער וועט זיי ווייזן און פירן און לערנען. אים, דער „פּופּען", דאַרף מען נאָר פאָלגן ווי אַן עלצטן און ס'וועט זיין גוט.

צווישן דער חברה אויף דער ערד, אַרום דער „פּופּע", האָט זיך אויך געפונען פאָלק. ער האָט געהערט אויפמערקזאַם. זיין אויסגעמאָגערט פנימל האָט זיך אויסגעקרומט, לענגער גע־וואָרן און די אייגלעך האָבן אויפגעשאָסן מיט ווייטיק: עסן! עסן!.. — איז פאָלקן אַדורך די „פּופּעס" ווערטער דורך די אויערן. די „פּופּע", כאָטש ער איז אַזוי עקלדיק, איז ער אָבער פאָרט אַזאַ גוטער מענטש. ער ווייס פון אַ לאַנד, וווּ מ'הונגערט נישט, וווּ אַפילו די שטיינער אין דער גאַס זע־נען זאַט. און די „פּופּע" וועט זיי פירן אין דאָזיקן לאַנד, ער וועט זיי אַלע פירן דאָרט אַהין...

פאָלק איז געווען אַנטציקט. ער וועט זיך ביי קיינעם נישט פרעגן, ער וועט אַוועק מיט דער „פּופּע", ער וועט זיך אָנזעטיקן פאַר דער גאַנצער צייט. ער וועט אָנלייגן אַ פולן בויך, ער וועט נישט פריער צוריקקומען, כל־זמן ער וועט נישט זיין זאַט. וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל!

נישט בלויז פאָלק, נאָר אויך מענדזשעלע און די איבע־ריקע קינדער זענען געווען פאַרכשופט פון דער „פּופּעס" דער־ציילונג און מ'האָט באַשלאָסן, מאָרגן, באַלד ווי די זון גייט נאָר אויף, צו טרעפן זיך דאָ, אויפן זעלבן אָרט, ביי דעם זעלבן

סטראַגאַן, כּדי צוזאַמען זיך אַוועקצולאָזן אין דער ווייטער וועלט אַריין, ווו ס'איז נישטאָ קיין הונגער און אַלע אייגוויבער זענען זאַט, זאַט, זאַט!..

באַגינען, ווען די געוועלבער זענען נאָך געווען פאַרהע־מערט מיט שווערע, אייזערנע פּרענטן, אַזוי ווי מיט אייזערנע גאַרטלען און דער מאַרק איז נאָך געווען ליידיק — האָבן זיך צווישן די בוידן אַראָפּגעלאָזן פאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע". זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַזוי ווי די וואָנעס, ענצלוויייז. איי־נער נאָכן אַנדערן, אויסגעשמירטע, פאַרשלאָפענע, איינגעקאָרטשעטע.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער, אַ ליכטיקער און ס'איז געווען קענטיק, אַז שפּעטער וועט זיך שטעלן אַ היץ, נאָר דער חברה איז עס געווען אַלציינס — אַזוי צי אַזוי, לאָזן זיי זיך אין וועג אַריין.

— מענדל, האָסט ברויט? — פרעגט אים די „פּופּע", וועלכער וואָלט געוואָלט פריער אַביסל „אויספלאַסטערן" דעם מאָגן, נאָך דאָ, אין שטאָט.

— ברויט? פון וואַנען זאָל איך האָבן ברויט? — קוקט אים אָן פאַרחידושט מענדזשעלע און שטעלט אויף יענעם אויס אַ פּאָר שוואַרצע, בלישטשעדיקע פייערלעך.

די „פּופּע גיט זיך אַ שיבער, ער איז נאָך הונגעריק פון נעכטן.

— וואַרט, לייווע! — מאַכט צו אים מענדזשעלע — מע'מיר אַרויסגיין אויפן שאָסיי, על'ך שאַפן.

פאַלק וואָלט אויך מיט עפּעס איבערגעריבן די ציין, נאָר ער טאָר נישט רעדן, ער ווייס, אַז מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" קאָנען זיך אָן אים באַגיין, מוז ער שווייגן.

חברה קוקן זיך איבער, מענדזשעלע פאַרהוסט זיך, שפּייט אויס און דערביי פילן אַלע אַ מאָדנע ווייטיק — שווער זיך צו שיידן מיט אַלט־שטאָט, מיטן ברוק אויף וועלכן מ'איז אויסגע־וואַקסן, אויף אים דערצויגן געוואָרן. דאָ געוואָרעמט זיך אויף

דער זון, דאָ געשלאָפן, דאָ געהוּנגערט און אַ סך מאָל כּתּם אַריינגעכאַפּט קלעפּ פון שלעכטע מענטשן. און אפשר דערפאַר זענען די פאַרזשאַווערטע בוידן אַזוי ליב? אַזוי נאָנט צום האַרצן? ווען מענדזשעלע, ווען די „פופּע”, ווען פאָלק זאָלן זיך נישט שעמען, וואָלטן זיי זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, זיי וואָלטן זיך צעקושט מיט די שטיינער, זיי וואָלטן זיך צעוויינט...

ווען די מאַמע האָט מענדזשעלען אונטערגעוואָרפן, זענען דידאָזיקע שטיינער געוואָרן זיין מאַמע; ווען דער בעל-הבית האָט דער „פופּען” אַרויסגעשליידערט אויף דער גאַס, איז דאָך דער אַספאַלט געוואָרן זיין בעל-הבית און אפילו פאָלק — ער אַליין האָט אויך צו אָט די שטיינער אַ גרויסן שייכות.

די זון האָט זיך אַלץ גיכער אַרויסגערוקט פון באַהעלטעניש און דערנאָך אויף אַ פייערדיקן רייטוואָגן, אַריינגעריטן גלייך אין סאַמע מיטן מאַרק אַריין און אין מאַרק איז געוואָרן אַ יום-טוב. טיר און טויער האָבן זיך צעעפנט, לעדנס האָבן געסקריפּעט, פרעגנטן האָבן שווער געקרעכצט און אונטערן אייזערנעם געקרעכץ, האָט זיך ערגעץ אין אַ פענצטער שטיל צעקייכט אַ זויג-קינד. באַלד ווייזן זיך פאַרשלאָפענע, אויסגערוטע פנימער. אַ בעקער-ייִנג שלעפּט אַ קויש ברויט אויף די אַקסלען און דער ריח פון וואַרעם געבעקס צעטראָגט זיך איבער גאַנץ אַלט-שטאָט. אַ בעל-הביתטע איילט מיט אַ פענדל מילך, זי לויפט, זי האָט קיין צייט נישט און קייגן איבער אויפן טראָטואַר, עפנט זיך אַ קראָם, דערנאָך נאָך אַ קראָם און אַ בויד, ווידער אַ בויד — —

— לאָמיר גיין, — זאָגט די „פופּע” — שוין צייט.

— ס'איז שפּעט! — באַשטעטיקט מענדזשעלע.

— שוין באַדאַרפן זיין אויפן שאָסיי — גיט צו פאָלק.

און אַלע דריי, איינער נעבן אַנדערן, איינער הינטערן אַנדערן, האָבן זיי זיך געלאָזן איבער די האַלב-באַלעבעטע גאַסן, צום עק פון דער שטאָט, העט-העט אויף יענער זייט. מענ-דזשעלע איז געלאָפן פאָרויס און לויפנדיק האָט ער זיך פסדר געקאָרטשעט אין דער לאַנגער, צעריסענער מאַרינאַרקע, וואָס איז אַזוי בריוּוחדיק אַריבערגעהאָנגען איבער די אָפּגעפליקטע הויזן

אַריבער און די זון האָט זיך געשפּילט מיטן מיסט אויף זייַנע שוואַרצע פאַרבלאָטיקטע און פלאַטשיקע פיס. און מענדזשעלעס הויזן, אַדורכגעזאַפּט מיט אורין־פייכטקייט, האָבן זיך גענומען טרוקענען און פרעגלען אויף דער זון און צוזאַמען מיט אַ גע־דעמפטע פּאַרע, האָט זיך אויך אויפגעהויבן אַ זויערער געשטאַנק פון אורין.

פאַלק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. מענ־דזשעלע איז פאַר אים אַ גאַנץ גוטע גאַראַנטיע, אַז פאַלק וועט נישט הונגערן. אָבער, דאָך! פאַלק האָט געפילט, אַז מיט דעם וואָס ער גייט איצט אַוועק אין דער וועלט אַריין, הייבט זיך פאַר אים אָן אַ ניי שטיק לעבן, בעסער אָדער ערגער — דאָס האָט ער נישט געוווסט, נאָר ווי יעדער נייע זאַך — האָט עס אים באַאומרויקט, געשראָקן און געלאָקט. אָבער טיף, טיף אין האַרצן האָט עס אים הנאה געטון: ער, פאַלק, ווערט זעלבסט־שטענדיק, ער גייט אַליין אַוועק אין דער וועלט אַריין. און אַזוי ווי דער פויגל, וואָס איז נישט קיינעמס, זאָרגט אַליין פאַר זיך, וועט אויך פאַלק מוזן זיך אַליין שפּייזן, ווייל ער איז שוין אויך נישט קיינעמס.

און פאַלק האָט זיך מיטאַמאָל דערזען העכער ווי ביז איצט, ער נעמט אונטער אַ ריזיקאַלישע זאַך: ער, פאַלק, גייט דאָך נישט אַוועק אויף אַ טאָג, ער גייט אַוועק אויף אַ גאַר לאַנגער צייט און אפשר אויף יאָרן. ער וועט זען נייע שטעט, אומבאַקאַנטע פּנימער און אויף די גאַסן פון דידאָזיקע שטעט, וועט ער אַרומבלאָנקען זאַט אָדער הונגעריק... און אפשר וועט ער אויך מוזן ווערן אַזאַ מענדזשעלע? מ'דאַרף עס נאָר קאָנען, שטאַרבט מען נישט פון הונגער. אים, מענדזשעלען, איז דער־פאַר גוט. פאַרוואָס איז מענדזשעלען גוט און אים, פאַלקן, נישט? נאָר פאַלק פאַרשטייט נישט, אַז די וועגן, וועלכע האָבן פאַלקן מענדזשעלען, דער „פופען" דאָ אהער צונויפגעפירט, זענען געווען פאַרשידן: מענדזשעלען — דער ברוק פון אַלט־שטאָט, דער „פופען" — אַ בערגל מיסט אין קצבס שטאַל או־

פּאַלקן — די גרויסע, פיין-געמאָלטע און ברייטהאַרציקע צימערן אויפן הויף פון דער עלעקטרישער האָלץ-פאַבריק.

„פּופּע" האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער לעצטער. ער האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין גרויסע שפּרייזן און זיך געוואַקלט, אַזוי ווי אַ מענטש אויף הילצערנע פיס. אַמאָל האָט זיך איין אַקסל אויפגעהויבן און דער אַנדערער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, ווידער האָט זיך דער ערשטער אַקסל אַראָפּגעלאָזן און דער אַנדערער האָט זיך צוריק אויפגעהויבן, אַזוי ווי די „פּופּע" וואָלט געוואָרן אַ גרויסע הענגל-וואָג און די הענגער האָבן זיך אַזוי געוויגט, אַמאָל אַרויף, אַמאָל אַראָפּ...

אַלע דריי האָבן זיך מיטאַמאָל פאַרהאַלטן, זיי זענען געווען ביים סוף פון דער שטאָט. פון איין זייט, הינטער זיך — האָט צו זיי אַהערגעקוקט אַ קופּע הויכע ענג-צונויפגעפּרעסטע הייזער, אַזוי ווי אַ ריזיקער באַרג מיט שוואַרצע שטיינערנע און פאַרביקע קאַסטנס, צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און אַלע צוזאַמען האָבן זיך אין אימה האַרט צוגעקוועטשט צו דער ערד. פון דער אַנדערער זייט, פאַרויס — אַ לאַנגער שאָסיי, ביי די זייטן — ברייטע, טרוקענע רווין, ווייט-ווייט אַוועק — אַ שפּע פון פעלדער, פון וואַסער, פון וואַלד. און דאָרט, איבערן וואַלד, האָט זיך דער הימל אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. מ'דאַרף נאָר אַרונטערגיין הינטערן דאָזיקן טונקעלן וואַלד אַרונטער, אויסשטרעקן די האַנט און מ'רירט אָן מיט דער האַנט דעם הימל.

ערטערווייז, אין די זייטן ביים שאָסיי, זענען געווען אָנגעוואָרפן קליינע, געמויערטע הייזלעך, נאָר וואָס אַמאָל זענען זיי געוואָרן אַלץ שיטערער און זעלטענער; ס'האָבן זיך אַרויסגעשאַרט כאַטעס, איינגעבויקטע, אַזוי ווי שפּילצייג אין אַ שוי-פענצטער און אויך די כאַטעס זענען אַלץ ווייניקער געוואָרן און פאַרשוווּנדן. דער שאָסיי, אַזוי ווי אַ לאַנגער, אַ ליידיקער און ליכטיקער פאַס, האָט זיך אַוועקגעצויגן אין מיט פון אַ גרינעם, פּראַכטפול-געפלעקטן געוואַנד און הויך איבער דערדאָזיקער לאַנדשאַפט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געזונטע, אַ קרעפטיקע, די זון און אַראָפּגעשיט מיט פולע קופּעס גאָלד, מיט גאָלד, מיט גאָלד...

פאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן גרינעם, ווייכן גראָז און זיך געבראָטן אונטער דער זון. ווייט-ווייט הינטער זיי איז געלעגן די שטאָט, נאָר דאָ, צווישן ברייטע, רחבותדיקע פעלדער און אונטער אַן אָפענעם, לויטערן הימל, האָט עס אויסגעזען, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין געווען מײַלן ווייט אָפּגעשניטן פון דער היים.

דער טאָג איז געווען אַ פאַרנער, אַ דעמפיקער און פאַלק, מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" האָבן געפרייכט פון שווערער היץ און פון דורשט.

— זעסט, מענדל, דאָרט אַ ציגלנע געביידע? — זאָגט צו אים די „פּופּע".

— כ'זע.

— דאָס איז אַן איינפאַר-הויז. גיי אַריין, מענדל און ס'עט זיין עפעס צו עסן.

מענדזשעלע האָט זיך נישט אָקייגנגעשטעלט. דער „פּופּען" דאַרף מען פאָלגן.

— דאָרט, לייווע?

— יאָ!

האָט זיך מענדזשעלע אויפגעשטעלט פון אויף דער ערד, אויסגעלענגערט זיך, זיך צעהוסט און דערנאָך זיך אויסגעלאָזן לויפן גיך-גיך, אַזוי ווי אַ קליין בלאָטיק הינטל.

אין פאַלקן איז מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען אַ פרייד. אָט-אָט הייבט עס זיך אָן. ס'וועלן נאָר אַריבער נאָך עטלעכע טעג און ער, פאַלק, וועט זיך געפונען אויף יענעם אָרט, וווּ מ'קאָן זיך אָנעסן צו זאַט.

מענדזשעלע איז אַ דערשוויצטער אַרויסגעקומען פון איינ-פאַר-הויז. די אויגן, אַזוי ווי שוואַרצע פייערלעך, האָבן היימלעך אַרומגעטאַנצט אונטערן קורצן שטערנדל און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויס שטיק ברויט.

ער טראַגט, ער טראַגט! — זאָגט די „פּופּע" און איז צעפרידן וואָס זיין שליחות איז אים געלונגען.

מענדזשעלע איז צוגעקומען נאָנט און מיט טריומף זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

— נו? — פרעגט די „פּופּע" נייגיריק.

כ'האָב געזאָגט אַז כ'בין הונגעריק, האָט מען מיר גע־געבן ברויט.

— אַהאַ, זעסט, מענדל? — שטאָלצירט די „פּופּע" — וואָרט, דאָס איז נאָך גאָרנישט.

מיטן ברויט האָט מען זיך געטיילט גלייך אויף גלייך, אָן אונטערשייד און פאָלק האָט געקייעט מיט אַפּעטיט. דאָס ברויט איז אפילו געווען אַביסל האַרטלעך, אַזוי ווי צוגעטרוקנט פון דער זון, נאָר ס'איז געווען גוט, מ'האָט עס געקאָנט עסן.

— אין שטאָט אַזאַ שטיק ברויט — האָט פאָלק געטראַכט — האָ־האָ, שוין לאַנג פאַר די אויגן נישט געזען.

דער געלונגענער אָנהויב האָט דעם אָרעמען דריילינג צו־געגעבן מוט צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין.

— ס'עט באַלד זיין אַ ברונעם, וועלן מיר זיך אָנזויפן אַזוי ווי די פערד! — גיט צו די „פּופּע", אַזוי ווי אַ געניטער וועג־ווייזער.

און חברה האָט זיך אויפגעשטעלט, געטרעטן באָרוועס אין בריעדיקן זאַמד, פון וואָס ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווייסער שטויב ביז איבער די לענדן און די זון האָט מיט פייערדיקע צונגען געלעקט זייערע צעהיצטע און פאַרשווייסיקטע לייבער.

פאַרנאַכט, איידער די זון — אַזוי ווי אַ גליעדיק אויג — האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, זענען פאָלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" שוין געשטאַנעןביים סאַמע עק פון שאָסיי, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן באַרגיק און פון דאָזיקן באַרג, זעט מען, ציט זיך אַ ווייסער אָדער אין דעם בויך אַריין פון אַ טונקל־צונויפגעקנוידערטע און איינגעקאָרטשעטע קופּע הייזלעך און די קופּע זעט אויס, אַזוי ווי אַ כתנה אָפּגעריסענע בעטלער וואָלטן זיך צוועקגעלייגט האַרט איינער נעבן אַנדערן.

און די „פּופּע" האָט געזאָגט:

— אַט זענען מיר באַלד אין שטעטל. דאָרט, אין דער זייט איז די בריק, איבער וועלכער מיר וועלן דאַרפן אַריבערגיין. אויף דער בריק שטייט אַ דייטשער וואַך־סאָלדאַט, מוז מען אַריבערגיין אַזוי, אַז דער זעלנער זאָל אונדז נישט פאַרטשעפּן.

— פאַרוואָס זאָל ער אונדז פאַרטשעפּן? — פרעגט פאַלק.

— אַז מיר וועלן אים נישט געפעלן, קאָן אים אַזוי איינפאַלן.

— זאָל ער זיך געבן אַ שאַמפּיניר אַוועק! — רופט זיך אָן ווילעריש מענדזשעלע — ווער פרעגט נאָך זיין באָבען?

האָבן זיך חברה אָנגענומען מוט, געגאַנגען דרייסטער, געריבן אַ וויאָרסט נאָך אַ וויאָרסט, ביז די זון האָט זיך אינגאַנצן ערגעץ נידעריק אַראָפּגעזעצט און זיך באַהאַלטן הינטער די ביימער און מער נישט צוריק אַרויסגעקומען. אויפן שאָסיי איז געוואָרן קילער און לופטיקער און פאַלק, מענדזשעלע, די „פּופּע" האָבן פריש אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ לייכט ווינטל און זיך פאַרגנבעט צו זיי אין די צעעפנטע בוזעמס אַריין און דאָרט, אונטער די צעפליקטע בגדים, געגלעט דאָס לייב און געקיצלט...

ווען זיי זענען צוגעקומען צום טייכל, איז שוין געווען גוט טונקל. די בריק, אַ שמאָלע, אַ הילצערנע, איז געהאָנגען איבערן וואַסער, אַזוי ווי אַן אַלטע צעפוילטע שטריק אויף אַ בוידעם — זענען מענדזשעלע, פאַלק און די „פּופּע" געגאַנגען מיט אומזיכערע, וואַקלדיקע טריט, אַזוי ווי קונצנמאַכער, וואָס גייען אויף דראָטן. און דער דייטשער זעלנער, דער וואַכמאַן, האָט פּאַמעליע געשפּרייזט אַהין און צוריק. ער האָט דאָס קליינוואַרג פריי אַדורכגעלאָזט, אפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי און נישט געפרעגט וווהין זיי גייען. באַלד זענען אַלע דריי געווען אין שטאָט. נאָר פאַלק חידושט זיך: דאָס איז אַ שטאָט? ווען ער, פאַלק, וויל, גיט ער אַזאַ שטרעק אויס ביידע הענט און כאַפּט אָן די שטאָט פון ביידע זייטן...

אַ באַרג דורכזיכטיקע בלאָקייט האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזן אין מאַרק אַריין, ווייך צעלייגט זיך אויפן ברוק און

פאַרדעקט די הייזער, די בוידן און די אַלטע, צעבראָכענע שול, באַנט נעבן בית-עלמין און די חרובֿע פענצטער פון דער שול, האָבן ביי געגלאָצט אין גאַס אַריין, אַזוי ווי די אויגן ביי שטילע משוגעים...

אָפּגעפּליקטע הילצערנע טרעפּלעך האָבן געפירט אַרויף אין אַלטן, חרובדיקן בית-המדרש אַריין, וואָס האָט אין דער נאַכט-פינצטערניש אויסגעזען אַזוי ווי אַ בייזע, דראָענדיקע וואָנע.

די פענצטער פון דערדאָזיקער חורבה זענען געגאַנגען פראָנט, אין געסל אַריין און דערמאָנט די נע-ונדניקעס, וואָס האָבן אַדורכגעוואַנדערט איבערן שטעטל, אַז דאָ הינטער די אויס-געלאָשענע שייבן איז פאַראַן אַ שטוב, מיט אַ דאַך און אָט אין דער שטוב זענען דאָ בענק און אויף די בענק קאָן מען זיך אויסציען ווי אַזוי מ'וויל און שלאָפן.

אויך פאַלק, מענדושעלע און די „פּופּע" האָבן זיך איצט אַראָפּגעלאָזן אין דאָזיקן געסל אַריין. זיי זענען געווען מיד פון וועג און פון בראָטן זיך אַ גאַנצן טאָג אונטער דער זון. די „פּופּע" ווייס פון יעדער ווינקל. פירט ער זיי דאָ אַהער. זיי גייען און ער, די „פּופּע", וואַקלט זיך אויף זיינע שטייפע, גע-ליימטע פיס, וויגט ־יך, טאַנצט אונטער און גיט זיך יעדערס מאָל אַ שפּאַר אָן אויף מענדושעלען.

אַלע דריי ־ייבן זיך אויף די טרעפּלעך און גיך פאַרשווונדן זיי ־ פינצטערן קאָרידאָר אַריין, אַזוי ווי יינגע איבערגעשראָקענע מייזלעך אין אַ נאָרע.

אין בית-המדרש שאַרן זיי זיך אַריין איינציקווייז, שטיל, זיי בלייבן ־ן ביי דער טיר און גייען נישט ווייטער. נאָר קיינער שט־ ־ זיי נישט. דער ריח איז אַזאַ פאַרדומפּיצטער און עיפּוש־יקער, אַזוי ווי דער ריח וואָס טראָגט זיך אַרויס פון אַ פאַרשימלט פאַס וואַסער. מענדושעלע דערפילט זיך צוריק אין זיין הויט. אויף די פעלדער איז טאַקע געווען גוט, נאָר דער ריח איז אים דאָרט געווען פרעמד. דאָ האָט אים די דומפּיקייט

ווידער דערמאָנט דעם היימישן בוידעם און דעם מיסט-קאַסטן, וווּהין ער פלעגט אַלע נאַכט פאַרקריכן אויף נאַכט-לעגער.

— מענדל, דאָ האָסטו אַ באַנק, צי זיך אויס! — האָט די „פופע" זיך געפּאָרעט און געוויזן זיין גענײַטקייט.

די „פופע" אַליין האָט זיך אויך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, אַוועקגעלייגט די פלעכערנע פּלייצע אויף אַ באַנק, אויפגעהויבן דאָס קלײנע פּנים, אויסגעשפּיצט די גאָמבע און געבלאָנדזשעט מיט די וואַסערדיקע אייגלעך אין ליידיקן חלל.

פאַלק האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער אין מיטן שטוב, געקראַצט זיך אונטערן היטל, דערנאָך זיך צוגערוקט צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

די גאַס איז געווען טויב און די פאַרזונקענע הײַזלעך האָבן אויסגעזען, אַזוי ווי מצבות אויף אַן אַלטן בית-עלמין. פאַלקן איז געוואָרן אומהיימלעך און ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער. ער איז מיד, פאַלק, ער וואָלט זיך אויסגעצויגן און געכאַפּט אַ דרעמל, נאָר עפּעס שרעקט אים... ער זעט ווי מענדזשעלע ליגט אַן איינגעקאָרטשעטער מיט די קני ביי דער גאָמבע און שנאָרכט, אויף די „פופע" רירט זיך נישט. ער ליגט און פייפט שווער מיט די נאָז-לעכער. זיי איז דאָ גוט. אַ גאַנצע נאַכט איז דאָס בית-המדרש אָפן; ווער ס'וויל, קאָן אַרייַנגיין, ווער ס'וויל, קאָן אַרויסגיין. נו, איז עס אַ שלעכטע היים? ווינטער הייצט מען אין דעם אויוון און זומער איז אַזוי אויך וואַרעם. איז אַ קילע נאַכט — רייסט זיך נישט אַריין קיין ווינט און פאַר קיין שייגעץ האָט מען נישט קיין מורא...

נעמט פאַלק און לאָזט זיך אויך אַראָפּ מיטן גאַנצן גוף אויף אַ באַנק, ער פילט, אַז ס'ברעכט אים אונטער די קניען, מסתּמא פון טרעטן אויפן שאָסיי. אַ גאַנצן טאָג האָבן זײַנע פיסלעך געפּאַטשט אין בריעדיקן זאַמד...

נאָר מיטאַמאָל, ווי פאַלק ליגט אַזוי און קוקט אין דער פינצטערניש אַריין, זעט ער, אין יענער זייט בית-המדרש, הייבט זיך אויף עפּעס אַ בערגל און דאָס בערגל ווערט וואָס אַמאָל העכער,

אַמאָל נידעריקער, אַזוי ווי אַ לעבעדיק פּעקל וואָלט דאָרט גע־לעגן. אָט ציט זיך דאָס פּעקל אויס און אָט ווערט עס ווידער איינגעקאָרטשעט.

פאַלק האָט אָנגעשטרענגט די ראיה דאָרט אַהין, צום פּעקל, וואָס זעט אויס אַזוי ווי אַ בר־מנן. אָבער פאַלק ליגט און שווייגט. נישט אַנדערש, נאָר אים דאַכט זיך אַזוי, אַז דאָרט רירט זיך עפּעס. וואָס אָנגעשטרענגטער ער קוקט — אַלץ בולטער ווערט דאָס בערגל און אָט ריסעווען זיך אויס הענט, ער זעט פיס. ער זעט אַ קאָפּ... ער איז אָבער איבערצייגט, אַז דאָס בערגל וואָס איז אַזוי ענלעך צו אַ מענטש, איז פאָרט נישט קיין מענטש... פאַלקן באַשלאָגט אַן אימה. ניין, דאָרט איז קיינער נישטאָ, אים דאַכט זיך נאָר אַזוי... פאַרוואָס שווייגט מענדזשעלע? פאַרוואָס שווייגט די „פופּע"? זיי שווייגן געוויס פאַר פחד און שנאָרכן, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט זייער שנאָרכן אויך געוואָלט עמעצן איבערשרעקן. פאַלק קוועטשט צו די אויגן און וואָס מער ער פאַרקוועטשט די אויגן, בולטער זעט ער דאָס געשטאַלט, ער זעט יעדער באַוועגונג. דאָס געשטאַלט הייבט זיך אויף פון געלע־גער, ווערט אומנאַטירלעך לאַנג, דערנאָך לאָזט עס אַראָפּ די דאַרע פיס אויף דער ערד, שטעלט זיך אויף און נעמט שפּרייזן איבער דער פאָדלאָגע, נענטער, אַלץ נענטער צו פאַלקן.

פאַלק זעצט זיך ראַפּטעם אויף, ער באַגיסט זיך מיט שווייס.

— מענדל! מענדל! לייווע!

דאָס געשטאַלט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך איינגעהערט אין פאַלקס קול.

נאָר פאַלק האָט זיך פּלוצים צעשריגן:

לייווע! לייווע! לייווע!

מענדזשעלע מיט דער „פופּע" האָבן זיך אויפגעכאַפּט, נישט געוווּסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. פאַלק איז געזעסן אַ צעשויבערטער און ווילד געגלאָצט די אויגן אין מיטן שטוב אַריין. אין מיטן שטוב, אין דער פינצטערניש, איז אַ צעפאָרע־נער, מיט אויסטערלישע קרומע באַוועגונגען, געשטאַנען עפּעס

אַ באַוואַקסן באַשעפעניש און דאָס באַשעפעניש איז געווען שטאַרק אויפגערעגט.

— וואָס איז, פאַלק? — האָט זיך די „פּופּע" געפרעגט.

— זע נאָר, לייווע! — האָט פאַלק אָנגעוויזן אויפן געשטאַלט, וואָס האָט אָנגעהויבן צוגיין נענטער.

די „פּופּע" האָט אַ צי געטון מענדזשעלען פאַר דער פּאָלע און מענדזשעלע האָט זיך אויפגעזעצט, זיך איבערגעשיבערט, אַ קראַץ געטון זיך און אָפּגעווישט דעם גאַווער, וואָס האָט אַראָפּגעשנירלט פון פאַרשמירטן מײַלעכל גלײַך אין סאַמע האַלדז אַרײַן.

מענדזשעלע איז געווען דרייסט. ער, דאָס קינד פון ברוק, האָט נישט קיין מורא. אפילו דאָרט, אויפן בוידעם און אויפן מיסט-קאַסטן, האָט ער אויך פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

— ווער איז דאָרט? — האָט מענדזשעלע הויך געפרעגט און דאָס קול האָט זיך הילכיק צעטראָגן איבערן ליידיקן בית-המדרש.

— ווער איז? — האָט אויך געפרעגט די „פּופּע".

נאָר דאָס באַשעפעניש האָט אַלץ נישט געענטפערט. פּאַאַליע זיך אהערגעשאַרט און יעדערס מאָל זיך פאַרהאַלטן, אַזוי ווי עס וואָלט עפּעס געטראַכט און דערנאָך ווידער זיך צוגעשאַרט.

די „פּופּע" מיט מענדזשעלען זענען האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון די געלעגערס.

— אַ רוח אין דיין האַרץ אַרײַן! — האָט מענדזשעלע זיך מיטאַמאָל צעקאָכט — ווער איז עס?

— רוף זיך אָפּ! — האָט זיך אויך די „פּופּע" צעבייזערט און זיין קלייערן פּנים איז אַזש רויט געוואָרן פון כּעס און אימה.

דאָס באַשעפעניש האָט זיך אַלץ נישט גערירט און ווייטער געשטאַנען אין מיטן שטוב אומבאַוועגלעך.

— מענדל, קום, לאָמיר צוגיין!

אַלע דריי — פּאַלק, די „פּופּע" און מענדזשעלע — האָבן זיך אין דער פינצטערניש צוגערוקט צום משונהדיקן געשטאַלט; זיי

זענען געגאַנגען גנבֿטער, מיט אויסגעבײַלטע פויסטן און זיך געגרייט צו אַ מלחמה אויף לעבן און טויט.

מיטאַמאָל איז די „פּופּע" איבעראַשט געוואָרן.

— זע נאָר, מענדל, ס'איז דאָך דער שטומער משוגענער.

אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט פרײַער. מ'האָט שוין געוווּסט ווער דער שונא איז און מיט וועמען מ'גרייט זיך צו מלחמה. אָבער אויך איצט איז די געפאַר נישט געמינערט געוואָרן, ווײַל דער שטאָט־משוגענער איז געווען ווילד און בייטאָג, ווען ער פלעגט זיך ווייזן אין שטעטל, פלעגט ווערן אַ מהומה: מ'צעלויפט זיך, מ'קוויטשעט און קליינוואַרג באַוואַרפט דעם משוגענעם מיט שטיינער, ביז ער ווערט צעמזיקט, פאַלט אום און טראָגט זיך אָפּ הינטער דער שטאָט אַרונטער אַ צעבלוטיקטער. ביינאַכט שפּאַצירט ער צוריק אַרײַן אין שטעטל. קיינער יאָגט אים דאַמאָלס נישט נאָך, קיינער שרייט נישט און מ'וואַרפט נישט קיין שטיינער...

אויך דערדאָזיקער שטומער משוגענער איז דאָס פאַרקראָכן אין בית־המדרש אַרײַן אויף נאַכט־לעגער און איצט געשטאַנען אויג־אויף־אויג קעגן איבער פּאַלקן, טענדזשעלען און דער „פּופּע".

אַז דער משוגענער האָט דערזען פיגורן פון ייִנגלעך, איז ער געוואָרן צעיושעט. דאָס אומפּאָרמיקע פּנים זײַנס האָט זיך צעקרומט, גרין געוואָרן און דערנאָך האָט ער זיך צערעוועט מיט אויסטערלישע, אימהדיקע תּנועות. ער, דער משוגענער, האָט פײַנט דאָס קליינוואַרג, זיי זענען אים פּעפער אין די אויגן. זיי לאָזן אים נישט צורו, זיי טרײַבן אים, צעפּליקן אויף אים די מלבושים און שינדן פון אים אַראָפּ דאָס לײַב און צוליב זיי, צוליבן קליינוואַרג, מוז ער זיך דאָ באַהאַלטן, ווײַל טאָמער זעט מען אים אין דרויסן, וועט מען ווידער פון אים אַראָפּהאַקן דאָס פלייש. אָבער אויך דאָ אַהער קומען זיי די גזלנים, די רוצחים און ער קאָן נישט שלאָפן. נישט אַנדערש, נאָר זיי האָבן אויפגעקליבן אַלע שטיינער פון דער שטאָט און ווען ער, דער שטומער, וועט אַנטשלאָפן ווערן, וועלן זיי אים באַוואַרפן מיט שטיינער, אַט אַזוי ווי מ'וואַרפט אויף אים בייטאָג און ער וועט זיך באַגיסן מיט בלוט...

— ה—אָ—ו! ה—אָ—ו! — האָט זיך דער משוגענער צע־קלאָגט און ווילד געביסן די פויסטן, וועלכע ער האָט כסדר געפּאַקט אין מויל אַריין.

פּאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" האָבן זיך צוריקגעצויגן און באַרויקט.

— לאָמיר זיך לייגן שלאָפן — זאָגט מענדזשעלע — זאָל ער אַרומקריכן, ווּעמען אַרט עס?

נאָר דער שטומער שטאָט־משוגענער האָט אפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שלום, ער האָט געשטשירעט מיט די ציין, געבײַלט די פויסטן און זיך געצייעט אָנצופאַלן אויף זיינע שכנים.

— מ'דאַרף אים אַוועקלייגן! — זאָגט די „פּופּע" און זוכט אויף דער ערד עפּעס אַ וואָפן.

— איך שלעף אים איין מיט אַ באַנק! הערטס, לייווע? — האָט מענדזשעלע זיך אָנגעצונדן און געכאַפּט אַ שווערע הילצערנע באַנק אין דער הויך.

דער משוגענער האָט זיך געפּרוווט אַנטקייגנשטעלן, נאָר פּלוצים האָט ער זיך דערשראָקן און צוריק פאַרקראָכן אויף יענער זייט, אין ווינקל אַריין, אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אַ באַנק, זיך איינגעקאָרטשעט אַזוי ווי אַ דראָבנינקע קנוילעכל און געשוויגן. ער האָט אָבער נישט צוגעטון מיט קיין אויג, ער האָט אינגאַנצן געציטערט און אויסגעגלאָצט די שליפּיעס אויפן קליינוואַרג, צי זיי ליגן רויק און באַפאַלן אים נישט.

די „פּופּע", פּאַלק און מענדזשעלע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די געלעגערס, זיי האָבן געהוסט, געשפּיגן, דערנאָך זענען זיי ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און באַלד איז דאָס בית־המדרש פול געוואָרן מיט אַ משונהדיק געזוגעריי פון נאָז־לעכער

אַ צי ביים אַרבל, אַ האַסטיקער שלעפּ ביים קאָלנער, האָבן אויפגעוועקט מענדזשעלען מיט דער „פּופּע".

— וואָס איז?

— וואָס רייסט מען?

מענדזשעלע מיט דער „פופע" האָבן זיך אומגעקוקט צעשראָקן, נישט פאַרשטאַנען וואָס מ'וויל פון זיי. נאָר די יידן, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום זייערע געלעגערס האָבן געשריגן, אָנגעמאַכט אַזאַ געפילדער, אַז מענדזשעלע מיט דער „פופע" האָבן געמיינט ווער־ווייס וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אַראָפּ יינגאַטשעס! אַרויס! — האָבן די מתפללים זיך געכעסט און געטריבן דאָס קליינוואַרג פון בית־המדרש אַרויס.

מענדזשעלע האָט זיך נישט גערירט, ער איז געלעגן פויל צונויפגעקאָרטשעט און געפילט אַ פייכטע וואַרעמקייט אין אונטערשטן טייל קערפּער, נידעריקער צו די פיס צו, אַזוי ווי עמעץ וואָלט געגאָסן אויף אים, אונטער אים אויף דער באַנק, אָנגעגאָסן וואַרעם וואַסער. אויך די „פופע" איז געלעגן אין אַזאַ ענלעכע פייכטע וואַרעמקייט. פּלוצים איז אָנגעקומען דער משמש, ער האָט מענדזשעלען מיט דער „פופע" דערלאַנגט האַרטע קלעפּ, און מענדזשעלע איז אויפגעשפּרונגען, באַגאַוועט זיך און אויסגעריבן די קליינע, פאַראָפּיעטע אייגלעך. אויך די „פופע" האָט זיך אויפגעכאַפּט, שווער זיך אונטערגעהויבן פון אָרט, טיף אַריינגעקראָכן מיט אַ האַנט אין צעעפנטן כאַלעטל אַריין און געשמאַק זיך געקראַצט.

פאַלק איז די גאַנצע צייט נישט געשלאָפן. ער האָט געזען וואָס פאַר אַ חורבן מענדזשעלע מיט דער „פופע" האָבן אָנגעמאַכט און פאַלק האָט שוין מורא געהאַט איינצודרימלען, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אָט־אָט וועלן אַריינקומען די יידן צו שחרית און ס'וועט ווערן אַ גראַטשקע, אַ צונויפגעלויף, אַזוי ווי אויף אַ בייז ווונדער.

ווען פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, האָט ער געזען מענדזשעלען מיט דער „פופע" ליגן אַדורכגעווייקטע אויף נאַסע בענק, זייערע קליידער האָבן זיך געפּרעגלט אין עיפּושדיקן געשטאַנק, געזעצט פון זיך מיט פאַרסמטער פאַרע און אונטער זיי, אויף דער פּאָדלאָגע — אַ וואַסער, פון וואַנען ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ זויערער ריח פון אורין.

פאַלק האָט זיך נישט געחידושט. ער האָט געוווּסט אַז מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" זענען פּאַרקרענקט. זיי לייגן זיך אַוועק שלאָפן און פילן נישט וואָס ס'טוט זיך נאָכדעם מיט זיי. און ווער האָט פון זיי אַזוי געמאַכט — האָט פאַלק געטראַכט — אויב נישט דער בוידעם? אויב נישט דער מיסט=קאַסטן? אויב נישט דער ברוק אויף אַלט-שטאָט?

נאָר זיי ווען דאָך דאָס פּאָר די מתפּללים נישט דער־ציילן. אין בית-המדרש האָט זיך דערווייל געטון חושך. מ'האָט געזידלט, געליאַרעמט, געטריבן, נישט געוואָלט זיך שטעלן דאַ־ווענען און מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל און געציטערט, אָנגעשטעלט אַ רחמנות-פּנים, מ'זאָל זיי נישט משעפּן. אָט קאָן צולויפן אַ ייִנג און אַריינפּאָרן אין די ציין אַריין און אַ צווייטער ייִנג און אַ דריטער ייִנג... און מענ־דזשעלע מיט דער „פּופּע" וואָלטן צעריבן געוואָרן אויף קרעפּל־פלייש, נישט אַנדערש, נאָר אויף קרעפּל-פלייש...

די מתפּללים האָבן זיך סוף-כּל-סוף בּאַרויִקט. מ'האָט אָפּ־געוואַשן מיט וואַסער דעם פלעק אויף דער פּאָדלאָגע, מ'האָט פאַרקערט מיטן בעזים און די מלחמה איז איינגעשטילט געוואָרן. דאָ און דאָרט האָבן נאָך טייל ייִדן זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער וועגן געשעעניש, געהאַמפּערט זיך.

— אַזעלכע ייִנגאַטשעס — קאָכט זיך איינער — דאַרף מען אַ זשעבּרע איבערברעכן!

— אַן אויג אויסהאַקן!

— אַלע ציין!

— אמת, צו געדענקען אויף נאָך אַמאָל. אַ בית=המדרש איז נישט קיין שטאַל...

— שאַ-אַ-אַ, ייִדן, זאָל זיין שטיל! אַ חרפּה און אַ שאַנד! — האָט זיך צעריינגעמישט אַ ייִנגערער ייִד — וואָס איז געשען? ס'איז דאָך נישט קיין אומגליק, אָרעמע קינדער נעבעך.

— הונגעריקע.

— קראַנקע...

מ׳האָט מענדזשעלען מיט דער „פּופּע״ מער נישט געטשעפּעט. נאָר זיי האָבן זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן, קוקן פריי עמעצן אין פּנים אַריין.

און דער שטומער שטאָט־משוגענער איז ווילד געלאָפן אַרויף און אַראָפּ, אים איז נישט אָנגעגאַנגען די גאַנצע מעשה, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פאַרטון אין אַ שווערן ענין. ער האָט געשפּרייזט מיט גיכע, גרויסע טריט, געשוויגן און פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ צונויפגעביילטע פויסט אין מויל אַריין און געגריזשעט.

מענדזשעלען איז געווען נאַס. דער „פּופּען״ איז געווען נאַס און קאַלט. די אָגוויצעס האָבן שטייף געקלעפּט אויף זייערע פּיס, אַזוי ווי שטיקער אויסגעדרענגטע וועש.

— קום, מענדל, אין דרויסן אַרויס! מע׳מיר זיך אויפוואַרעמען. — האָט זיך אָנגערופן די „פּופּע״.

און די לעבעדיקע הענגל־וואָג האָט זיך גענומען באַוועגן: אַ וואָג־שאָל אַראָפּ, אַ וואָג־שאָל אַרויף... אַ וואָג־שאָל אַרויף, אַ וואָג־שאָל אַראָפּ... נאָך אים האָט זיך געשאַרט מענדזשעלע, אַזוי ווי אַ קליין, צונויפגעדרייט קנוילעכל און דער לעצטער, אַן אויסצעפרידענער, אַ צעשראָקענער, האָט זיך נאָכגעשלעפּט פאַלק.

די זון איז שוין לאַנג אַפּער פון הינטערן וואַלד און פון דער הויך אַראָפּגעשיט מיט גאָלד. אין געסל איז נאָך געווען שטיל. פאַלק, מענדזשעלע מיט דער „פּופּע״ זענען פאַוואָליע פאַרקראָכן הינטערן שטעטל אַרונטער, צווישן פעלדער, אויפן שאָסיי אַרויף און דאָ זיך אוועקגעשטעלט טרוקענען אויף דער זון. פון די שמאַטעס זייערע האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדעמפּטע, זויערע פּאַרע, געפּרעגלט זיך און מיטאַמאָל זענען די נאַסע, טונקעלע ערטער אויף זייערע מלבושים העלער געוואָרן און צעשוואומען.

מענדזשעלע מיט דער „פּופּע״ האָבן זיך אויסגעגלייכט, אויסגעלענגערט. איצט האָבן זיי זיך געקאָנט אַ ריר טון — אין די אָגוויצעס איז געווען טרוקן...

— אַ, גוט זיך אויסגעוואַרעמט! — רופט זיך אָן די „פּופּע

— אַ מחיה!

— לאָמיר גיין אין שטאָט אַריין! — לייגט פאָר פּאַלק.

אַלע דריי האָבן פּלוצים דערפילט דעם הונגער. זיי זענען באַך הונגעריק פון נעכטן.

— זאָלסט זען, מענדל, צו שאַפן וואָס מער ברויט. מ׳עט דאַרפן אין וועג אַריין — לערנט אים די „פּופּע”.

— כ׳על שאַפן. וואָס דען, כ׳על נישט שאַפן? — באַליידיקט זיך מענדזשעלע און לאָזט זיך דער ערשטער גיין פאָרויס אין שטעטל אַריין, נאָך אים די „פּופּע” און פּאַלק.

— הערסט, מענדל, — וואָרנט אים צום סוף די „פּופּע” — זאָלסט נישט כאַפן קיין ברויט. הי כאַפט מען נישט. מ׳קאָן אָנבויקערן די ביינער, אַרויסטרייבן פון שטאָט אַרויס אָדער גאָר אַריינזעצן אין קאָזע.

— דאַמאָלס וואָלט געווען שלעכט! — גיט צו פּאַלק.

— צו וואָס כאַפן? זאָגסט דאָך אַז מענטשן גיבן דאָ אַליין.

פּאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע” האָבן זעלנעריש גע-שפּרייזט, געפּאַטשט מיט די פיס אין זאַמד און פון אונטער זייערע באָרוועסע פּאָדעשוועס, האָט זיך אַפערגעטראָגן אַ ווייסער, געדיכטער שטויב.

— פאַרנאַכט וועלן מיר זיך טרעפן אין בית-המדרש, מענדל?

— יאָ!

— און ברויט וועט זיין גענוג, מענדל?

— ס׳עט זיין!

— וועסט נישט פאַרגעסן, מענדל?

— נישט פאַרגעסן.

— געדענק-זשע!

— כ׳געדענק!..

אַלע דריי האָבן זיך צעשיידט. די „פּופּע” איז אַוועקגע-גאַנגען אין איין זייט שטעטל, מענדזשעלע אין אַן אַנדער זייט און פּאַלק איז געבליבן שטיין איינער אַליין אויפן שאָסיי, הינ-

טערן שטעטל. וואוהין וועט ער גיין? וואָס וועט ער טון אינדערמיט פון גרויסן מאַרק, דאָרט וווּ קיינער קאָן אים נישט. פאַלק וואָלט אַריינגעגאַנגען אין אַ שטוב, ער וואָלט זיך ערשט צוגעלייגט און אויסגעשלאָפן, נאָר אַזוי ווי אינדערהיים, אַן אויסגעטוענער... האָט ער דאָך נישט קיין שטוב און צוגיין עפּעטן אַ פרעמדע טיר, דאָס וועט פאַלק נישט טון. ער שעמט זיך. וועט פאַלק דאָ אַזוי שטיין אויפן וועג נעבן אַ פּלויט. די לופט איז אַ גוטע און דער ווינט וואָס לויפט פאַרביי מיט אַ שטיל גערויש, טראָגט אַרויס פון די סעדער אַן אָנגענעמען ריח פון צייטיק אויבס: פון עפּל, פון באַרן, פון פלוימען... פאַלק הויבט אויף די אויגן — איבער זיין קאָפּ הענגט אַ געדיכטע נעץ פון שווערע צווייגן, באַלאָדענע מיט פּירות, פאַרויטלטע, קרעפּטיקע, אַזוי ווי יינגע ערשט צייטיק־געוואָרענע מיידלעך... און די פּירות וויגן זיך, גלאַנצן אונטער גרינס מיט זון, שטרעקן אויס זייערע פּיסקלעך צו פאַלקן און בעטן זיך: „נעם אונדז, נעם אונדז”... נאָר פאַלק איז קליין, ער זאָל אפילו אויסציען אַ האַנט, קאָן ער אויך נישט דערגרייכן. און אין סאָד איז פאַראַן אַ גוי און אַ הונט און אַרום דעם גאָרטן איז אַ הויכער פּאַרקאַן... קוקט פאַלק אַרויף צו די עפּל, צו די באַרן, ער באַוווּנדערט זייער שיינקייט, ער באַלעקט זיך. און אין בויך קריכן אַרום פרעמדע ווערעמלעך, זיי בייסן, זיי נאָגן... ווען פאַלק זאָל האָבן אַן עפּל, איין איינציקן עפּל, באַדיי נאָך נישט קיין צייטיקן, אַ זויערן; פאַלק וואָלט זיך דערפרייט, פאַלק וואָלט אים אויפגעפרעסן, אויך מיט די שאָלן, אַזוי ווי ער האָט אַמאָל אויפגעפרעסן דעם געפרווירענעם בוראַק פון זאַמד אַרויס, ביי דער טיר... פאַלק רוקט זיך אַוועק פון פּלויט, ער גייט אין מיטן וועג אַריין. ער שטייט אין מיטן שאָסיי, קוקט צום סאָד, צו דער שטאָט, דערנאָך אין דער אַנדערער זייט — דאָרט אַהין, וווּ דער שאָסיי, אַזוי ווי אַ געשלענגלטער ווייסער פּאַס, ווערט פאַרלוירן אין דער ווייטקייט, וואָס אַמאָל שמעלער און שמעלער.

פאַלק בייגט זיך אַראָפּ, ער הייבט אויף אַ שטיין פון דער ערד, ער קוועטשט אים צו מיט די פינגער. פאַלק דערנענטערט

זיך צום פֿאַרקאַן, דער שטיין איז הייס און בריט זיינע פֿיגגער-
פֿאַלק שטייט. צו וואָס האָט ער אייגנטלעך אויפֿגעהויבן דעם-
דאָזיקן שטיין? צו וואָס? ער, פֿאַלק, האָט גאָרנישט געוואָלט,
נאָר די פֿינגער האָבן פֿון זיך אַליין זיך אויסגעשטרעקט און
גענומען. האָט ער דען געהאַט בדעה מיטן שטיין עפּעס אויפֿ-
צוטון? פֿאַלק האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט און דער שטיין איז
מיט אַ קלאַפּ צוריק אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער צעעפֿנטער האַנט
אויף דער ערד אַראָפּ.

די ביימער הינטערן פֿאַרקאַן האָבן גערוישט, געסודעט זיך-
געזונגען, נאָר פֿאַלקן האָט דער געזאַנג גערייצט. אַן איינגעמאַ-
טערטער, אַ פֿאַרפֿייניקטער, אַ הונגעריקער, מיט פֿאַרבריענטע טרו-
קענע ליפּן, האָט פֿאַלק שווייגנדיק זיך אַוועקגעשלעפּט אין
שטעטל אַריין. אין שטעטל איז געווען יריד. פּויערן, פּויער-
טעס, זענען געקומען פֿון דערפֿער אויף שטרויענע וועגענער;
מ'האָט געפֿירט מילכיקס און אויבס און עופֿות. און דער מאַרק
איז געווען פֿול מיט אויבס. און דער האַנדל איז אָנגעגאַנגען
מיט רעש. פֿערד, בהמות און חזירים האָבן זיך צעלאָזן אויף
קולי-קולות: געהירזשעט, געמעקעט, געריטשעט... און אינמיטן
דערינען, האָט זיך אַ ייִנג לאָשעקל אויסגעלאָזן לויפֿן, געפֿלויגן
פֿייל פֿון בויגן — מ'האָט געיאָגט מיט בייטשן, געסווישטשעט,
געפּיפֿן, באַלד האָט מען דאָס לאָשעקל צוריקגעפֿירט אַ דער-
יאַכמעטס, צרום באַלעגערט אַ חברה ייִנגען... און די בוידן זע-
נען באַלייגט מיט סחורות, מיט קאָלירטע וואָל-שטאָף, מיט פֿאַ-
יאַנס, מיט גאַלאַנטערי, מיט ערדענע טעפּ... און אויף שטאַנגען
זענען צעהאָנגען בענדער, סטענגעס פֿון אַלערליי פֿאַרבן, ס'שי-
מערירט אונטער דער זון און בלענדט דאָס אויג...

און ביי די טאַנדייטערס מעסט מען אָן אויף אַ פּויער
אַ קורטקע, די קורטקע איז שמאָל, קוועטשט מען איין דעם
בויך און דאָס מלבוש ליגט ווי אָפּגעמאָסטן... מ'קריגט זיך,
מ'דינגט זיך, מ'שווערט זיך און מ'פּאַטשט זיך אין די הענט אַריין,
מ'קומט אַדורך מיטן מקח... און אין שענק גיסט זיך שנאַפּס.
גלעזער און פֿלעשער קלינגען, ווערן אויסגעליידיקט, וואַלגערן

זיך אויף די טישן און פויערן קריגן רויטע, שכורע נעזער׳ מ׳קושט זיך אין די גאַמבעס אַריין און אינדרויסן, פאַר דער טיר, האָבן זיך זקנים צעשפּילט אויף האַרמאָניעס און אַרום די זקנים ווערט אַ רעדל מיט מענטשן און דאָס רעדל ווערט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער. פּלוצים ווערט אַ געלייף, ערגעץ שלאָגט מען זיך. אַ שיקסע קוויטשעט, שעלט אין יידישע קרעמער לאַכן...

דער מאַרק איז אויף, ס׳איז לעבעדיק... אפילו דער שטומער שטאָט־משוגענער איז אויך דאָ. נאָר ער גייט איצט אַליין, נישט באַרינגלט מיט קיין קליינוואַרג, ווייל קיינער האָט נישט קיין צייט.

פאַלק דרייט זיך אַרום צווישן די סטראַגאַנעס און קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. ער וואָלט אַרויס פון דאַנען, נאָר מ׳שלעפּט אים מיט אין דער ענגעניש. מענדזשעלען מיט דער „פּופּע" האָט ער נאָך נישט געזען. זיי מוזן אוודאי האָבן אַ סך ברויט און ער, פאַלק, האָט נישט. פּלאָנקעט ער אַזוי אַרום אין די גאַסן, נעבן ווייבער, מאַרק־זיצערקעס און הייבט אויף אַ גלעמביקל פון אַן עפּל, אַ צעטרעטענע פּלוים... פאַלק ווישט נישט אָפּ דעם זאַמד, ער איז הונגעריק. נאָר גלעמביקלעך פון אויבס קאָן מען אויפקלויבן וויפל מ׳וויל, קיינער שטערט נישט. קלויבט ער אויף, פאַלק, אַ שטיקל נאָך אַ שטיקל און לייגט אין מויל אַריין. ער וועט באַלד האָבן אַ פולן בויך מיט גלעמביקלעך...

פאַרנאַכט, נאָכן יאַריד, ווען פויערן האָבן צונויפגענומען די וועגענער און צוריקגעפאָרן אין די דערפער אַריין און אויפן מאַרק איז געוואָרן ליידיקער, שטילער, האָבן די זיצערקעס מיטאַמאָל באַמערקט אַ פרעמד יינגל, וועלכער ראָיעט אַרום אויף בערגלעך מיסט און פערד־אָפּפאַל. דאָס יינגל קריכט אַרויף אויף אַ בערגל, גראָבט אַריין אַ באָרוועס פיסל אין מיסט אַריין און נאָרעט, נאָרעט, פונקט אַזוי ווי אַ הון, וואָס וויל אויסנאָרן אַ געזעס אויף צו לייגן אַן איי...

און דאָס מיסט איז נישט געווען קיין בלויז מיסט. מ׳האָט דאָרט געקאָנט געפינען פאַרוועגלטע רעטעכלעך, אַ חייך בוראַקל,

אַן אָפּגעשיילטע, עטוואָס צוגעפוילטע ציבעלע, אַ פּיעטרישקע...
נאָר פון הונגער האָט מען שוין נישט געקאָנט שטאַרבן.

— יינגל, יינגל, עס נישט דאָס! — האָט זיך פון ער־געץ אַ יידענע צעשריגן — מ׳קאָן זיך קראַנק לייגן!

— כ׳על זיך נישט קראַנק לייגן. — האָט פאַלק קורץ אָפּגעענטפערט.

נאָר די פרומע יידענע איז געבליבן גערירט. זי האָט אַרויסגענומען עטלעכע קליינע עפּעלעך פון קוישל אַרויס און אויסגעשטרעקט צו פאַלקן:

— נאַ, יינגל, דאָס עס!

פאַלק האָט זיך פּלוצים פאַרשעמט. ער איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. ניין, ער וויל נישט, ער וויל נישט...
ער איז זאַט! פאַלק האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט, אויפגע־ריסן זיך פון אָרט און געלאָפן, געלאָפן, געלאָפן...

ווען פאַלק איז אַרויסגעקומען אויפן שאָסיי אַרויס, איז שוין געווען גוט טונקל. אַ בלאָער, דורכזיכטיקער וואַל, אַזוי ווי אַ לייכטער שלייער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון דער הויך און ווייך צוגעדעקט די פעלדער.

פון שטעטל האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ לעצטער, אָפּגע־האַקטער גערויש; וואָס אַמאָל זענען די קולות שיטערער גע־וואָרן, אָפּגעריסענער, שטילער, ביז דער גערויש איז אינגאַנצן שטום געוואָרן און זיך צוגעטוליעט צו דער ערד.

פאַלק איז פאַרקראָכן טיפער אין פעלד אַריין און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

פאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" זענען עטלעכע טעג געווען אין דאָזיקן שטעטל. יעדן אינדערפרי, זענען מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג און פאַלק האָט אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין אינם מאַרק, אין די געסלעך און אויף די פעלדער. אויף דער נאַכט האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן אין בית־המדרש. מענדזשעלע האָט דאַמאָלס

צוגעוואָרפֿן פֿאַלקן אַ פּאָר שטיקלעך פּאַרדאַרט ברויט, וועלכע האָבן געשמעקט מיט קאַרבאָל און צוקער. פֿאַלק האָט דאָס ברויט גלייך געכאַפּט אין מויל אַריין, געקייט גיריק, געקנאַקט דאָס רינדלס, אַזוי ווי אויסגעטרוקנטע ביינדלעך און אויפֿגע-קליבן די קרישקעס פֿון אויף דער ערד. דערנאָך האָט מען זיך אויסגעצויגן אויף די בענק, געפֿירט מלחמה מיטן שטומען שטאָט-משוגענעם, געשלאָסן שלום, געשלאָפֿן און געפּייפֿט מיט די נאָז-לעכער און באַגינען, ווי יעדערס מאָל, האָט זיך אויפֿ-געהויבן אַ ליאַרם, מתפּללים האָבן געשריגן, געטריבן פֿון די בענק, געשלאָגן... און די „פּופּע" מיט מענדזשעלען זענען גע-לעגן אַדורכגעווייקטע, תמעוואַט געקוקט אויפֿן עולם, געציטערט, און אויף דער ערד, אונטער די בענק, איז געווען אַ גרויס וואַסער און פֿון זייערע מלבושים האָט געזעצט אַ געדעמפּטע פּאַרע, צוזאַמען מיט אַ זויערן ריח פֿון אורין... האָבן זיך מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" אַרויסגעשאַרט צעשראָקענע פֿון בית-המדרש אַרויס הינטערן שטעטל אַרונטער און זיך אַוועק-געשטעלט טרוקענען אויף דער זון.

— לאָמיר גיין ווייטער, — זאָגט די „פּופּע" — מע'מיר נאָך היינט זיין אין אַן אַנדערע שטאָט.

— אויף דאָרט וועט מען דאַרפֿן שלאָפֿן אין אַ בית-המדרש, לייווע? — פֿרעגט פֿאַרטראַכט מענדזשעלע.

— דאָרט שלאָפֿט מען אין אַ ווייבער-שול.

— און אַ בוידעם איז נישטאָ?

— ס'איז נישטאָ.

— און אַ מיסט-קאַסטן?

— אויך נישט.

— מוז מען שלאָפֿן אין דער ווייבער-שול?

— אוודאי מוז מען. וווּ דען?

— און פֿון דער ווייבער-שול טרייבט מען אויך, לייווע?

— ניין, קיינער קומט נישט, מ'טרייבט נישט.

— מ'טרייבט נישט?

— און אפשר וועט מען גאָרנישט דאַרפן שלאָפן אין דער ווייבער-שול?

— וואָלט געווען גוט! — האָט זיך מענדזשעלע דערפרייט.

אַלע דריי האָבן זיך אויסגעלאָזן גיין אויפן שאָסיי. די „פּופּע" איז תמיד געבליבן הינטערשטעליק, ער האָט נישט געקאָנט מאַכן אַזעלכע טריט אַזוי ווי פאַלק, אַזוי ווי מענדזשעלע, און באַלד האָט מען זיך דערוויטערט פון דער שטאָט. מ'האָט געשפּרייזט צווישן פעלד און וואַלד און דאָרפישע שייערן... די היץ האָט געבראָטן און אויף די לייבער אין אַרויסגעטרעטן אַ שווייס און דער שווייס איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ ווייסן, טרוקענעם שטויב, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער די באָרוועסע פאָדעשוועס.

און וואָס אַמאָל האָט זיך די זון פאַרנומען אַלץ העכער, פאַרקראָכן אין מיטן הימל אַריין, זיך צעפלאַקערט און אַראָפּגעשיט מיט קופּעס ווייסן פייער...

פאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" זענען געוואָרן שטאַרק דורשטיק, אָט אַזוי ווי אַלע זאַפטן וואָלטן זיך אין זיי פּלוצים אויסגעטריקנט און אין האַלדז איז געוואָרן ענג, נאָר אין ערגעץ איז נישטאָ קיין ברונעם. זיי וואָלטן געטרונקען פון רינשטאָקעס, זענען אָבער די רוון אויך אויסגעטרוקנט און באַלייגט מיט געלן זאַמד. זענען זיי געגאַנגען. סוף-כל-סוף וועט דאָך זיין ערגעץ אַ וואַסער, באָדיי אַן אָדערל פון אַ וואַסער, אַ בלאָטיקס, נאָר ווו מ'זאָל קאָנען אַריינשטעקן די מאָרדע און טרונקען, טרונקען... פאַלק האָט זיך דערפילט שרעקלעך פאַרפּייניקט. אָט ברעכן זיך אים אונטער די פיס און באַלד וועלן נעמען די פיס און אַזוי אַליין זיך אויסציען אויף דער ערד, אין סאַמע מיט פון שאָסיי... האָט ער זיך געשטאַרקט, פאַלק, און ווייטער געשלעפּט דאָס אויסגעדאַרטע גופל. וואָס הייסט, ער וועט זיך אַוועקלייגן אין מיטן שאָסיי? ס'וואָלט דאָך געווען אַ חרפּה... און וואָס וואָלט געזאָגט מענדזשעלע? וואָס וואָלט געטענהט די „פּופּע"? זיי וואָלטן גע-

רעכט געווען, ווען זיי לאָזן אים אפילו דאָ איבער און גייען אַליין אַוועק ווייטער אין דער וועלט אַריין...

אָבער אויך מענדזשעלע מיט דער „פופע" זענען געווען מיד. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אונטער אַן אַלטן, באַבלע־טערטן דעמב און זיך געקילט אונטער די שאָטנס. די „פופע" האָט געפרייכט און שווער געאָטעמט מיט די נאָז־לעכער.

נאָנט פאַר האַלבן טאָג זענען אַלע דריי צוגעקומען צו אַ וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען נישט איבעריק קלאָר און קרום געלאָפן צווישן פעלדער. מענדזשעלע, פאַלק און די „פופע" זענען צוגעפאַלן מיט די פּנימער צו דער ערד און געלעקט דאָס וואַסער, וואָס האָט מיט אַ שטיל געפּרעפּל זיך אַראָפּגעגליטשט פון די שטיינער...

אַז פאַלק האָט זיך גענוג אָנגעטרונקען מיט וואַסער, האָט ער ווידער דערפילט דעם הונגער. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געלעבט מיט גלעמביקלעך פון עפּל, מיט שטיקלעך אויסגע־שפּיגענע פלוימען, מיט רעטעכלעך, מיט ציבל, וואָס ער האָט אויפגעקליבן פון די קופּקעלעך מיסט אינם מאַרק. איצט זע־נען אויך קיין גלעמביקלעך נישטאָ, נישטאָ! נישטאָ! נישטאָ! אָבער מענדזשעלע האָט ברויט. ער האָט אַ סך ברויט, ער טראָגט דאָס ברויט אין די הויזן־קעשענעס און גיט נאָר דאַ־מאָלס, ווען די „פופע" הייסט. ביינאַכט, ווען מענדזשעלע שלאָפט, פּאַקט ער אַריין דאָס ברויט אין די הויזן־קעשענעס אַריין, ער לייגט זיך אַרויף אויף דער קעשענע און דעקט צו דאָס ברויט מיטן לייב. מענדזשעלע האָט מורא מ׳זאָל עס נישט צוגנבענען... אויך בייטאָג האַלט ער דאָס ברויט אין דערדאָ־זיקער קעשענע, וואָס איז ענלעך צו אַ גרויסע בעטלערישע טאָרבע... און דאָס ברויט איז אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון מיסט־קאַסטן, מיט מענדזשעלעס וואַרעם פאַרשווייסיקט לייב און מיט אַ זויערקייט פון אורין...

— מענדל, גיב אַ שטיקל ברויט! — בעט פאַלק נישט דרייסט מענדזשעלען.

— איך גיב נישט. שאַף דיר, ווּעסטו האָבן.

— וועסט זען, מענדל, כ׳וועל דיר צוריק אָפּגעבן.

— פון וואַנען וועסטו נעמען אָפּצוגעבן? דו גייסט דען אויפן פּענט?

— כ׳וועל שוין שאַפן, כ׳וועל האָבן...

פאַלק האָט פּלוצים דערפילט, ווי אינעווייניק, טיף אין אים, גייט אויף אַ פלאַם, אַזוי ווי אַלע געדערים וואָלטן זיך אין אים אָנגעצונדן און די שרפה ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, אָט האָט זיך די שרפה אַריינגעלייגט אין די קישקעס אַריין און דאָס פייער פאַרקריכט אין אַלע אברים און אָט וועט עס אַרויסזעצן פון אויבן.

— מענדל, גיב מיר ברויט, מענדל! — האָט זיך פאַלק מיטאַמאָל צעשריגן, אַזוי ווי נישט מיט זיין קול און ער איז געווען גרייט אַריינפאַרן מיט די נעגל מענדזשעלען אין האַלדז אַריין און יענעם אַוועקלייגן מיט אַן אויפגעשניטענעם האַלדז אויף דער ערד און צונעמען ס׳גאַנצע ברויט, אַריינפּאַקן אין מויל אַריין און קייען, קייען, קייען... אַ גאַנצע וואָך האָט פאַלק געשוויגן. ער האָט נישט געזאָגט דער „פּופּען", אַז ער הונגערט און מענדזשעלע האָט פאַלקן געגעבן ווייניק ברויט, ער האָט אים גאָרנישט געוואָלט געבן קיין ברויט... נאָר איצט, ווען דאָס פייער האָט זיך אים אויך אַריינגעלייגט אין קאָפּ אַריין, האָט ער דערפילט איבערמענטשלעכע יסורים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט משוגע פון הונגער...

— מענדל, גיב פאַלקן ברויט! — האָט די „פּופּע" שטרענג באַפוילן — אַז ער זאָגט אָפּגעבן, וועט ער אָפּגעבן...

מענדזשעלע האָט זיך פאַוואָליע גענומען צו דער קעשענע, פויל געגראַבלט און צום סוף אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט עטלעכע שטיקלעך פאַרדאַרט ברויט און דאָס אָפּגעגעבן פאַלקן.

פאַלק האָט געהאַלטן דאָס ברויט צווישן די פינגער, שטאַר געקוקט אויף דעם און נישט צוגעפירט צום מויל. פון ברויט האָט געזעצט אַ דעמפּיקע פאַרע פון מיסט און אורינזויערקייט און די פאַרע האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופט, כיטרע אַריינגעקראָכן אין דער נאָז אַריין און דאָרט אָנגע־

מאַכט אַן איבערקערעניש... פּלוצים האָט פאַלק משונה אויס־געגלאָצט די אויגן. ער האָט געזען, אינדערהייך, אויפן ברויט, האָבן היימלעך אַרומגעראָיעט לעבעדיקע באַשעפענישן... זיי האָבן געמיטלעך אַרומשפּאַצירט — פון ברויזלעכץ אויפן רינדלס און פון רינדלס צוריק אַרויף אויפן ברויזלעכץ... אָבער אין פאַלקס בויך אַריין האָט זיך אַרייַנגעלייגט אַ קנויל פון יסורים און די יסורים האָבן געבריט, האָט פאַלק נישט געקאָנט וואַרטן. ער האָט זיך צונויפגעדרייט אין קראַמפן און דאָס פּנים האָט זיך ביי אים אויסגעקרומט. האָט פאַלק אַראָפּגעשאַרט די פּע־טע באַשעפענישן פון ברויט אַראָפּ, אָפּגעקערט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אַזוי געפּאַקט דאָס ברויט אין מויל אַריין און געגעסן, געגעסן, געגעסן...

— מ׳גייט, מענדל?
— מ׳גייט נישט.
— קוק זיך גוט אום!
— כ׳קוק.

פאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" האָבן גנביש, אַזוי ווי די מייזלעך, זיך געשאַרט אַלץ נעענטער און נעענטער אויפן שאָסיי. יעדער שאָרך האָט זיי אָפּגעשטעלט.

— נאָך ווייט צו דער וואַך, לייווע? — האָט פאַלק אַ באַאומרויקטער געפרעגט.

— אַ האַלבער ווערסט.
— אפשר זאָל מען גיין דורך די פעלדער?
— מ׳דאַרף נישט גיין דורך די פעלדער. מ׳קאָן גיין דאָ אַרום, דורכן שאָסיי. די זעלנער ליגן אין דער כאַטע. זיי וועלן נישט אַרויסקומען.
— און אַז זיי וועלן אַרויסקומען? וועלן זיי אונדז איינזעצן אין דער קאָזע?
— זיי וועלן נישט איינזעצן אין דער קאָזע. מ׳הייסט צוריקגיין און גענוג.

— אין שטעטל אַריין?
— וואָס דען?
— וועלן מיר צוריק אין שטעטל אַריין?
— ניין. מ׳גנבעט זיך אַדורך איבער די פעלדער.
— איז צו וואָס ערשט שפּעטער? — עקשנט זיך איין פאַלק.
— ווייל איצט דאַרף מען נישט. מ׳דאַרף נישט. מ׳דאַרף נישט. ס׳האָט פאַרשטאַנען, צי נישט?

די „פּופּע" האָט גערעדט דרייסט, מיט זיכערקייט. ער ווייס וואָס ער זאָגט. צי איז ער ערשט איינמאָל דאָ געגאַנגען? — צען מאָל אוודאי. נאָר מענדזשעלע מיט פאַלקן האָבן מורא, אַז מ׳זאָל זיי נישט כאַפּן, שלאָגן, איינזעצן, צוריקשיקן — שרעקן זיי זיך, קאָרטשן זיך צונויף אַזוי ווי די הינדעלעך...

נאָר אָט רוקט זיך אַרויס דאָס ווייסע געמויערטע גרעניעץ-הייזל, אין וועלכן ס׳געפינט זיך די עסטרייכישע וואַך און דורך וואַנען מ׳דאַרף זיך אַדורכגנבענען. דאָס הייזל ווערט וואָס אַמאָל אַלץ קלאָרער, אַלץ בולטער.

— זע נאָר, מענדל, — מאַכט לייווע — אמת, קיינער שטייט נישט אין דרויסן?

מענדזשעלע און פאַלק שטרענגען אָן די ראיה.

— ניין. ס׳איז קיינער נישטאָ.

— טאָ לאָמיר זיך איינטיילן — באַפעלט ווידער די „פּופּע" — נאָר גיך. דו, מענדל, וועסט גיין דער ערשטער. אַזוי ווי אַ פייגל, הערסט, מענדל?

— כ׳הער.
— איינס-צוויי!
— איינס-צוויי.

— נישט אָפּשטעלן זיך אין ערגעץ. נישט פאַרגאַפּיען זיך. דערנאָך וועט גיין פאַלק און איך וועל אונטערקומען דער לעצטער.

— און וואָס וועט זיין, אַז מ׳וועט דיך פאַרהאַלטן, לייווע?

— פאַר מיר, נישט געזאָרגט. איך וועל מיר מיין שטעטל אַליין באַשטיין.

— גוט.

— נו, מענדל, גענומען די פּיס אויף די פּלייצעס!

פאַלק און די „פּופּע“ האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן געזען ווי מענדזשעלע דערווייטערט זיך פון זיי, ער גייט נישט — ער לויפט, ער טאַנצט אונטער אַן איינגעבויגענער אַזוי ווי אַ קליין רעדל וואָלט זיך גיך־גיך אַליין אַוועקגעקייקלערט אויפן שאָסיי, געדרייט זיך, און וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן.

און אָט איז שוין מענדזשעלע פאַר דער וואָך. פאַלק און די „פּופּע“ דערשטיקן דעם אָטעם — זיי קוקן נאָך מיט שפּאַנונג; נאָך אַ רגע, איין רגע נאָר און עמעץ קאָן אַרויסקומען, אָננעמען פאַרן קאָלנער, שלאָגן... אָבער מענדזשעלע שטעלט זיך נישט אָפּ. ער פּאַטשט מיט די פּלאַטשיקע פּיס אין זאַמד און הייבט אויף אַ געדיכטן שטויב.

מיטאַמאָל האָבן זיך פאַלק און די „פּופּע“ דערפרייט:

— ער איז אַריבער. ער איז אַריבער...

— זעסט, לייווע, ער האָט זיך אויסגעדרייט, ער קוקט אַהער.

— דאָס גיט ער אַ צייכן, אַז מ׳קאָן אַריבערגיין — קלערט אויף די „פּופּע“ - נעם־זשע, פאַלק, די פּיס און צי. וואַרט נישט!

פאַלק האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט איבערגעלאָזן די „פּופּע“ איינעם אַליין און זיך אַרויסגערוקט אויפן שאָסיי. פאַלק האָט געמאַכט גיכע שפּרייזן, אַזוי ווי דער אימפּעט וואָלט אים געטראָגן און דערביי האָט ער געפילט, ווי די פּיס בריען אים, זיי ברעכן זיך אונטער פון שרעק. וואָס נענטער פאַלק איז צוגעקומען צו דער וואַך, אַלץ האַסטיקער האָט זיך אין אים געוואָרפן דאָס האַרץ, אַזוי ווי ס׳וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון אונטערן ברוסט־קאַסטן. ער איז כמעט געלאָפן, אָנגעשטרענגט געקוועטשט מיטן שטערן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַטויבן, אָפּטרייבן פון זיך אַלע בייזע מחשבות. פּלוצים וואַקסט פאַר אים אויס די היים: די קינדער געשוואָ־

לענע אין די בעטן... דער מאַמעס געוויין... און אַז מ׳וועט אים, פּאַלקן, כאַפּן, איז אויס נסיעה, אויס פּלאַן... ער וועט מוזן צוריק אַהיימקומען, די מאַמע — בלאָ פון הונגער — וועט אים אַריינשליוכצן דאָס געוויין אין אויער אַריין און די קינדער וועלן אויסשטרעקן די הענטלעך מיט געבעט... ניין, ניין... ער, פּאַלק, וועט אַריבער די גרענעץ. ער וועט זיך נישט לאָזן כאַפּן... זאָלן אים די קינדער איצט אין זינען האָבן... די זעלנער וועלן בלינד ווערן און ער וועט אַוועק אין דער וועלט אַריין...

אויך פּאַלקן איז עס געלונגען. ער איז געווען אויף יענער זייט און זיך דערפרייט מיט מענדזשעלען. זיי זענען ממש געווען איבערגליקלעך און בלויז מיט ציטערניש געוואַרט אויף דער „פּופּע", וועלכער האָט באַדאַרפן אַ ליאַדע רגע אָנקומען.

מענדזשעלע מיט פּאַלקן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, אַראָפּגעהאָנגען די פיס אין רוו אַריין און געוואַרט. נאָר דער „פּופּען" האָט מען אַלץ נישט געזען. זיי זענען געוואָרן אומגעדולדיק.

— ווער ווייס, מענדל, צי ס׳איז נישט עפּעס געשען מיט דער „פּופּע" — האָט אַ פאַרזאָרגטער געזאָגט פּאַלק.

— ביזט אַ יאָלד! די „פּופּע" וועט זיך אַן עצה געבן — האָט מענדזשעלע געענטפערט אינגאַנצן זיכער.

— און אַז מ׳וועט אים כאַפּן?

— מ׳וועט אים נישט כאַפּן.

— די „פּופּע" גייט דען? ער קוליעוועט דאָך!

— די „פּופּע" מעג קוליעווען. ער איז אַ בענקאַרט. ער פייפט אויף זיי!

— מענדל, ער גייט! ער גייט! ער גייט! — האָט פּלוצים פּאַלק אויסגערופן אין התפעלות.

— ווער? לייווע?

— לייווע!

ביידע האָבן זיך אויפגעריסן פון די ערטער, געוואָלט

אַקייגן לויפן דער „פּופּען", נאָר פּאַלק האָט מענדזשעלען צו־ריקגעהאַלטן.

— מ'טאָר נישט, מענדל! ער וועט שוין אַליין אַהער־קומען.

באַלד איז צוגעקומען די „פּופּע". ער איז געווען דער־יאַכמעט פון דער היץ און דאָס קליינע פּנים זיינס, באַשיט מיט בראָדעווקעס, האָט געלויכטן פון שמחה.

— איבערגעקומען, הע? — טריומפירט ווידער די „פּופּע".

— איבערגעקומען! — באַשטעטיקן פּאַלק מיט מענדזשעלע.

— טאָ לאָמיר גיין אין שטאָט אַריין.

— לאָמיר גיין!

אין ווייטן, אויף די פעלדער, האָט מען געזען אַ בלאָ פייערל און אַ רויך. דער רויך האָט זיך אויפגעהויבן פון אויף דער ערד, אַזויווי פון אַ בערגל אָנגעצונדענע צווייגן, געשלענגלט זיך און זיך צעגאַנגען אין דער לופט. אינם רויך האָט מען געזען אַ קופּקעלע מענטשן, פאַרשידנפאַרביק אָנגעטון און מיט גיכע באַוועגונגען זיך געפּאָרעט אַרום פייער.

מענדזשעלע, פּאַלק און די „פּופּע" האָבן זיך נייגיריק איינגעקוקט.

— זעסט דאָרט עפּעס, מענדל? — האָט די פּופּע גע־פרעגט מענדזשעלען און אַזוי אַרום זיך געוואָלט איבערצייגן, צי דער בליק גענאַרט אים נישט.

— איך זע. איך זע דאָרט אַ גאַנצע קאָמאַנדע.

— אַ מחנה! — האָט צוגעגעבן פּאַלק.

— אַוודאי „גייער" — האָט געזאָגט די „פּופּע.

— און אפשר פויערן פון דאָרף? אפשר איז דאָרט אַ הוליאַנקע?

— אויב אַזוי —שלאָגט פאָר מענדזשעלע — לאָמיר צו־גיין. מ'בראָט דאָרט אויפן פייער קאַרטאָפל. מ'קאָן ביי זיי קריגן קאַרטאָפל אָדער ברויט.

דער געדאַנק פון קריגן געבראָטענע קאַרטאָפל אָדער
אַנדערע גוטע זאַכן, האָט צוגעגעבן חשק דעם קליינוואַרג, צו
פּאַטשן וואָס גיכער מיט די פיס אין זאַמד. זיי זענען געווען
שטאַרק הונגעריק און וואָלטן אַלץ געגעסן. איז איינער גע-
לאָפן גיכער פאַרן אַנדערן, איינער האָט איבערגעיאָגט דעם אַנדערן,
ביז זיי זענען צוגעקומען נענטער. מיטאַמאָל האָט זיך פאַר
זיי אַרויסגערוקט אַ פראַכטפול בילד: אויף דער ערד, אינם
גראָז, זענען געלעגן צעוואָרפן עטלעכע משפחות ציגיינער —
ייִדעס און טאַטעס און זין, כמעט אַלע מיט בערד, שוואַר-
צערע פאַר זייערע פנימער, געדיכטע, קאָלטענעוואַטע און לאַנ-
גע, אַזוי ווי די בעזימער. די פרויען זענען געווען אָנגעטון
אין ברייטע קליידער פון שרייעדיקע קאָלירן, באַהאָנגען מיט
בענדער, מיט סטענגעס, מיט קרעלן און מיט קמיאות, און פון
די אויערן האָבן אַראָפּגעהאָנגען און זיך געוויגט גרויסע
שווערע אויערינגען. באָרוועסע, אָפּגעפּרענטע, מיט בלישטשענ-
דיקע, פרייליכע אויגן, מיט פאַרפלאָכטענע אָדער צעלאָזענע
צעפּ, אַזוי ווי מכשפות, האָבן זיי אַרומגעטאַנצט צווישן דער
קופּע מענער און קינדער, געשריגן, געקוויטשעט, געמאַכט
אומפאַרשטענדלעכע באַוועגונגען. אַנדערע האָבן זיך אויסגע-
לאָזן לויפן אויפן פעלד און דאָס געלעכטער האָט זיך אַוועק-
געטראָגן ווייט-ווייט, אַזש ביז הינטערן וואַלד אַרונטער. און
די מענער האָבן גערייכערט ליולקעס, געשפּילט אויף האַרמאָ-
ניעס און געזונגען. דערנעבן זענען געשטאַנען פאַרשטויבטע
בוידן איבערגעדעקט מיט שווערע פלאַנדעקעס. די פערד זע-
נען געווען אויסגעשפּאַנט, געשטאַנען נעבן די האָלאָבליעס און
זיך געפּאַשעט. אַרום די בוידן זענען געלעגן אַסך חפצים —
פּעקלעך, טאָרבעס און קופּערנע כלים: קעסלען, טעפּ, טשיי-
ניקעס, פענדלעך און פאַטעליעס... ווייטער אַרויף, אין אַ פּיר-
עק פון אויפגעשטעלטע ציגל, האָט היימלעך געקנאַקט דאָס
פייער... און צווישן דעם רויך, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן
אַזוי ווי אַ בלאָ-גראָער זייל, האָט מען געזען טעפּ מיט עסנ-
וואַרג, וואָס האָט זיך געקאָכט פאַרן געזינדל.

אויפן אָנקום פון די דריי אָרעמע ייִנגלעך, האָבן זיך די ציגיינער פאַרחדושט. אַ רגע זענען זיי שטיל געוואָרן און נייגיריק זיך צוגעקוקט צו די פרעמדע פּנימער.

פאַלק, מענדזשעלע און די „פּופּע" זענען אַריבער דעם רוו. זיכער, אַז ס'וועט מיט זיי גישט געשען קיין שום בייזס, זענען זיי מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צו די ציגיינער.

דאָס קליינוואַרג האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אויס־שמועסן מיט די ציגיינער און זיי האָבן דערפאַר געמוזט רעדן אויפן ווונק.

— ברויט, ברויט!.. — האָט מענדזשעלע געוויזן מיט אַ באַוועגונג צום מויל.

די ציגיינער האָבן פאַרשטאַנען. זיי זענען געווען גוט צו די פרעמדע קינדער און איינער, אַן עלטערער ציגיינער, אַ מגושמדיקער פאַרשוין מיט אַ געדיכטער, פעך־שוואַרצער באָרד, האָט אַרויסגענומען אַ גרויס ראַזאָווע ברויט, אָפּגע־שניטן אַ רונדיק דיקן פּעניץ און דערלאַנגט מענדזשעלען. מענדזשעלע, פאַלק און די „פּופּע" האָבן זיך דאַמאָלס אויס־געצויגן אויפן גראָז, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ געווען היימישע, אַלטע באַקאַנטע. זיי האָבן זיך אָפּגערוט. געטרונקען וואַסער פון אַ שווערער, קופּערנער קרוג, דערלאַנגט פון אַ ייִנגער, חנעוודיקער ציגיינערקע, וועלכע האָט שעלמיש געשמייכלט און דורך די האַלב־צעעפנטע ליפּן, אַרויסגעוויזן דראָבנינקע, גע־פּערלטע ציין. אירע אָרעמס זענען געווען נאַקעט און שלאַנק און בויגיק, אַזוי ווי דינע געשליפענע שווערדן און פון צע־ריסענעם בלייזקעלע אַרויס, האָבן אַרויסגעלאַכט זאַפטיקע, ריי־פע ברוסטן, געזונט און ברוין, אַזוי ווי די ברוסטן פון אַ ייִנגער, צייטיקער נעגערין...

דאָס טויער פון דער שטאָט, צו וועלכן פאַלק, מענדזשע־לע און די „פּופּע" האָבן זיך דערנענטערט, האָט אַרויסגע־רופן אמתע אַנטציקונג. פאַלק זעט אַזעלכעס דאָס ערשטע

מאָל. ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ס׳זענען אין דער ווירק-
לעכקייט טאַקע פֿאַראַן אויפֿגעמויערטע טויערן, דורך וועלכע
אַז מ׳וויל אַריינקומען אין שטאָט אַריין, מ׳מוז אַדורכגיין.
חוץ דעם איינציקן איינגאַנג דורכן טויער, זענען אַלע צוגענג
צו דער שטאָט אָפּגעצוימט. פֿאַלק האָט וועגן אַזעלכע שטאָט-
טויערן נאָר געהערט דערציילן אין וווּנדערלעכע מעשיות און
דאָ זעט ער דאָס ממשותדיק פֿאַר זײַנע אויגן.

דאָס רויטע טויער פֿון שטיינער און ציגל, איז געווען
איינגעמויערט אין די לעצטע ווענט פֿון דער שטאָט און
אויסגעזען, אַזוי ווי דער אַריינגאַנג אין אַ מיטלאַלטערלעכער,
שווערער פֿעסטונג. אין דרויסן, פֿאַרן שאָסיי, האָט געמיטלעך
שפּאַצירט הין און צוריק אַ זשאַנדאַרם, מיט אַ מעשענעם העלם
אויפֿן קאָפּ און מיט אַ בלאַנקער שפּיז אויף דער ביקס אויפֿ-
געשטאָכן; דאָס ליכט פֿון דער שפּיז האָט זיך אָנגעשלאָגן
אָן העלם און שימערירט קעגן דער זון. אינדערהייך, איבערן
טויער, אַזוי ווי אויף אַ בריק, האָט אַרומגעשפּרייזט אַן אַנ-
דערער וואַך-סאָלדאַט און געוואָרפֿן די בליקן אויף אַלע זײַטן
פֿון דער שטאָט.

וואָס מער דאָס קליינוואַרג האָט זיך דערנענטערט, אַלץ
הערלעכער האָט אויסגעזען דאָס טויער. און ווען זיי זענען
אַרייַנגעגאַנגען אינעווייניק אינם טויער, האָט עס געמאַכט דעם
איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַרייַנגעגאַנגען אין דער עפּענונג
פֿון אַ וווּנדערלעכער און ריזיקער הייל.

פֿאַלק איז געווען זיכער, אַז דער זשאַנדאַרם וועט זיי
פֿאַרשטעלן דעם וועג און נישט אַרייַנלאָזן אין שטאָט אַרײַן —
דאַמאָלס וואָלט געווען שלעכט! נאָר דער זשאַנדאַרם האָט
זיי נישט פֿאַרהאַלטן, גאָרנישט געפֿרעגט און פֿריי זיי געלאָזן
אַרייַנגיין מיט זייערע פֿאַרשטויבטע אָרעמע בגדים און באָר-
וועסע, ברודיקע פֿיס, גלייך אין טויער אַרײַן, טראָץ דעם,
וואָס דאָס טויער האָט אויסגעזען יום-טובדיק און איז געווען
באַצירט מיטן הייליקן בילד, וואָס איז — פֿאַרביק איינגערעמט

אין אַ ברייטער, באַגילדטער רעם, באַשלאָגן מיט זון-שטראַלן — געהאָנגען אויפן דרויסנדיקן געזימס איבערן טויער.

— איז צו וואָס שטייט דאָ דער וואַך-סאָלדאַט? — האָט פאַלק געטראַכט — מסתּמא נישט אַריינצולאָזן די מצורעים אין שטאָט אַריין, יענע, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן מחוץ-למחנה, הינטער די טויערן פון דער שטאָט. אַנדערש וואָלט מען נישט אויפגעשטעלט קיין מויער, נאָר מ׳וואָלט אַריינגענאַנגען אַזוי, פּונקט אַזוי ווי מ׳גייט אַריין אין יעדער שטאָט אַריין. אָבער ווו זענען זיי, די מצורעים, די אומגליקלעכע, וועמען די סאָלדאַטן היטן? ווו זענען זיי?

און פאַלק זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, נאָר ער זעט נישט. וועגן מצורעים האָט ער זיך געהערט זייער אַסך אָנדערציילן. מ׳האָט די קראַנקע אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט אַרונטער און הינט זענען צו זיי אַרויסגעקומען און פאַר זיי געבראַכט צו עסן. ווען איוב איז געוואָרן אַ מצורע, האָט מען אים אויך אָפּגעזונדערט מחוץ-למחנה. באַזונדער פראַכטפול איז די מעשה מיטן „פּרינץ און בעטלער" און פאַלק איז איבערצייגט, אַז דידאָזיקע געשיכטע איז געוויס אויך פאַרלאָפן דאָ הינטערן זעלבן טויער.

טונקעלע וואָלקנס, אַזוי ווי גרויסע שווימענדיקע שטיקער אייז-קריעס, האָבן זיך פאַרצויגן איבערן הימל, וואָס אַמאָל געדיכטער געוואָרן, געקראָכן איינע אויף דער אַנדערער און אין שטאָט האָט מען זיך געגרייט אויף אַ שלאַקס-רעגן. אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן פון אויף דער ערד, געלאָפן צעיושעט, געריסן טיר און לעדן און אויף די גאַסן איז געוואָרן ליידיק. יעדער האָט געאײַלט אַהיים, אין שטוב אַריין, אין קראָם אַריין, אין קלויז אַריין — אַבי אונטער אַ דאַך. באַלד איז עפּעס ריזעדיקס צעשיט געוואָרן, זיך צעשמעטערט אָן דער ערד. און צוזאַמען מיטן געדויש ערגעץ אין דער ערד אויפגעפרעסן געוואָרן.

אויף די גאַסן האָט מען קיינעם נישט געזען. דער רעגן האָט געקלאַפּט אויף די שטיינער, מיט אימפּעט זיך אַריינגע־גאָסן אין די רינשטאָקעס אַריין און שטראָמענווייז ערגעץ ווייט אַוועקגערונען.

מענדזשעלע, פּאַלק און די „פּופּע" זענען אַרויסגעקומען פון טויער אַרויס, זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן אין די ערשטע גאַסן אַריין, נאָר זייערע בגדים, זייערע גופים, זייערע פּנימער, זענען געווען אויסגעווייקט און אַדורכגעפּאַטשט פון ווינט און פון רעגן.

— ס'איז ביטער, לייווע! — מאַכט מענדזשעלע — זע נאָר ווי דער רעגן האָט זיך צעלאָזט.

— שווים נישט אַוועק, מענדל! — חוזקט די „פּופּע".

אַלע דריי האָבן זיך איינגעקאָרטשעט. פון זייערע דאַש־קעס איבער די היטלען, האָט עס אַראָפּגעקאַפּעט אין די אויגן אַריין, אויף דער נאָז, אין האַלדז אַריין און פון די פּאָלעס מאַרינאַרקע, פון די שפּיצן אָגוויצעס האָט עס געטריפט אין שמאָלע שנירעלעך אויף זייערע נאַקעטע, נאַסע פיס.

אַז דער רעגן האָט אַביסל אויפגעהערט און דאָס וועטער האָט זיך אויסגעלייטערט, האָבן זיך אַלע דריי ערשט אומגע־קוקט אַרום און אַרום זיך. זיי זענען געווען אויף אַ לאַנגער און רייכער גאַס פון אַ פרישער, אומבאַקאַנטער שטאָט. אָבער די שטאָט איז גרויס. הויכע געביידעס, לאַגערן, געשעפטן און די טראָטואַרן זענען אויסגעפּלאַסטערט, אַספאַלטירט.

— דאָס איז אַ שטאָט – האָט פּאַלק געטראַכט — נאָר דאָ זענען נישט פאַראַן קיין אייזערנע בוידן, אונטער וועלכע ס'וואַלגערן זיך הונגעריקע קינדער. און די קינדער פון דער־דאָזיקער שטאָט דאַרפן געוויס נישט אַוועקוואַנדערן אין דער וועלט אַריין... דאָס טויער פון דער שטאָט וואָלט דאַמאָלס נישט געשטאַנען אַזוי שטאָלץ און נישט געקוקט אַזוי פאַריסן אין הימל אַריין און די הייזער וואָלטן אַראָפּגעלאָזט די ברע־מען פון חרפּה...

אָבער מיטאַמאָל ווערט דאָס אָרעמע דריילינג אויפגעצי־טערט. זיי הערן אָנרופן זייערע נעמען:

— מענדל! מענדל! לייווע!

און באַלד נאָכדעם אַן אַנדער קול:

— מ—ע—נ—ד—ז—ש—ע—ל—ע!

זיי קוקן זיך אום צעשראָקן. נישט אמת! נישט אמת! מ'מיינט נישט זיי, זיי זענען דאָ פרעמדע. זיי זענען נאָר וואָס אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין און קיין ברויט האָט אויך מענדזשעלע דאָ אין ערגעץ נישט געכאַפּט, אונטערוועגס כאַפּט ער נישט קיין ברעקלעך פון קינדערשע הענטלעך... איז ווער קאָן עס זיין? ווער? — —

מענדזשעלע מיט דער „פּופּע" זענען געוואָרן איבעראַשט. קייגן איבער אויפן טראָטואַר און אויפן וועג זענען געווען צעשאָטן אַ כאַפּטע בעטלער־קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעפּליקטע, באָרוועסע, צוזאַמען אַ שטיק זעקס. זיי האָבן זיך געהאַלטן פריי, געשריגן און אָנגעמאַכט אַ ליאַרם.

מענדזשעלע האָט זיי דערקענט, אויך לייווע האָט זיי דערקענט — די בעטלער־קינדער זענען געווען פון אַלט־שטאָט. אָבער, מיט מענדזשעלען זענען זיי געווען גוט אויסגעקאָכט. מענדזשעלע און די „פּופּע" האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, אַזוי ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט זיי געטראָפן — אַ קלייניקייט, אַזוי פול אייגענע אין אַ פרעמדער שטאָט, אַזוי פול אייגענע...

מענדזשעלע איז אַהינגעלאָפן אויף יענער זייט, מ'האָט זיך אַרומגעכאַפּט, מ'האָט זיך אויסגעפרעגט, אויך די „פּופּע" האָט צוגעקוליעוועט און די געלע קלייענדלעך אויפן צעצויגע־נעם פּנים האָבן איצט געשמייכלט פון צופרידנקייט.

פּלוצים האָט דאָס צוגעקומענע קליינוואַרג דערזען פאַלקן. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי. ער, פאַלק, זעט נישט אויס צו זיין פון זייער קאָמפּאַניע — ער איז צו רויק, ער איז ערנסט, ער איז פאַרטראַכט און אַזעלכע, וואָס זענען נישט פון זייער קאַמפּאַניע, אַזעלכע האָבן די בעטלער־קינדער פיינט,

זיי ווילן זיך מיט אַזעלכע נישט חברן, זיי טרייבן זיי אָפּ פון זיך.

און ווען פאַלק האָט זיי נאָר דערזען, האָט ער מאָמענטאַל דערפיל׳ט, אַז דאָ דאַרף געשען עפּעס אומאָנגענעמס, עפּעס שלעכטס און ס׳איז טאַקע אַזוי געווען: דאָס קליינוואַרג האָט אָפּגערופן מענדזשעלען אָן אַ זייט, זיי האָבן אים איינגערוימט אויפן אויער, דערנאָך האָט מענדזשעלע עפּעס געזאָגט דער „פּופּען", נאָר די „פּופּע" האָט נישט געענטפערט.

— קום, מענדל! — האָט איינער פון פרישן קליינוואַרג אויסגערופן און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז מענדזשעלע וועט זיך איבערשמועסן מיט דער „פּופּע".

— קום, קום! — האָט אַן אַנדערער געשריגן — וואָס דאַרפסטו אים האָבן, דעם יאָלד?

— לאָז אים איבער, ער וועט זיך אַן עצה געבן!

און מענדזשעלע האָט זיך גאָרנישט געישובט, אונטערגעהעצט פון די פרישע חברים, די בעטלער-קינדער, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו פאַלקן מיט אַ פּרעטענזיע און אַוועקגעלייגט מסור:

— הער נאָר, פאַלק, איך קאָן נישט אויפשטעלן די פּלייצע פאַר דיינעטוועגן. גיי אויפן פּענט, וועסטו האָבן.

און קוים האָט מענדזשעלע דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער „פּופּען":

— קום, לייווע!

די „פּופּע" האָט נישט געהאַט קיין ברירה און געגאַנגען. ער וואָלט אפשר געוואָלט אַז פאַלק זאָל אויך מיטגיין, נאָר וואָס זאָל ער טון? ער, די „פּופּע", איז טאַקע דער פּירער, נאָר פאַר מענדזשעלען האָט ער מורא, מענדזשעלע קאָן זיך נאָך צעבונטעווען און מענדזשעלע גיט אים, לייווען, צו עסן...

— זאָלסט זיך נישט נאָכשלעפּן, הערסט? — האָט מענדזשעלע אַריבערגעשריגן צו פאַלקן פון יענער זייט טראָטואַר און אַוועקגעשפּרייזט צוזאַמען מיט דער „פּופּע" און מיט דער גאַנצער חברה ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט און פאַרשוווּנדן.

פאַלק איז איצט געבליבן אַליין. אַליין אויף גאַסן פון אַ פרעמדער שטאָט. האָט דען פאַלק באמת געהאַט בדעה זיך נאָכצושלעפּן? ניין, ס'איז אים אַפילו אויפן זינען נישט גע-קומען. דער גאָט וואָס שפּייזט פויגלען אין דער לופט, פיש אינם וואַסער און ווערם אונטער דער ערד — וועט אויך פאַלקן נישט פאַרלאָזן.

ס'האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן אַ רעגן. פאַלק איז גע-ווען אויסגעפרווירן, מיד און הונגעריק. אָט וועלן זיך אונטער-ברעכן די פיס און ער וועט זיך אויסציִען אויף די שטיינער. און אין מוח האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אַזאַ שווערקייט און די שווערקייט האָט זיך דערנענטערט אין האַלדז אַריין און דאָרט צוגעקוועטשט ביז צום דערשטיקט ווערן. איז צו וועלכע שוואַר-צע יאָר זענען די אַלט-שטעטישע אונטערגעקומען? צו וואָס? ווער האָט זיי באַדאָרפן? — פאַלק האָט זיך געשלעפּט אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג און דער ווינט האָט געריסן, גע-שליידערט, געפּאַטשט. פאַלק האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז קייגן אים איז איצט געשען אַן אומדערהערטע עוולה און אויפן האַרץ האָט געברענט די באַליידיקונג... פּלוצים איז פאַלק גע-וואָרן פאַרצווייפלט; ער האָט געפילט, אַזוי ווי אַ גרויס אומ-גליק וואָלט זיך אַריינגעלייגט אין זיין לייב אַריין און פאַלק האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די יסורים. ער איז געווען צו שוואַך, צו דענערווירט, ער האָט דעריבער צונויפגעבײַלט די פויסטן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרמעסטן קייגן דער גאַנצער וועלט.

זינט פאַלק איז אונטערוועגס, האָט ער זיך איצט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַזוי הילפלאָז און דערנידעריקט. האָט זיך מיטאַמאָל אַלץ אין אים צעבושטעוועט און אַלע זיינע גע-דערים האָבן זיך טיף אין אים צעשריגן:

— מאַמע!..

פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אויפגעזעצט זיך און אויסגעריבן די אויגן. אינם גערויש וואָס האָט זיך אַריינ-

געטראָגן פֿון דער נאַס, האָט פֿאַלק דערקאָנט, אַז אינדרויסן מוז שוין זיין גרויסער טאָג, טראָץ דעם, וואָס דאָ, אין קעלער, איז נאָך געווען גענוג פֿינצטער. די שטראַלן וועלכע האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן דורכן איינציקן לאָך, וואָס האָט געדינט אַלס פֿענצטער אין דער נאָרע אַריין, האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אָן אַ געדיכטער מאַסע שטויב און שפּינוועבס און הענגען געבליבן אויף אויסגעפֿליקטע און משונה־צעבויגענע דרענגלעך פֿאַרזשאַווערט אייזן.

עטלעכע טעג האָט פֿאַלק אַזוי איינער אַליין אַרומגעבלאָנקעט אין שטאָט. ער האָט זיך נישט געשאַפֿן קיין עסן. און אפֿשר האָט אים גאָרנישט געהונגערט? פֿאַלק האָט זיך איבער דער צייט נישט באַגעגנט מיט מענדזשעלען און נישט מיט דער „פּופּע“. אָבער פֿאַלק האָט געהאַט וואָס צו טון: — ער איז געווען ביי אַלע שׂרפֿות, געהאַט הנאה פֿון צוזאַמענגעלויף און פֿון פֿייער וואָס האָט אַזוי היימלעך געקנאַקט און זיך געצויגן צום הימל. האָט זיך ערגעץ געמאַכט אַ געשלעג — איז פֿאַלק געווען אויפֿן אָרט. ער איז מיטגעלאָפֿן מיט מחנות זעלנער הינטער דער שטאָט אַרונטער, דאָרט, ווו זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זיך געלערנט שיסן. אַ גאַנצן וועג איז פֿאַלק געלאָפֿן פֿאָרויס נעבן אָרקעסטער — די קלאַרנעטן האָבן געשריגן, די בעסער האָבן געברומט און פֿאַלק איז געוואָרן אויפֿגערייצט. ער וואָלט גאָרנישט מיד געוואָרן און כּסדר אַזוי נאָכגעלאָפֿן נאָך דער מוזיק, ער וואָלט געלאָפֿן, געלאָפֿן, געלאָפֿן... נאָר אין די טעג ווען ס'זענען נישט געווען קיין שׂרפֿות און קיין זעלנער האָבן נישט מאַרשירט, איז פֿאַלקן געוואָרן אומעטיק. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, מיט אַ מאָדנער טעמפּקייט, האָט ער זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פֿאַרפּייניקט. פֿאַרטאָגס, האָט פֿאַלק, אַזוי ווי אַ וואָרעם, פּאַוואָליע זיך אַרויסגעצויגן דורכן לאָך פֿון קעלער אַרויס און זיך אַראָפּגעלאָזן אין מאַרק אַריין, דאָרט, ווו סאַדאָווניקעס האָבן

געבערענגט וועגענער אויבס; האָט פאַלק אָנגעקליבן אַביסל אונטערגעפוילטע עפל, באַרן, פלוימען און מיט דעם געשטילט דעם הונגער. פאַרנאַכט, האָט ער זיך ווידער אויף אַלע פיר, אַזוי ווי אַ מויז, צוריק אַריינגעצויגן אין קעלער אַריין און דאָרט געלעגן ביז אינדערפרי. נאָר שוין עטלעכע טעג ווי די סאַדאָווניקעס קומען נישט צו פאָרן און פאַלק פאַרלאָזט נישט דעם קעלער. ער ליגט און רירט זיך נישט פון אָרט. עטלעכע מאָל האָט ער זיך נאָך אַפילו געפרווט אַרויסשאַרן אויפן טראָטואַר, נאָר ווען ער איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָט ער נישט געקאָנט צעעפענען די אויגן און די זון, אַזוי ווי מיט נאָדלען, האָט אים געשטאָכן אונטער די ברעמען. ער איז געווען שוואַך און די פיס האָבן נישט געוואָלט אויף זיך האַלטן דאָס דאַרע, אויסגעפייניקטע גופל; האָט ער גענומען, פאַלק, און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פייכטער, שטיינערנער פאָדלאָגע און געלעגן אַזוי אומבאַוועגלעך.

דער קעלער, פאַרלאָזן און טונקל, מיט שפינוועבס און שאָטן באַדעקטע ווענט, האָט געזעצט פון זיך מיט אַ דעמפיקן געשטאַנק פון פייכטקייט און שימל. אויף דער ערד, אינם מיסט, איז געלעגן אַ קופע גלעזערן בראָכוואַרג, אַלטע פלעשער, צעשעדיקטע שטרויענע קויבערס מיט אויסגעפליקטע אויערן, אַ הילצערן קעסטל אָן אַ דנאָ און אַ סך שמאַטעס. צווישן די שמאַטעס האָט זיך אויך אַרומגעוואַלגערט אַ געלער, פאַרדאַרטער שטיוול, האַרט אַזוי ווי אַ שטיק אייזן און האָט נאָך געהאַט אויפן אָפּצאַס אַ געזונטע, נישט אויסגעריבענע פאָדקאָווע.

פאַלקן איז געוואָרן אַלציינס. אים האָט נישט געאַרט וואָס די דירה איז פייכט און פינצטער און אויך נישט דאָס, אַז כדי אַריינצוקריגן זיך אין קעלער אַריין, מוז מען זיך שאַרן אויפן בויך. ער האָט נאָר אָנגעשטרענגט געקוקט צו דער טיר, וועלכע איז תמיד געווען פאַרהעמערט און באַדעקט מיט שאָטן און שימל. פאַלק האָט מורא געהאַט, אַז די טיר וועט זיך פלוצים אַן עפן טון און מ׳וועט אים שלאָגן;

מ׳וועט אים שלאָגן, אַזוי ווי דאַמאָלס, די יינגען אין העמדאַרבל, ווען ער, פאַלק, האָט געוואָלט אַראָפּכאַפּן אַן אָפּגעשיילטע ציבל פון וועגעלע אַראָפּ...

פאַלק איז געלעגן איינגעדרייט אין די שמאַטעס און פאַרלוירן יעדער ענלעכקייט צו אַ לעבעדיק נפש. אָט דאַכט זיך אים, אַז אויך ער, פאַלק, איז דאָ געוואָרן אַזאַ שטיק קעלער־באַלעבאַטישקייט. צו די פלעשער, קויבערס, קעסטלעך און צום פאַרדאַרטן שטיוול — איז צוגעקומען נאָך אַזאַ איבעריקע זאַך, וועמען די וועלט האָט אויסגעשפּיגן אין קעלער אַריין, אַזוי ווי די וועלט שפּייט אויס פון זיך יעדער אומנוצלעך חפץ און דידאָזיקע אומנוצלעכע זאַך, הייסט איצט „פאַלק״ און די זאַך וועט דאָ פאַרפוילט ווערן און אויפגעפרעסן ווערן פון שימל.

פאַלק פילט, אַז דער מוח איז אים געוואָרן ליידיק, אַזוי ווי דער קאָפּ וואָלט גאָרנישט געזעסן אויף די אַקסלען, נאָר לייכט אַרומגעשוועבט אין דער לופטן. פאַלק האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיי צעעפנט, פאַרמאַכט און ווידער צעעפנט. ער פילט, אַז ער איז נאָך דאָ — ער איז דאָ! ער איז דאָ! ער איז נאָר אַזוי שטיל, אַזוי ווי די ווענט, אַזוי ווי די שמאַטעס, אַזוי ווי דאָס מיסט אויף דער ערד.

פלוצים איז פאַלק געוואָרן אויפגעציטערט. קייגן איבער אויפן ראַנד פון אַ קויבער, איז דרייסט געשטאַנען אַ ברוינער, זאַטער עכבר און מיט שאַרפע בליקן אַהערגעקוקט צו פאַלקן. פאַלק האָט זיך נישט גערירט. ער האָט געזען דעם עכברס קליינע, כיטרע אייגלעך און די אייגלעך האָבן געשפּיזט מיט אַזויפיל ענערגיע און עקשנות און די ווייסע, דינינקע וואָנסעלעך, אַזוי ווי דינע, שטייפע דרעטלעך, האָבן אויסגעשפּיצטע אונטערגעטאַנצט אויפן קיילעכדיקן פּיסקל.

אַ ווײַלע האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. זיי האָבן זיך געטראָפן אויג אויף אויג.

פאַלק האָט פאַרשטאַנען, אַז דער עכבר וויל פון אים פּטור ווערן, ער דאַרף אים דאָ נישט צו האָבן. אָבער אויך

פאַלק האָט זיך באַטראַכט אַלס בעל-הבית איבער דער נאָרע. און ווען פאַלק האָט זיך ראַפּטעם אויפגעזעצט, אַ פיר געטון מיט דער האַנט אין דער לופט, איז דער עכבר נישט אַנט-לאָפן, ער איז אַנטשלאָסן געשטאַנען אויפן קויבער, אַזוי ווי ער וואָלט גרייט געווען צו אַ מלחמה אויף לעבן און טויט...

אָבער מיטאַמאָל איז דער עכבר פאַרשוווּנדן. פאַלק האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער ערד. ער איז געלעגן אָנמעכטיק און פאַרפייניקט און אַז ער האָט אַהינגעקוקט צום לאָך פון דער עפענונג, ווו ס'האָבן זיך געשפּילט אַ בינטל שוואַכע זון-שטראַלן, האָט ער געזען פּיס פון מענער און ווייבער אוו די פּיס האָבן ערגעץ גיך-גיך אַוועקגעשפּרייזט.

פאַלק האָט ווידער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן די שמאַ-טעס און זיך נישט גערירט. ס'איז אים געווען שווער יעדער באַוועגונג — איז ער געלעגן און געקוקט אויף די שאָטנס ביי דער טיר, אין די ווינקלען, אויפן באַלקן...

באַלד האָט עפּעס אויפגעשאָרכט. איבערן קעלער איז זיך צעגאַנגען אַ גראַבלען, אַ נישטערן, אַ קראַצן. פאַלק האָט אָנ-געשטרענגט דאָס געהער און פאַרנומען אַ שטיל גערויש, וואָס האָט זיך אַפּערגעטראָגן פון אונטער די קאַסטנעס און קוי-בערס. פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן אַ געלויף פון אַ מחנה זאַטע און בייכיקע עכברים. זיי זענען צעשראָקן געשפּרונגען איבערן קעלער, געטאַנצט, געשטופּט זיך אין ווילדער איילע-ניש און הויך געפּאַטשט מיט די וויידלען.

פאַלק איז פאַרגליווערט געוואָרן פון אימה. ער ליגט און די מייז שפּרינגען אַרום נעבן זיין קערפּער, אָט וועט זיך אויף אים די מחנה אַ וואָרף טון און ער וועט צעריסן ווערן אויף שטיקלעך. פאַלק האָט זיך אויפגעזעצט אַ צעשויבערטער און אין משוגענער שרעק אַלץ כסדר געקוקט אין איין ריכ-טונג און נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון די עכברים, וועל-כע זענען פאַרעקשנט געשטאַנען נעבן די קויבערס און אַהער-

געקוקט צו פאַלקן און אָט גייען זיי צו נענטער, נענטער און נאָך נענטער...

פאַלקן האָט באַגאָסן אַ שווייס. ער וואָלט זיך געוואָלט ווערן, נאָר ער, פאַלק, איז איינער און די עכברים — אַזאַ מחנה, זיי וועלן געוויס זיין שטאַרקער פון אים און אים אויפ־פרעסן לעבעדיקערהייט... פאַלק האָט זיך געשטאַרקט, ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ער האָט געוואָלט עפּעס נעמען, נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך באַגעגנט מיט די בייזע, דראָענדיקע אייגלעך פון די עכברים און פאַלקן איז באַפאַלן אַ פּחד — ער האָט אָפּגעלאָזן די שווערע זאַך און זיך צוריקגעצויגן. אָבער די מייז זענען אַלץ געלאָפן הין־און־צוריק, געשפּרינגען איבער די קויבערס, געפּאַטשט מיט די וויידלען, אַזוי ווי פאַלק וואָלט דאָ גאָרנישט געווען.

פאַלק האָט זיך ראַפּטעם אויפגעשטעלט, מיט אויסגעגלאָצ־טע אויגן זיך צוגעקוקט צום מינדסטן ריר פון די עכברים און ער האָט געזען ווי זיי פילן אָן דעם גאַנצן קעלער... פּלוצים האָט פאַלק אַ כאַפּ געטון דעם אויסגעדאַרטן שטיוול פון מיסט אַרויס, אים שנעל אויפגעהויבן אין דער הויך און אין בלינדער פּחד געפּאָכעט מיט אים איבער זייערע רוקענעס. צווישן די עכברים איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ מהומה. דאָס געלויף איז געוואָרן האַסטיקער און דאָס געפּאַטשעריי פון די וויידלען — שטאַרקער...

פאַלקס פּנים איז גרין געוואָרן און זיך אויסגעקרומט פון אימה. ווילד און מיט אַן אומנאַטירלעכער שנעלקייט האָט ער געהאַקט מיטן שטיוול איבער די קויבערס, איבער די קאַסטענעס און אין די שמאַטעס אַריין... פאַלק האָט דאַמאָלס אָנגעווירן די צורה פון אַ מענטש און אַ צייט לאַנג איז אין דער מיט פון דער טונקל־שאָטנדיקער נאָרע, געשטאַנען עפּעס אַן עקלדיק־צעיושעטע בריאה און רצוחהדיק געפּאָכעט מיטן שטיוול...

ווען פאַלק האָט זיך באַרויקט, זענען שוין מער קיין עכברים נישט געווען. די קאַסטענעס און קויבערס זענען גע־

לעגן אין מיטן קעלער צעטרייבערטע אויף שטיקלעך און פון די שמאַטעס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער, עיפּושדיקער שטויב.

נעבן איינעם פון די צעשעדיקטע קאַסטענעס האָט שטאַר אַהערגעקוקט צו פאַלקן אַ ברוינער, פעטער עכבר, נאָר דער עכבר האָט שוין נישט געלעבט. ער איז געלעגן מיט אַן אי־בערגעשפּאָלטענעם רוקן, אַזוי ווי אַן איבערגעבראָכענע רייף.

נאָכדעם ווי פאַלק האָט אָפּגעהאַלטן אַזאַ נצחון איבער די שטשאָרעס, האָט ער ווידער געקריגן מוט צום לעבן. ער האָט געפילט, אַז ער האָט דאָ ערשט אָפּגעטון עפּעס אַ גרוי־סע זאַך און צוליב דער פרייד איבערן דאָזיקן זיג, האָט זיך אים נישט געגלוסט צו שטאַרבן. פאַלק האָט זיך דעריבער אויפגעשטעלט, צוגעשאַרט זיך פּאַוואָליע צום פענצטער און מיט דער געשיקטקייט פון אַ קאַץ, זיך אַרויסגעצויגן פון קע־לער אין דרויסן אַרויס. אויף דער גאַס האָט זיך פאַלק אַוועק־געשטעלט נעבן אַ וואַנט און נישט געגאַנגען ווייטער. ער האָט נישט געקאָנט גיין — ער איז געווען אָפּגעשוואַכט און פאַר־פּייניקט פון הונגער. פאַלק האָט געזען אַ סך מענטשן, זיי זענען געגאַנגען געזונט, גלייך, מיט פעסטע, גיכע טריט. די מענטשן האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן, זיי האָבן זיך געאיילט און קיינער האָט פאַלקן נישט באַמערקט. איבעריקנס, וואָס איז דאָ געווען צו באַמערקן? פאַלק איז דאָך געשטאַנען נעבן דער וואַנט. ווען ער זאָל זיך אויסציען אויף דער ערד, וואָלט מען זיך אפשר אומגעקוקט. אָט האָט פאַלק יענע וואָך געזען ווי אַזוי אַ פערד האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פיר אין מיטן גאַס; ס'איז געוואָרן אַ געשטיי, אַ צוזאַמענגעלויף, מ'האָט באַדויערט, גערעדט דערוועגן. נו, איז עס דאָך אַ פערד. ווען פאַלק, למשל, זאָל זיין אַ פערד, וואָלט מען זיך אויף אים אויך אומגעקוקט...

באַלד האָט זיך פאַלק דערמאָנט אָן אַלטן מאַרק. ער

וועט זיך אַוועקשלעפּן דאָרט אַראָפּ, אפשר זענען אָנגעקומען
וועגענער פון די דערפער און ס'וועט זיין אין מויל אַריין,
מיט עפּעס צו דערכאַפּן דאָס פאַרחלשטע האַרץ. פאַלק וואָלט
אַפילו איצט נאָר גענוג געהאַט עטלעכע דאַרע גלעמביקלעך,
אַ צוגעפּוילט עפּעלע, אַן אויסגעשפּיגענע פלוים — ער וואָלט
עס געגעסן, ער וואָלט זיך אָנגעבלאָזן דעם בויך, וועלכער איז
שוין איינגעפאַלן אַזוי ווי אַ גרוב... טראָץ דעם וואָס אין
דרויסן האָט געברענט די זון, איז דאָך פאַלקן געווען קיל.
ס'איז געווען אַן אַנדערע קילקייט — די קעלט איז געקומען
פון זיינע ביינער אַרויס און פאַלק האָט באַשיימפּערלעך גע-
פילט, אַז ס'איז פון אָפּשוואַכונג און הונגער. אַ סך מאָל האָט
זיך די קעלט אויסגעמישט מיט אַ שווייס, האָבן גענומען אונ-
טער אים ציטערן הענט און פיס און די הייזער האָבן זיך
געדרייט, אַזוי ווי אויף אַ קאַרוסעלע... ער וואָלט געשווירן,
פאַלק, אַז ער זיצט אויף אַ הילצערן קאַרוסעלע-פערדל, דאָס
פערדל לויפט און די קאַרוסעלע דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט
זיך...

פאַלק איז אַריינגעקומען אין מאַרק אַריין, נאָר קיין סאַ-
דאָווניקעס האָט מען נישט געזען. דער מאַרק איז געווען ליי-
דיק און אויסגעקערט. ס'זענען אַפילו נישט געווען קיין בערג-
לעך מיסט, פון וואַנען מ'זאָל קאָנען אַרויסנאָרען אַ פאַר-
ווענגלט רעטעכל, אַ ציבעלע, אַ פּיעטרושקע... גאָרנישט, גאָר-
נישטאָ... פאַלק האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט
און מיד, צוריקגעשפּרייזט אין שטאָט אַריין. די זון האָט כסדר
געשיט מיט פייער און פאַלקן געברענט די אויגן. פאַלק איז
שוין מער נישט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ שטאַרק ליכט —
ווען אים זאָל נישט פּייניקן דער הונגער, וואָלט ער אויך
אַזוי ווייטער געלעגן אין דער נאָרע און אינגאַנצן זיך אָפּגע-
וווינט פון דער העלער שיין. אין קעלער איז טאַקע טונקל —
נאָר ס'איז שטיל, ס'איז רויק... קיינער טרעט נישט אויף די
פיס, מ'שלעפּט נישט מיט מיט די עלנבויגנס. מ'קאָן ליגן און
קוקן אויף די ווענט, אויפן שפּינוועבס, אויפן שימל און אַז

אים, פאַלקן, פאַרגלוסט זיך גאָר, נעמט ער און שפּייט אַזוי אַרויף צום באַלקן...

נאָר פלוצים האָט פאַלקן פאַראינטערעסירט עפּעס אַנדערש. פאַר אים זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ לאַנגע שורה קינדער — אָנגעטוענע, קרעפּטיקע, פריילעכע. זיי זענען געגאַנגען פון דער שול און זענען געווען פריש און מונטער. זיי האָבן גע־לאַכט אויפן קול, זיי האָבן געשטיפט, זיי האָבן געליאַרעמט... פאַלק האָט געזען דעם געזונטן גלאַנץ אין זייערע אייגלעך, די צוגעברוינטע פאַרב אין די פּנימלעך. אָבער די קינדער, ווען זיי האָבן באַמערקט דאָס אָפּגעריסענע ייִנגל, האָבן זיי זיך הויך צעלאַכט, זיי האָבן געטייטלט מיט די פינגער, זיי האָבן חוזק געמאַכט פון אים און איינער, אַ לאָבוז, האָט אַפילו אַ שלעפּ געטון פאַלקס היטל ביים דאַשעק, אַזוי, אַז דאָס היטל איז געבליבן זיצן טיף איבער די אויערן... דער־ווייל איז אונטערגעשפּרונגען אַן אַנדערער און פאַלקן אַריינ־געשפּאַרט אַ נאַס קערל פון אַ פלוים אין האַלדז אַריין...

פאַלק איז אויפגעקאָכט געוואָרן, אָבער — ער האָט זיך נישט געוועהרט. אַ סך מאָל איז מען לגבי אים אין זיין לעבן באַגאַנגען עוולות. דער טאַטע זיינער אין פאַבריקס־הויף, די ייִנגען ביים וואָגן ציבעלעס, מענדזשעלע מיט דער „פּופּע", די שטשאָרעס — זיי אַלע האָבן אים, פאַלקן, באַעוולהט. און אברהם־יעקבן דעם סיבירניק? — ער איז דאָך גרעסער און שטאַרקער פאַר פאַלקן — אים האָט מען דען נישט באַעוולהט?.. נאָר איצט איז אייגנטלעך פאַלק גאָר מיאוס באַליידיקט גע־וואָרן, ער האָט געברענט פון חרפּה, אַזוי ווי עמעץ וואָלט גענומען און אים אַריינגעשפּיגן גלייך אין סאַמע פּנים אַריין...

מיטאַמאָל איז פאַלקס מוח ווידער פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ הייסער צעשמאָלצענער מאַסע, די מאַסע האָט אַראָפּגעטריפט אין גוף אַריין און דער גאַנצער קערפּער איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ ברייעדיק פייער, אַזוי ווי ס'וואָלט פון דער ערד אַרויסגעזעצט אַ געדיכטער פלאַם און אים, פאַקן, אַרומ־גערינגלט און אים אַריינגעשלעפּט אין פלאַם אַריין... פאַלק

האָט געליטן שטאַרקע יסורים. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דאָזיקן אָרט, נאָר אומעטום איז אים דאָס פייער נאָכגעלאָפן און מיט פלאַמיקע צינגער געלעקט די פיס, דעם בויך, דאָס פנים...

פלוצים האָט זיך פאַלק דערזען נעבן אַ געוועלב, ער האָט געוואָלט צעעפענען די טיר און אַריינגיין. מ׳וועט אים דאָרט געבן ברויט, מ׳מוז אים געבן...

נאָר ווען פאַלק האָט זיך דערנענטערט צו דער שוועל און אַריינגעקוקט, האָט ער אינעווייניק געזען מענטשן און די מענטשן האָבן ערנסט געשמועסט צווישן זיך, געדינגען זיך, געחשבונט... פאַלק איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט און זיך נישט גערירט. עפּעס האָט ער זיך פאַרשעמט פאַרן בלויזן געדאַנק, וואָס ער וויל דאָ טון... אַ רגע האָט פאַלק געטראַכט, געיישובט זיך, דערנאָך האָט ער גיך זיך אויסגעדרייט און זיך צוריקגעצויגן פון דער טיר. ניין, ניין, ניין! ער, פאַלק, וועט נישט אַריינגיין, ער קאָן נישט אויסשטרעקן די האַנט. ער וועט אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין, דאָרט וועט ער פּרוון, נאָר — דאָ נישט! דאָ נישט!

פאַלק איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די שטיגלעך און געלאָפן איבערן מאַרק, אַזוי ווי עמעץ וואָלט אים נאָכגעיאָגט. אויפן שאָסיי האָט ער זיך ערשט פאַרהאַלטן און דערפילט אַ מאָדנע שטעכעניש איבערן גאַנצן לייב.

— דאָ נישט! דאָ נישט! — האָט עס פאַלקן געטרויסט אין מוח און מיט שוואַכע, ציטערדיקע טריט האָט ער אַוועק־געשפּרייזט אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין.

— דו גייסט קיין סילעוו?

— כ׳גיי קיין סילעוו.

— איך גיי אויך קיין סילעוו.

דער יינג, וועלכער האָט באַגעגנט פאַלקן אויפן שאָסיי, איז געווען געזונט און קרעפּטיק, מיט ברייטע, אויסגעהע־

מערטע פלייצעס און מיט אייזערנע מוסקולן; ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין מידקייט און געטרעטן די ערד אונטער זיך, אַזוי ווי אַ ריז.

פאַלק האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען פאַר זיך אַ פּויעריש פאַרגרעבט פּנים, רונד און פליישיק, אַז בלוט האָט ממש געשפּראָצט.

דער יינג איז געווען אַ סך גרעסער פאַר פאַלקן, נאָר פאַלק, אַזוי ווי אַ הונט, האָט באַלד דערשנאַפּט אין יענעם אַ פריינט און פאַלק האָט זיך צו אים צוגעבונדן.

אין אַ שווערער, ווינטערדיקער מאַרינאַרקע און אין אַ פּילצענעם ליסצעפּעט, אַ באָרוועסער, אַרויפגעשאַרצט די אָגוויצעס ביז די קניען, די שטיוול אויף די אַקסל — האָט דער יינג פעסט געפּאַטשט מיט די פּאָדעשוועס אין זאַמד און געריבן די וויאָרסטן. פאַלק האָט זיך נאָכגעשלעפּט, אַזוי ווי אַ וואָגן אָן רעדער, ווען מ׳בינדט אים צו צו אַ גוטער בריטש-קע, מיט אַן אויסגערוט פערד...

פאַלק זעט ביים יינג אַ גרויסן זאַק אויף דער פּלייצע, אונטערגעבונדן אונטער די אָרעמעס מיט אַ שוואַרץ לעדערן רעמעטל און מיט אַ זעלנעריש מאָנאַשקעלע ביי דער זייט. פאַלק וואָלט דעם יינג גערעדט עפּעס צו עסן; ער, דער יינג, איז נישט קיין שלעכטער, ער איז נישט מענדזשעלע און ער וואָלט אים געוויס געגעבן, נאָר פאַלק שעמט זיך..

און דער יינג רעדט אַריין אין פאַלקן, ער דערציילט אים מעשיות, ער גיט אים איבער וועגן דער נסיעה און דעם יינג דאַכט זיך, אַז פאַלק הערט, פאַלק כאַפּט אויף יעדער וואָרט — און פאַלק טראַכט אין דער זעלבער צייט גאָר עפּעס אַנדערש. פאַלק איז איבערצייגט, אַז דער קאָפּ זיינער איז אים אַראָפּגעפלויגן פון די אַקסלען אַראָפּ און שוועבט אַרום אין דער הויך, ווען נישט, וואָלט דאָך פאַלק געפילט, אַז ער טראָגט אויף זיך דעם קאָפּ...

— די אַלטע פּענטאַקעס, די זקנים, די פון פאַר דער מלחמה — מענהט אַלץ דער יינג — זענען ביין, זיי

זאָגן, אַז מיר יינגוואַרג זענען זיי אַריינגעקראָכן אין דער פּרנסה אַריין און אַראָפּגעבערענגט אויף זיי אַן אומגליק. וואָס האָב איך געהאַט צו זיי? און וואָס האָסטו געהאַט צו זיי? מיר האָבן געוואָלט ברענגען אויף זיי אַן אומגליק? און אין הקדש רודפט מען, זיי לאָזן נישט ליגן אויף די נאַרעס, „איר האָט נאָך יינגעביינדעלעך — זאָגן זיי צום קליינוואַרג — איר קאָנט שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע”. זומער — זאָל זיין אויף דער פּאָדלאָגע, זאָל זיין אויף דער גאָלער ערד פאַר דער טיר. אָבער, ווינטער? ווינטער? — זיי לאָזן נישט צו צום אויוון, זיי בראָטן קאַרטאָפל און פּרעסן אַליין... זיי זענען די באַלעבאַטים איבערן הקדש, איבער דער נאַרע און אַפילו איבערן פייער. זיי קומט אַלץ!

— דיינע אייגענע קאַרטאָפל? — חדושט זיך פאַלק.

— איך זאָל אַזוי געזונט זיין, ווי מיינע אייגענע! — שווערט זיך דער יינג — צו וואָס זאָל איך דיר זאָגן אַ ליגן?

— און פאַרוואָס בראָטסטו נישט אָפּ די קאַרטאָפל?..

— הערסטו דאָך — ווערט דער יינג אין כעס — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז די אַלטע פּענטאַקעס לאָזן נישט צו צום פייער.

און פאַלק פאַרשעמט זיך, צוליב דעם וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַזאַ קלייניקייט. דער מוח איז אים אינגאַנצן געוואָרן טעמפּ, אַזוי ווי אַ ברעט און מער ווי אָפּגעהאַקטע זאַצן קאָן ער נישט אויפכאַפּן. פאַלק האָט נאָר געהערט די ווערטער: אַלטע פּענטאַקעס... הקדש... קאַרטאָפל... פייער...

— ס'איז אַ ביטער שטיקל ברויט—באַקלאָגט זיך דער יינג—נאָר וואָס זאָל איך טון? איך דאַרף דאָך צו עסן.

— עסן! עסן! — האָבן זיך אין פאַלקס מוח פּלוצים די געהירן אַ שאָט געטון, אַזוי ווי די געהירן וואָלטן געוואָלט אַראָפּשפּרינגען גלייך אין סאַמע זאַמד אַריין.

פאַלק מיטן יינג האָבן זיך דערנענטערט צו אַ שווער באַצווייגטן בוים. דער יינג, אַזוי ווי אַ געניטער מבין, האָט

אָנגעשטרענגט די ראיה צווישן די בלעטער, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט.

— וואָס זוכסטו אויפן בוים? — האָט פאַלק בייגיריק געפרעגט.

— וואָס איך זוך? נאַ, איך האָב שוין געפונען!

און פאַלקן איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, אַזוי ווי ס׳וואָלטן זיך ראַפּטעם אָנגעצונדן אַ סך עלעקטרישע פייערן.

— לענגאַלקעס! לענגאַלקעס!

פאַלק האָט זיך צעשריגן פון פרייד, ער האָט זיך צע־שריגן נישט מיט זיין קול. ווילד, ערבמשוגעתדיק, אַזוי ווי איינער וואָס טרינקט זיך און ער כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטיק האַרטע ערד.

— לענגאַלקעס!

דער יינג איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוים. ער האָט גע־ציפּט מיט ביידע הענט און גרינע, דראָבנינקע לענגאַלקעס, אַזוי ווי אַ רעגן, האָבן זיך אַראָפּגעשיט אויף דער ערד — זיי האָבן אַרויפגעקוקט צו פאַלקן מיט די קעפּלעך, מיט די בייכעלעך, מיט די שטערנקלעך...

פאַלק האָט זיך אַראָפּגעלייגט אויף דער ערד, ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זאַמד אַריין — גאָט! ער וועט נישט אוועקגיין פון דאַנען... ער דאַרף אָנלייגן אַ פולן בויך, ער מוז צעזעצט ווערן עסנדיק...

דער יינג איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים, ער האָט אַריינגעפּאַקט די לענגאַלקעס אין זאַק אַריין. פאַלק האָט נישט געהאַט קיין זאַק, האָט ער אָנגעשטופּט פולע קעשענעס, דערנאָך האָט ער מיט שטריקלעך פאַרבונדן די עקן פון די אָגוויצעס און אַריינגעשיט די לענגאַלקעס אין די הויזן אַריין... די לענ־גאַלקעס האָבן געקילט דאָס לייב, געקיצלט און פאַלק האָט געאָטעמט שטאַרקער, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים צוגעלייגט אַ קופּע שמעקעדיקע רומיאַנעק־בלומלעך צו דער נאָז.

די ערד האָט זיך ווידער געשפּאָלטן. אָט וועט זיך אַראָפּ־

לאָזן אַ גאַס און פאַלק מיטן יינג וועלן אַדורכגעווייקט ווערן, אַזוי ווי אָפּגעצוואָגענע קעץ. האָבן זיי גענומען גיך איילן אין שטאָט אַריין. דער יינג האָט געמאַכט גרויסע שפּרייזן, אַזוי ווי ער וואָלט געוויאָסלעוועט מיט אַ פּאָר לאַנגע וויאָס-לעס.

פאַלק איז נאָכגעלאָפן נאָכן יינג, נאָר דאָס פּעקל לענ-גאַלקעס האָט זיך כּסדר ביי אים געבאָמבלט אין די אָגוויצעס, פון וואָס פאַלק האָט געליטן שטאַרקע יסורים...

פאַלק האָט געזען ווי דער יינג לייגט טריט, גאָר נישט קיין מענטשלעכע, נאָר עפּעס אַזוי ווי אַ מזיק.

מיטאַמאָל:

— כ׳ליאַפּ! כ׳ליאַפּ!..

די יינגען האָבן זיך איינגעקאָרטשעט, געלאָפן אין דער פינצטערניש און איבער זייערע קעפּ איז יעדעס מאָל אויפסניי צעריבן געוואָרן אַ פרישער באַרג מיט שטיינער — אַ צונויפ-טרעף פון אוראַלטע סקאַלעס און פון די סקאַלעס האָבן זיך אויפגעהויבן שטיקער פייער און זיך אַדורכגעטראָגן אונטער די פיס פון די יינגען. יעדעס מאָל, ווען די ערד איז פריש אָנגעצונדן געוואָרן, האָט פאַלק פאַרקוועטשט מיט די אויגן, — ער האָט נישט געקאָנט זען ווי אַזוי די ערד פרעסט אויף מיט איין פרעס דאָס ששת-ימי-בראשיתדיקע פייער...

— קום, גיך! — האָט דער יינג געשריגן — לאָמיר זיך צושטעלן הינטער אַ בוים.

— מ׳טאָר נישט הינטער אַ בוים.

— וווּ דען?

— לאָמיר לויפן ווייטער. ס׳וועט זיין אַ כאַטע.

באַלד זענען זיי צוגעקומען צו אַ חורבה מיט אויס-געפליקטע פּיטרינעס. ס׳זענען דאָ געווען אַ סך ציגל, ברעטער, שטיינער, אָפּגעריסענע שטיקער פאַרזשאַווערט בלעך — פאַלק מיטן יינג האָבן זיך טאַקע באַהאַלטן אין דערדאָזיקער חורבה, אָבער דער שטורעם האָט זיך אויך דאָ זייער באַקוועם-

אַריינגעקריגן, ווייל די טירן זענען איינגאַנצן געווען אויסגע־בראָכן.

אין די לעכער, צווישן די ציגל, זענען געלעגן צוזאַ־מענגעקוועטשט און שטיל געפּישטשעט אַ קוואָקע מיט אַ צענד־ליק אָן־פעדערדיקע ציפּצעלעך... די עופהלעך האָבן זיך גע־שראָקן, ענגער זיך איינגעדרייט איינס אינם אַנדערן און זיך אַרונטערגערוקט אונטער די וואַרעמע פליגל פון דער קוואָקע.

נאָכדעם ווי דער רעגן האָט אויפגעהערט, זענען פאַלק מיטן יינג אַרויס פון דער חורבה. זיי זענען איצט געגאַנגען מיט פאַוואָלינקע טריט, נישט געאיילט און באַטראַכט די אַרו־מיקע געגנט. די פעלדער זענען געווען פריש און אָפּגעוואַשן און אויסגעזען אַזוי ווי אַ טשערעדע אויסגעצוואָגענע לעמער.

פּלוצים האָבן זיך די יינגען אָנגעשטויסן אויף סמנים פון די לעצטע מלחמה־שלאַכטן, וועלכע האָבן זיך דאָ אָפּגע־שפּילט אויף דעם אָרט. אין ביידע זייטן פעלדער, זענען אויף קורצע הילצערנע סלופּעס, געווען צעהאָנגען אַ געדיכטע נעץ פון שטעכעדיקע דראָטן און דערדאָזיקער געפלעכט פון דראָט־פּאַרצוימונגען, האָט זיך ערגעץ העט־ווייט אַוועקגעצויגן אי־בער דער גאַנצער ברייט פון די פעלדער.

פאַלק מיטן יינג האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין די שוץ־גרובן־קאָרידאָרן, שמאָל אויף איין מענטש אין דער ברייט, וועלכע זענען געווען באַשלאָגן אין ביידע זייטן מיט הילצערנע ווענט און זיגזאַגיק זיך ערגעץ אַוועקגעשלענגלט. פון די שמאָ־לע קאָרידאָרן זענען די יינגען אַריינגעפאַלן אין גרויסע בריווחדיקע אָקאָפּעס. אויף שריט און טריט האָבן זיי באַגעגנט שפּורן פון מענטשן, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג פון דאַנען אַוועק. אויף דער ערד, אין דער בלאָטע, האָט זיך געוואַלגערט אַ צעטרעטן פּודעלע פון פּאַפּיראָסן, פון סאַרדינן, אַן אויסגע־שמירטע צייטונג, אַ שטיקל צעפליקטע באַנדאַזש... פאַלק מיטן יינג האָבן זיך דאָ צעלייגט אַזוי ווי די באַלעבאַטים, זיי האָבן זיך אָפּגערוט פון וועג און געקייעט זויערלעך־האַרטע און גרינע לענגאַלקעס.

פאַלק מיטן יינג האָבן פאַרלאָזן די אָקאָפּעס און אַרויס אין דרויסן. אין דער דערקוויקנדיקער לופט האָבן זיי זיך פּלוצים צעזונגען:

דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס,

א—י—ב—ע—ר אַ—ל—ע—ס!

ווידער אַמאָל האָבן די יינגען געשפּריזט אויפן שאָסיי. דאָס וועטער האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון האָט געשיט מיט קופּעס ליכט איבער זייערע קעפּ.

כאָטש פייוויש איז בלינד אויףביידע אויגן, מיט אַ געשטופּלט פּנים אַזוי ווי אַ ריבאייזן, פילט ער זיך דאָך אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער בעל־הבית איבערן הקדש. אַז פייוויש ווערט אין כּעס, לויפן די פאַרגלייזטע ווייסלען הין־און־צוריק אין די גריבער, אַזוי ווי צעשראָקענע קעץ און דאָס שפּיציקע בערדל טאַנצט נערוועז אונטער אויף דער גאָמבע און אַ סך מאָל בלייבט עס אַזוי שטיין פאַריסן, מיט אַן אויפגעהויבענעם שפּיץ צום באַלקן.

— זאָל זיין שטיל, זאָל זיין! — האָט פייוויש געשריגן אין רעדל אַריין און געפּויקט מיטן שטעקן אָן דער פּאָדלאָגע.

דער בלינדער פייוויש איז געמיטלעך געזעסן ביים טיש און געציילט דאָס דראָבנע פון איין האַנט אין דער אַנדערער, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט דאָס אַוועקצולייגן אויפן טיש. האָט ער פּאַוואָליע געטאַפּט מיט די פינגער און לויט דער גרייס דערקאָנט דעם ווערט פון יעדער מטבע.

און אַז פייוויש איז נישט געווען זיכער צי די מטבע איז טאַקע פון דעם ווערט, אַזוי ווי ער מיינט, האָט ער אַרויף געטון פאַלקן:

— הער נאָר, דו, קום נאָר אַהער!

פאַלק האָט שוין געוווסט צו וואָס דער בלינדער פייוויש רופט אים, דאָך האָט עס אים געשראָקן. יעדערס מאָל, ווען פאַלק האָט זיך דערנענטערט צום בלינדן, האָט ער געהאַט

דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט הייבט יענער אויף דעם שטעקן און לאָזט אים אַראָפּ איבער פאַלקס קאָפּ.

האָט זיך פאַלק אומגערן צוגעשאַרט.

— ווו ביסטו, יינג!

— דאָ שטיי איך, ר׳ פּייוויש!

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער בלינדער און האַלט די מטבע צווישן די פינגער, אַזוי ווי אַ רינגל.

— ווייזט נאָר אַהער, — זאָגט פאַלק.

— קאָנסט אַזוי אויך זען!—עקשנט זיך איין פּייוויש און האָט מורא אַרויסצוגעטרויען פאַלקן די מטבע פון דער האַנט אַרויס.

— פינף פעניג.

— פינף פעניג? — חדושט זיך דער בלינדער פּייוויש — אָ, וואו! און איך האָב געמיינט... זע נאָר, פאַלק, און דער פינפער איז טאַקע נישט גלאַטיק?

— ער איז נישט גלאַטיק.

פּייוויש פּאַקט פאָרזיכטיק אַריין דאָס קליינגעלט אין אַ לייווענטן טאָרבעלע אַריין און הענגט עס אָן אויפן האַלדז. אַז דער בלינדער דערפילט דאָס שווערע טאָרבעלע אויפן ביינערדיקן און האַריק־באַוואַקסענעם ברוסט־קאַסטן, ווערט ער רויק. ער בלייבט דאַמאָלס זיצן שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט געטראַכט אָדער ערגעץ ווייט געקוקט דורכן פענצטער.

מיטאַמאָל:

— פאַלק!

— וואָס איז, ר׳ פּייוויש?

— ביזט דאָ, פאַלק?

— כ׳בין דאָ!

— פאַרוואָס גייסטו נישט צו, פאַלק?

— כ׳גיי, ר׳ פּייוויש.

פּייוויש האָט עפּעס געוואָלט זאָגן פאַלקן, נאָר ער איז נישט געווען דרייסט.

— ביזט הונגעריק, פאַלק?

— כ׳בין נישט הונגעריק.
— און ווי ביזטו געווען אַ גאַנצן טאָג ?
— אין שטאָט.
— האָסט עפּעס געשאַפן? — פאָרשט אים פייוויש.
— ניין.
— גאָרנישט ?
— גאָרנישט...

פייווישס פאַרוואָלקנט פּנים איז געוואָרן ערנסט.

— זעסטו, פאַלק, ביזט נישט קיין לייט — מוסרט אים פייוויש — אויף מיינע נאמנות, ווי דו ביזט נישט קיין לייט. שלעפּסט זיך אַרום איינער אַליין, קיינער גיט נישט אַכטונג אויף דיר, און וואָס וועט פון דיר ווערן ?

— איך ווייס, ר׳ פייוויש, וואָס פון מיר וועט ווערן ?..— ענטפערט פאַלק תמימותדיק.

— אַז דו ביזט אַ נאַר, אַ בהמה, אַ פערד — נעמט זיך ייוויש מוט און שיט שוין אויס אַביסל פּאָטערלעכע שטראָף-רייד — אַ יינג זעט אַז מ׳קאָן זיך נישט קיין עצה געבן, קומט מען צו צו אַ ייד, טאַקע צו אַזאַ פייווישן און מ׳זאָגט: „ר׳ פייוויש, נעמט מיך מיט״. וואָלט איך דיך נישט מיטגענומען? אַוודאי וואָלט איך דיך מיטגענומען און וואָס וואָלט דיר דאַמאָלס געפעלט? האַ? סיידן, פויגל-מילך... וואָלסט דאָך גאָר געוואָרן אַ מענטש, אויף מיינע נאמנות !..

פאַלק איז אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן, ער איז נאָך געשטאַנען און געקוקט אויף פייווישס שמאָלע שפּעלטלעך אין די אויגן, פון וואַנען ס׳האָבן אומהיימלעך אַרויסגעבלינצלט די איבערגעשראָקענע ווייסלען, אַזוי ווי מאַטע, אָפּגעריבענע שייבלעך.

אין הקדש איז געווען אַ גערויש. אורחים האָבן זיך צעלייגט מיט די פּעקלעך. מ׳האָט געשיילט קאַרטאָפל, געוואַשן און געטרונקען אַניצעס, געשמועסט, געזידלט זיך. דאָס הקדש האָט דאַמאָלס אויסגעזען, אַזוי ווי אַ גרויס איינפאָרהויז און

די אַלע פאַרשוינען — אָנגעפּאָרענע סוחרים, ביי וועמען דער מסחר ברענט אונטער די הענט.

פאַלק האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין יעדן רעדל אַריין, ווי ס'איז געווען שטאַרק אָנגערייכערט און ס'האָט געשטונקען פון ליולקעס. אָבער באַלד האָט אים די דעמפּיקייט געעקלט. אומ- דערטרעגלעכער זענען געווען די אַלטע פּענטאַקעס, די גריינ- גראָע, זיי — מיט זייער חוצפּה און צום קליינוואַרג האָבן זיי זיך באַצויגן מיט רשעות, אַזוי ווי וואַלד-גזלנים.

האָט פאַלק זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט. ער, פאַלק, האָט נאָך נישט קיין דעה — ער איז אַ פרעמדער און דאָס אַלטוואַרג וועט אים צערייבן אויף קאַשע.

פלוצים:

— פאַלק, ביזט דאָ?

— כ'בין דאָ.

— קום נאָר אַהער.

— כ'שטיי שוין נעבן אייך, ר' פּיוויש.

און פּיוויש האָט אָנגעהויבן געלאַסן:

— כ'האָב זיך טאַקע מישב געווען, פאַלק. וועסט מיטגיין מיט מיר, וועסט זיין ביי מיר אַזוי ווי מיין אייגן קינד, אויף מיינע נאמנות, אַזוי ווי מיין אייגן קינד. איך דאַרף נישט אַז די זאָלסט שווער אַרבעטן, חלילה! דיין זאַך איז נאָר, אַז דו זאָלסט מיך פירן און ווייטער גאָרנישט. עסן, וועסטו עסן בע- סער פאַר מיר. דו דאַרפסט נאָר מיך פאָלגן און דרך-ארץ האָבן.

פאַלקן האָבן גערירט פּיווישס רייד. ער וואָלט נישט געגלויבט, פאַלק, אַז אָט דער בלינדער, וואָס זעט אויס אַזוי ווי אַ בייזער שד, זאָל קאָנען זיין אַזאַ גוטער. און פאַרוואָס זאָל טאַקע פאַלק נישט גיין מיט אים, מיט פּיווישן? וואָס איז? —

און פאַלק האָט מסכּים געווען.

— גוט, ר' פּיוויש, גוט. פון מאָרגן אָן גיי איך מיט אייך!

פייוויסס געשטופּלט פּנים האָט מיטאַמאָל גענומען גלאַנצן און ס׳האָט אויסגעזען, אַזוי ווי פייוויש וואָלט אָפּגעטון אַ גאָר גרויסע העלדישקייט, פון וואָס ער, פייוויש, איז זייער צו־פרידן.

— אָט אַזוי, ביזט פאַרט געקומען צום שכל. וואָס דען?

און פאַלק האָט זיך פון איצט אָן כסדר געדרייט אַרום פייווישן. ער, פאַלק, האָט געפילט, אַז ער איז שוין מער נישט אין זיין אייגענעם רשות, דערפאַר איז ער אָבער מער נישט הפקר, ער האָט אַ בעל־הבית, וועלכער וועט זיך פאַר אים אָננעמען און אים באַשיצן פאַר די קלעפּ פון די אַלטע פּענ־טאַקעס.

אויך פייוויש איז געוואָרן ביי זיך מוטיקער, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ייִנג איז איצט געוואָרן זיין אייגנטום, זיין — אַזוי ווי דער שטעקן, אַזוי ווי די טאָרבע, אַזוי ווי די מטבעות... ער קאָן מיט אים שאַפן, געוועלטיקן, טון מיט אים וואָס ער וויל... און ביי פייווישן האָט פּלוצים אויפגעוואַכט דאָס געפיל פון אַ הערשער און ער האָט אַ זאָג געטון:

— פאַלק, גיב נאָר אַ צי אַראָפּ די שטיוול!

— פאַלק האָט זיך אַראָפּגעלייגט אויף דער ערד און אַראָפּגעצויגן דעם בלינדן פייווישן די שטיוול.

אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אויף פאַלקס אַקסל, אַזוי, אַז פאַלק האָט זיך אַזש אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, איז דער בלינדער פייוויש געגאַנגען איבערן שטעטל. אויף זיין עקלדיק געשטופּלט פּנים מיטן שפּיציק־אויסגעקראָכענעם בערדל, איז איצט געלעגן אַן אומצופרידנקייט. פייוויש האָט עפּעס אַריינ־גערעדט אין פאַלקן אַריין, נישט אַזוי גערעדט, ווי באַוועגט מיט די ליפּן — שטיל, אָן אויפהער, אַזוי ווי דאָס פרייכן פון אַ זשאַבע אויף דער טריקעניש...

פאַלק האָט נישט געענטפערט. און אפשר האָט ער גאָר מורא געהאַט צו ענטפערן, אַז ער זאָל נישט אַריינברענגען

פייוישן אין דער רציחה? אַז פייוויש ווערט אין כעס, הייבט ער אויף דעם שטעקן, מיט וועלכן ער פרוווט די גאַנצע צייט די טיפקייט פון ברוק און וואַרפט זיך אויף פאַלקן. פאַלק רייסט זיך אָבער אויס און ווערט אַזוי אַרום ניצול פון די קלעפּ.

דאַמאָלס איז זיך פייוויש מישב, ער האָט מורא, אַז דער יינג זאָל אים נישט אַנטלויפן, מאַכט ער צוריק שלום מיט פאַלקן.

— קום אהער, בענקאַרט, כ׳וועל דיר גאָרנישט טון.

נאָר פאַלק רירט זיך נישט. פאַלק שטייט און ציקט מיט די אַקסלען — ער איז צופרידן פון דעם, וואָס פייוויש קאָן זיך אָן אים נישט קיין עצה געבן און מוז אים איבערבעטן. פייוויש ווערט אָבער אומרויק און ער וויל וויסן צי איז נישט אַמאָל דער יינג אַנטלאָפן און ער צעשרייט זיך:

— פאַלק, פאַלק! אַהער גיי!

— איך וויל נישט. איר׳ט מיך שלאָגן.

— אויף מיינע נאמנות, ווי כ׳וועל דיך אַפילו נישט אָנרירן. — בעט זיך פייוויש.

גייט פאַלק פאַרזיכטיק צו, ער שטעלט אונטער אַן אַקסל און פייוויש נעמט אים מוסרן:

— ביזט אַ נאַר, אַ בהמה, אַ פערד! צו וואָס טויגסטו, צו וואָס? שטופּסט מיך אַריין אינעווייניק און אַליין אַנטלויפסטו. וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנטלויפן? מ׳דאַרף זיך אָוועקשטעלן, מ׳דאַרף רעדן... וואָלסט באַדאַרפן זען, פאַר דיר האָב איך געהאַט אַן אברהמלע, איי, איז דאָס געווען פייער! אויף מיינע נאמנות, ווי פייער... פון טויט און פון לעבעדיק! וואָס דען?..

— איז פאַרוואָס עמט איר זיך נישט אַברהמלען? — שטעלט זיך איין פאַלק. ב

פייוויש בלייבט אין פאַרלעגנהייט, פון וואָס מ׳קאָן דער־קאָנען אָן זיינע אַפּלען, וואָס טאַנצן אַרום אַזוי ווי בייזע, איבערגעשראָקענע קעץ.

— ער איז אַנטלאָפן, דער טמזר.

— פאַרוואָס האָט איר אים געשלאָגן מיטן שטעקן ?

— איך האָב אים געשלאָגן ? כ׳האָב אים נישט געשלאָגן — פרווט זיך פייוויש פאַרענטפערן — אויף מיינע נאמנות, ווי נישט. ער איז אַנטלאָפן, ווייל ס׳איז אים געווען צו גוט, ווייל איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ מענטש.

ביידע האָבן געשוויגן. נאָר אין די ווינקלען אַרום פאַלקס מויל האָבן זיך באַהאַלטן אַ סך יסורים...

ווידער זענען זיי צוגעקומען צו אַ טיר. פאַלק האָט זיך ראַפּטעם צוריקגעצויגן, ער האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט ; אַז דאָס פּנים ווערט אים באַדעקט מיט פייער און דאָס בלוט ווערט אים געזעצט אין די אָדערן. נאָר דער בלינדער איז געווען תקיף — ער גיט פאַלקן צו עסן... און פייוויש האָט מיט די פינגער שאַרף זיך איינגעקלאַמערט אין די קליידער אויף פאַלקס אַקסל און אַזוי אַרום אים אַריבערגעשלעפּט איבער דער שוועל פון געוועלב.

— דער יינג איז נאָך נישט געגיט — האָט פייוויש גע-לאַכט אין דער מחשבה — איז ער שוין אָבער געקומען אויף דעם ברויט, דער יינג, וועט ער זיך צוגעוווינען.

און פייוויש האָט טאַקע דרעסירט פאַלקן אַזוי ווי אַ הונט, געלאַסן, איינגעעקשנט, מיט אויסדויער...

מיט יעדן אַריבערגעגאַנגענעם טאָג האָט פאַלק אַלץ מער דערפילט דאָס אכזריות פון בלינדן. פייוויש האָט געהאַט אַ מאָדנע הנאה פון פייניקן דעם יינג און דער יינג איז איינ-געשרומפּן געוואָרן אונטער דער לאַפּע פון בעל-הבית.

פאַרנאַכט, ווען פייוויש מיטן יינג זענען אַריינגעקומען אין הקדש אַריין, האָט ערשט פייוויש פרייער אָפּגעאָטעמט — דאָ האָט ער זיך געפילט זיכערער. ער האָט זיך דאַמאָלס ברייט צעזעצט אויפן בענקל, אַזוי ווי קיינער וואָלט שוין אין הקדש נישט געווען, נאָר ער אַליין און אויסגעגאָסן זיין ביטער הארץ פאַר די אורחים :

— אַזאַ יינג, שעמען אין זיין ווייטן האַלדז אַריין דאַרף ער זיך, אויף מיינע נאמנות. וואָס פאַר אַ שלעכטס טו איך

אים? ווילסט עסן? עס! עס צעזעצטערהייט! ווילסט טרונקען? טרונק! ווער דערטרונקען! נאַר אַרבעט! וואָס מיינט ער, אַז ער איז פון די שקאָלעס? ער זאָגט מיר, אַז איך האָב פאַריאָגט אַברהמלען.

— ווער דען האָט אים פאַריאָגט? איך? איר האָט אים נישט באַדאָרפן שלאָגן מיטן שטעקן.

— זאָלסט אַזוי געזונט זיין, — צעקאָכט זיך פייוויש — בענקאַרט! איך האָב אים פאַריאָגט?..

און אין הקדש ווערט היימלעך. די אורחים האָבן וועגן וואָס צו רעדן און ס'הייבט זיך אויף אַ גערויש, אַזוי ווי אויף אַ יאַריד: מ'קלאַפּט מיט קוליעס, מ'גרעגערט, מ'פּאָנ־פערט...

פאַלק פילט, אַז ער האָט אויפסניי דערצערנט פייווישן און ער גייט נישט צו.

אין אַ מינוט אַרום:

— פאַלק!

— פאַלק שווייגט.

פאַלק, ביזט דאָ?

— כ'בין דאָ.

— קום אַהער!

— איר'ט מיך שלאָגן.

— אויף מיינע נאמנות, ווי כ'וועל דיך נישט שלאָגן.

— לייגט אַוועק דעם שטעקן.

פייוויש לייגט אַוועק דעם שטעקן פון דער האַנט אַרויס, ווי אַ זעלנער, וואָס וואָלט מיטאַמאָל עמעצן אָפּגעגעבן די ביקס.

פאַלק צעשמייכלט זיך.

— מאַך אַ גלעזל טיי.

פאַלק באַוועגט זיך נישט זיכער, מיט פוילע באַוועגונגען.

שפּעטער־צו, ווען דער עולם האָט זיך שוין אויסגעצויגן אויף די נאַרעס און געכאַפּט דעם ערשטן דרימל און אַז אויך פייוויש האָט געשנאָרכט מיט די נאָז־לעכער — איז פאַלק אַראָפּ

פון געלעגער, פּאַוואָליע אויפגעעפנט די טיר און אַרויס אין דרויסן אַרויס.

פאַלק האָט זיך פאַרהאַלטן, ער האָט געזען דעם שאָסיי מיט די פעלדער, באַלד האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און דאָס לעצטע מאָל אַרייגעקוקט אין הקדש אַריין. ער האָט געזען פּייווישן, וועלכער איז געלעגן רויק מיטן פּנים צו דער וואַנט און גאָרנישט געוווּסט פון זיין אומגליק.

— פאַלק, אַנטלויף! — האָט עס פאַלקן אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין.

פאַלק האָט פאָרזיכטיק פאַרמאַכט די טיר, דערנאָך זיך שנעל אָפּגעריסן פון אָרט און פאַרשווונדן ערגעץ אין דער נאַכט אַריין.

די ביימער אין ביידע זייטן שאָסיי האָבן גערוישט אין דער פינצטערניש און צוגעגעבן פאַלקן אימפּעט וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דאָזיקן אָרט. פאַלק וויל זיין וואָס ווייטער פון פּייווישן, וואָס ווייטער — ער וויל אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין, פּייוויש זאָל אים מער נישט באַגעגענען, אַזוי ווי ער באַגעגנט מער נישט אברהמלען.

איבער פאַלקס קאָפּ איז אַרויסגעשווומען די לבנה און אויפן שאָסיי איז געוואָרן העלער. די לבנה איז מיטגעגאַנגען גלייך מיט פאַלקן, געשפּרייזט פאָרויס, אַזוי ווי זי וואָלט אויך אַנטלאָפן פון בלינדן פּייוויש...

פון די פּויערשע כאַטעס האָט זיך אַרויסגעטראָגן דאָס געבילן פון הינט. דאָס געהייל צוזאַמען מיטן אָפּהילך פון ערגעץ אַ פור האָט זיך צעלייגט איבער די פעלדער.

פאַלק איז געוואָרן מיד. די פיס האָבן זיך אים געבראָכן פון גיין, אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעקראָכן איבער דער שטאָט מיט פּייווישן. אָבער פאַלק וועט נישט אָנקלאַפּן צו אַ פּויער, די הינט וואָלטן אויף אים געוויס אַרויפגעשפּרונגען און אים צעפליקט אַזוי ווי אַ הערינג.

באַלד האָט פאַלק באַמערקט איבערן רווו קופּעס אויפ־געשטעלטע ציגל און די ציגל האָבן אויסגעזען, אַזוי ווי פּינצטערע ווענט פון אַ חורבה. נאָר פאַלק האָט גאָרנישט גע־אַרט. פאָרזיכטיק און געשיקט ווי אַ שטשאָר, האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין דער מיט פון דער קופּע ציגל אַריין, גע־לייגט זיך מיטן פּנים אַרויף און כּסדר געקוקט אין דער לבנה אַריין.

פאַלק האָט געזען ווי די ציגל הענגען איבער זיין קאָפּ אַריבער, אָט־אָט וועלן זיי זיך אָפּרייסן און אַראָפּפאַלן...

פאַלק האָט זיך אויפגעשטעלט. צי איז עס פון אימה?— ניין! נאָר ער קאָן זיך אָפּזוכן אַ צווייט געלעגער. צווישן דער געדיכטעניש פון שאָטנס, האָט זיך פאַלק געשאַרט איבער די פעלדער, יעדער מאָל מיטן פוס זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ שטיין און די פעלדער האָבן געשוויגן מיט אַן אומבאַגרייפלע־כער שטילקייט.

ביים ליכט פון דער לבנה האָט פאַלק באַמערקט אַ גרוב. דאָ אַז ער וועט זיך אַריינלייגן אין דאָזיקן גרוב אַריין, וועט אים קיינער נישט באַמערקן, אפילו נישט קיין הונט און פאַ׳ק וועט זיך טאַקע קאָנען אויסרוען און שלאָפן, אַזוי ווי אַ גראַף...

פאַלק האָט זיך אַריינגעלייגט אין גרוב אַריין, גוט זיך אַריינגעפּאַקט און אַרונטערגעקוועטשט דעם קאָפּ, כּדי דער קער־פּער זאָל זיך נישט אַרויסזען איבער דער פלאַך פון די פעל־דער.

אָבער פאַלק האָט זיך מאָמענטאַל צוריק אויפגעכאַפּט, באַטראַכט די ערד און זיך צוריק אויפגעהויבן. דער גרוב איז געווען פון פייכטן ליים און פאַלק האָט נישט געקאָנט פאַר־טראָגן די קעלט. וועט פאַלק זוכן אַן אַנדער געלעגער. נאָר קיין בעסערס ווי דעמדאָזיקן נאַסן ליים־גרוב האָט פאַלק נישט געפונען, האָט ער גענומען, פאַלק, און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ פייכטן און קילן טוי. פאַלק האָט זיך געלייגט אויף אַ זייט. ער האָט אונטער־

געשפּאַרט די לינקע האַנט, נאָר די גראָזן האָבן אים נישט גע־געבן קיין רו — זיי זענען פאַרקראָכן אין האַלדז אַריין, אין נאָז אַריין, זיי האָבן געקיצלט און אויפגערייצט פאַלקן.

אָבער פאַלק איז פאָרט איינגעשלאָפן. ער איז געווען פאַרפּייניקט און געשלאָפן אַזוי ווי געהרגעט.

באַגינען האָט זיך פאַלק אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין. ער איז געווען אַזוי ווי מבולבל און נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס מיט אים איז געשען. פאַלק האָט זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן פון דער ערד. די מלבושים און דאָס לייב זענען געווען אַדורכגעווייקט, אַזוי ווי פאַלק וואָלט אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אין אַ טייך. אין דער לינקער האַנט, וועלכע איז גע־ווען אונטערגעשפּאַרט צוקאָפּנס און אויך אין דער לינקער זייט פון גוף, האָט זיך אים אַריינגעלייגט אַ שטעכעדיקער פּאַראַ־ליזש.

פאַלק האָט געוואָלט אויפהייבן די האַנט אין דער הויך, נאָר ער האָט נישט געפילט זיין האַנט — אויפן דאָזיקן אָרט איז בלויז נאָכגעהאָנגען אַ פרעמדע זאַך און אינעווייניק אין דער זאַך, האָבן אַזוי ווי געראַיעט אַ מחנה פייערדיקע ווערעמלעך, געלאָפן בליץ־שנעל אַראָפּ און אַרויף, זיך צעקראָכן איבער אַלע אברים און פאַלק האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט פון יסורים:

— א—ו—י—י!... א—ו—ו—י—י!... — האָט פאַלק שווער געקרעכצט און זיך ווילד געדרייט אויף איין אָרט, אַזוי ווי אַן אָפּגעבריטער, דערביי האָט ער געפילט, אַזוי ווי עמעץ וואָלט גענומען און אים צוגעקוועטשט ביים האַלדז, ביז צום דערשטיקט ווערן.

אַז די ווייטיקן האָבן פאַלקן אַביסל אָפּגעלאָזן, האָט ער זיך ערשט אַליין באַטראַכט: — די רעכטע זייט מאַרינאַרקע און הויזן זענען געווען טרוקן און העל און לייכט און די לינקע זייט — נאַס, טונקל און געהאָנגען אויף אים, אַזוי ווי אַ באַרג מיט שטיינער.

פאַלק האָט געציטערט פון קעלט, נאָר אין אַזאַ מעמד

האָט ער נישט געקאָנט גיין אין שטאָט אַריין און פֿאַלק האָט דעריבער געוואַרט אויף טאָג.

ווען ס'איז געוואָרן גוט ליכטיק און די שטראַלן, אַזוי ווי סנאָפּעס גאָלד, האָבן זיך צעלייגט איבער דער ערד — האָט זיך פֿאַלק אַוועקגעשטעלט טרוקענען אויף דער זון. פֿאַלק האָט זיך מחיהדיק אויפגעוואַרעמט און דערפֿילט אַ דערקוויקונג אין אַלע זיינע ביינער.

פֿאַלק האָט זיך אַריינגעשלעפּט אין שטאָט אַריין, אָבער נאָך ווייט, העט אויפן שאָסיי, האָט ער דערפֿילט משונהדיקע ווייטיקן אינם לינקן פֿוס. אַז פֿאַלק האָט געוואָלט שטעלן אַ טריט, זענען די אָדערן — פֿון די פֿינגער ביז צום קנעכל — אָנגעבלאָזן געוואָרן, אַזוי ווי שוואַרצע גומענע רערלעך און פֿאַלק האָט געליטן שטאַרקע יסורים. האָט זיך פֿאַלק צוגעזעצט, אַראָפּגעהאָנגען דעם פֿוס אין רוו אַריין און געוואַרט, נאָר ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, געוואָלט אַ שפּרייז טון, האָט ער ווידער דערפֿילט אַ שטעכעדיק פֿייער ביז אַרויף צו די קניען און פֿאַלק האָט זיך צונויפֿגעדרייט, אַזוי ווי אַ בייגל, אַראָפּגעלאָזן זיך צו דער ערד און פֿעסט איינגעריבן דעם פֿוס מיט טרוקענעם, בריעדיקן זאַמד.

מיטאַמאָל האָט זיך פֿאַלקס פֿוס איינגעקאָרטשעט אין דער פֿאָרם פֿון אַ צונויפֿגעלייגטן פֿליגל און פֿאַלק האָט זיך דאַמאָלס צונויפֿגעקראַמפּט אין אַ קנויל, געכאַפּט די קני אין מויל אַריין, געלעקט און געביסן ביז בלוט און זיך צעהיילט נישט מיט זיין קול.

פֿאַלק האָט זיך געטאָרעט אויף דער ערד, געשלאָגן מיט די פֿויסטן אין זאַמד אַריין, געוויינט און די זון האָט געשמיסן אין לייב אַריין מיט פֿייערדיקע פֿרענגעס.

פֿאַלק האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן רעכטן פֿוס, דעם לינקן פֿוס גענומען אין דער האַנט אַריין און אַזוי ווי אַ זשאַבע אונטערגעטאַנצט און זיך צוגעז-

שלעפּט צום שטעטל. יעדערס מאָל, ווען פאַלק איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן שאָסיי און דערנאָך אויפסניי גענומען מאַכן דידאָזיקע קאָמישע באַוועגונגען.

ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הייזלעך, איז מיט־אַמאָל אַראָפּגעפאַלן אַ דראָבנער רעגן און די גאַסן זענען גע־וואָרן ליידיק — קיינער האָט צוליב דעם נישט געזען, ווי אַזוי פאַלק איז אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין. אין מיטן מאַרק האָט זיך פאַלק צוגעשטעלט, ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט דערהאַלטן אויף איין פוס און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן האַרטן ברוק, וועלכער איז איצט — נאָכן רעגן — געווען אויסגעשמירט און בלאָטיק.

קוים איז אין שטעטל ווידער געוואָרן לעבעדיק, האָט זיך פאַלק געוואָלט אויפשטעלן און אַריינשאַרן זיך ערגעץ אין אַ ווינקל אַריין, נאָר פאַלק האָט זיך מער נישט געקאָנט אונ־טערהייבן: דער פוס איז געלעגן ווי אַ שטיין און ביים מינדסטן ריר האָט זיך פאַלקן אויסגעדאַכטן אַז ער ווערט משוגע פון יסורים.

אַרום פאַלקן האָט זיך צונויפגעקליבן אַ רעדל נייגיריקע, מ׳איז געלאָפן אויף ביין־ווונדער און דאָס געסל איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן.

פאַלק האָט געזען וואָס דאָ טוט זיך, ער האָט זיך גע־שעמט עמעצן צו קוקן אין די אויגן אַריין און איינגעגראָבן דאָס פנים אין דער ערד.

— ווער איז דאָס יינגל? — האָט עמעץ געפרעגט.

— אַ בעטלער.

אַ ייד האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו פאַלקן:

— פון וואַנען ביזטו, יינגל?

פאַלק האָט נישט געענטפערט.

— ווי הייסטו, יינגל?

פאַלק האָט נישט געענטפערט.

— הייבט מיך אויף — האָט פאַלק זיך געבעטן און

אויסגעשטרעקט די הענט צו די מענטשן — טראָגט מיך אַריין אין אַ תּריז!

אָט איז אונטערגעשפּרונגען עפּעס אַ יינגערמאַן, מיט פּאות, מיט אַ בערדל אויסגעשיט אין סאַמע האַלדז אַריין און מיט אַ היטעלע, וואָס איז געזעסן אויפן שפּיץ־קעפּל, אַזוי ווי אַ ריינדל און ס'האָט זיך געשפּירט פון אים אַ ריח פון מקוה־וואַסער; צעשראָקן אַזוי ווי אַ האָז, האָט ער זיך אַריינגעפּאַקט אין רעדל אַריין און געקאָמאַנדעוועט:

—מ'דאַרף אַ קוק טון צי דער יינג גייט אָנגעטון אַ טלית־קטן.

— אמת, אמת, — האָט דער עולם אונטערגעכאַפּט — אוודאי צוליב דעם...

און עטלעכע פרומע יידן, אַפילו יידענעס — צדקניות, טאַבאַק־שמעקערינס, אַלע מיט נערוועז־אומרויקע אויגן, האָבן זיך גיך אַ לאָז געטון צו פאַלקן, זיי האָבן זיך אַראָפּגעבויגן אויף דער ערד און ביינערדיקע פינגער זענען פיבערהאַפּט געלאָפן איבער קנעפּלעך פון פאַלקס מאַרינאַרקע, איבערן וועסטל און די דאַרע, שפּיציקע פינגער זענען פאַרקראָכן אין העמד אַריין און דאָרט געקיצלט דאָס לייב...

פּלוצים האָט דער עולם פאַרבראָכן מיט די הענט, אַזוי ווי ס'וואָלט אומגעריכט אַראָפּגעפאַלן פון הימל אַ גרויס אומגליק:

— אָן אַ טלית־קטן!

— טאַקע?

— אַזוי ווי כ'בין אַ ייד!

— איי־איי־איי....

און דאָס אויסגעווייקטע קעסט־איידעמל, פון וועלכן עס האָט זיך געשפּירט מקוה־וואַסער, האָט אַריינגערעדט אין פאַלקן אַריין:

— בחור, ווו האָסטו דעם טלית־קטן?

פאַלק האָט געגע'יט פון חרפּה, אַ פאַרפייניקטער האָט

ער זיך געדרייט אַזוי ווי אַ וואָרעם און קוים אַרויסגע־קרעכצט:

— כ'בין נישט שולדיק. טשעפּעט מיך נישט. שלאָגט מיך נישט. כ'האָב נישט געהאַט קיין ווערש... שוין אַ לאַנגע צייט זיך אַפילו נישט אויסגעטון... זענען די ציצית פּסול געוואָרן...

— אַהער ברענגען אַ טלית־קטן! — האָט איינער אויס־געשריגן אין רעדל אַריין.

דער עולם, אַזוי ווי נאָך אַ לויה, איז זיך פּאַוואָליע פונאַנדערגעגאַנגען. אַנדערע זענען שטיל געשטאַנען און גע־וואַרט אויפן טלית־קטן, — נאָר צו פאַלקן האָט מען זיך דער־ווייל נישט צוגערירט, אַזוי ווי עס וואָלט אין דער בלאָטע געלעגן, נישט אַ לעבעדיק נפש, אַ קינד פון אַ מאַמען, נאָר אַן עקלדיק־אָפּגעשינדענע נבלה...

פאַלק האָט זיך שטאַרקער צונויפגעדרייט פון יסורים, געביסן און געלעקט דאָס לייב אין אַזוי ווי אַ פאַרווונדעטער הונט, אַריינגעוויינט זיין געוויין אין דער ערד אַריין.

ד ר י ט ע ר   ט י י ל

דער נאַסער שניי, וועלכער האָט זיך מיט אַזאַ אימ־פעט אַריינגעריסן אין דער נאַכט אַריין און זיך אויס־געמישט מיט די צעיאָרגעטע בלאָטעס אויף דער ערד, האָט זיך דאָ, אין הקדש נישט אַריינגעטראָגן. די אורחים, געשיצטע פון ווינט, זענען איצט געזעסן הינטער אַ צוגעלענטער טיר און געמיטלעך געשמועסט. דער טונקעלער שאָטן פון נישט אָנגעצונדענער לאָמפּ, אויסגעמישט מיט דער בלאָער פאַרב פון די ווענט, האָט מלחמה געהאַלטן מיט אָנגעשאַרפטע פּאַסן ליכט, וואָס האָבן היימלעך אַרויסגעצינגלט פון צעעפנטן, איינגעהייצטן אייוועלע אַרויס.

די אורחים, עלטערע מענטשן, האָבן אין אַ קראַנץ באַרינגלט דאָס צעפלאַקערטע אייוועלע, אַריינגעוואָרפן זייערע בליקן דורכן אויפגעפּראַלטן טירל אין פייער אַריין און לויטן באַוועג פון זייערע קעפּ, זענען זייערע פּנימער יעדערס מאָל פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ פרישער כוואַליע צעהעלטער בלאָקייט אָדער שאָטן, דערביי האָט דאָס רעדל צעליולקעטע זקנים גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַ צונויפגעטוליעט קופּקעלע מאַט־ראָזן, ביי דער נאַכט, ערגעץ אויפן דעק פון אַ שיף אָדער אַ חברה אויסגעפרוירענע פישער ערב פאַנג פאַר זייערע כאַטעס.

אויף די הילצערנע צונויפגעקלאַפּטע נאַרעס, וועלכע האָבן פאַרנומען כמעט אַ העלפט פון דאָזיקן ענגען חדרל, זע־

נען געלעגן אין אַנטועכץ און אויך האַלב-אויסגעטועטע איינגעדרייט אין זייערע אייגענע בגדים א כאַפּטע בעטלער; מידע פון א גאַנצן טאָג וואַנדערן און אויסגעפּאַטשטע פון זאַוויערוכעס, זענען זיי צוגעפאַלן צו די האַרטע ברעטער אַזוי ווי די פּגרים.

אויף דער אויסגעפּליקטער פּאָדלאָגע האָבן האַלב-שלאָפנ-דיקע, אויסגעשמירטע, אָפּגעשליסענע, זיך אַרומגעוואַלגערט דאָס קליינוואַרג; זיי זענען אומפּאָרמיק, מיט אין אומאָרדענונג צע-וואָרפענע הענט און פיס, געלעגן צעשליידערטע אין די ווינק-לען, אונטערגעשפאַרט די האַרטע פּעק אונטער זייערע קעפּ-לעך.

פאַלק האָט פאַרצלמט די פיס און אַזוי ווי אַן אַראָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני צו דער ערד. ער איז שטיל געזעסן אין דער זייט ביי די בעטלער און אַזוי אַריינגעקוקט אין זייערע אויסגעלאָשענע, מאַטע אויגן אַריין, באַרייפלט מיט אַן אַ שיעור טיפע קנייטשן. דידאָזיקע געדיכטע פאַלדן אונטער זייערע ברעמען און שטערנס, האָבן דערציילט פון אַ סך אי-בערלעבונגען און יסורים. נישט אַלע זענען זיי דאָ בעטלער פון קליינוויז אויף, ס׳זענען צווישן זיי פאַראַן אָרנטלעכע יורדים, וועמען די מלחמה האָט צעבראָכן, רויגירט און אַרויס-געשיקט אויף בעטלער-ברויט אין דער וועלט אַריין. אַזעלכע אורחים האָט פאַלק גלייך דערקאָנט, ער האָט זיי ליב געהאַט און ווי אַ הונט זיך צוגעשאַרט צו זיי. זיי האָבן נישט גע-שלאָגן, זיי זענען געווען מילד און נישט אָפּגעטריבן פון זיך דאָס קליינוואַרג, אַזוי ווי יענע — די פּענטאַקעס, וואָס זענען געווען רשעותדיק און ווילד פאַרביסן אויף זייערע יינגע קאָנ-קורענטן.

די יורדים האָבן אין קליינוואַרג נישט געזען קיין גע-פאַר. און ווער פון זיי האָט דען ערנסט געטראַכט זיך צו האַלטן ביי דער פינצטערער פּרנסה? זאָל נאָר אַ סוף נעמען צו דער מלחמה און זיי וועלן זיך ווידער דערכאַפּן, זיי וועלן

זיך אַלע צוריק אַ נעם טון צו זייער פריערדיקן שטייגער לעבן.

זענען זיי געזעסן די אַלטיטשקע נעבן אייוועלע, גע־בראָטן קאַרטאָפל, יעדערס מאָל צוגעוואָרפן אַ שטיקל האָלץ אין פייער אַריין און גערעדט צווישן זיך:

— די מלחמה האָט אַ תל געמאַכט פון מענטש. נישט קיין שטוב, נישט קיין היים; ווו געגעבטיקט — נישט געטאָגט. אויף אונדזערע אַלטע יאָרן...

— אַ דאַנק און לויב דעם אויבערשטן פאַר דעם — רופט זיך אָן אַן אַנדערער, מיט אַ שיטער שוואַרץ בערדל, וואָס זעט אויס ווי אַ סאַמעטן געשלייער פון אַן אַלט־מאָ־דישן טשעפּיק – ס'איז נאָך מיט חסד, אַז מ'קאָן קריגן אַביסל עסן... מ'לאָזט נישט פאַלן... אין דער גרויסער שטאָט קאָן מען חלילה אויסגיין פון הונגער...

—יאָ, וואָס אַן אמת, איז אמת. מילא, אויף אונדז אַלטע לייט קאָן עס נישט האָבן אַזאַ שלעכטע פּעולה. אָבער דאָס קליינוואַרג? די קינדער וואָס זענען נאָר אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין בעטלעריי, וועלן שוין מער נישט וועלן אַרבעטן, ס'וועט זיי נישט גלוסטן, זיי וועלן ווערן פויל און פאַרגרעבט. און קינדער דאַרפן גיין אין חדר אַריין, זיי דאַרפן זיך לערנען אַ מלאכה.

— מסכים — רופט זיך אָן אַ דריטער בעטלער, אַ הוי־כער אויסגעצויגענער פּאַרשוין אַזוי ווי אַ סטראַשידלע און מיט נאָך אַ לענגער גלאַנציק געשטופּלט פּנים און מיט אַן עטוואָס קרום־אַרונטערגעבויגענער נאָז — אַזעלכע מלחמה־קינ־דער וועלן גאָר אפילו נישט וויסן, אַז אַ מענטש דאַרף זיך אַנדערש פירן, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער לעבן.

— וואָס דאַרף אַזעלכעס מער? — ווייזט אַ פערטער, אַ ייד אַזוי ווי אַ קלעצל, מיט אַ באַסאָוון קול, אָן אויף פאַלקן — וואָס דאַרף אַזעלכעס מער? ברויט האָט עס. קאַר־טאָפל אויך. אַ פּאָר גראָשן אויך, און נאַכט־לעגער און אַ העמד קריגט עס אַמאָל אין אַ יובל. דאַרף אַ זעלכעס מער?..

— אַזעלכע ווערן שוין נעבעך אייביקע פּענטאַקעס... — גיט ווידער צו דער געשטופּלטער.

פֿאַלקן האָט עס אַ ברי געטון. ער האָט זיך אויפגעהויבן פֿון אָרט און נערוועז געשפּאַנט איבערן קליינעם דעמפּיקן חדרל. די רייד פֿון אַלטוואַרג זענען אַריינגעפֿאַלן אין זיין לייב אַריין, אַזוי ווי שפּיציקע אָנגעגליטע פֿיילן. ניין! זיי זענען נישט גערעכט! זיי זענען נישט גערעכט! פֿאַלק וועט קיינמאָל מיט זיי נישט מספּים זיין... ער, פֿאַלק, איז נישט מענדזשעלע, ער איז נישט די „פּופּע", ער איז נישט אברהמלע... אָבער אויך אברהמלע איז אַנטלאָפֿן... אפשר איז איצט אברהמלע אַ בעל־מלאכה?.. פֿאַלק וועט זיי נישט דערציילן וואָס ער טראַכט. און ער טראַכט באמת וועגן גאָר וויכטיקע זאַכן. און ווען ער זאָל עס אָנפֿאַרטרויען פֿאַר די בעטלער? זיי וואָלטן אים אָנגעקוקט ווי משוגע... ווי אַ מטורף, אַזוי ווי אַראָפּ פֿון זינען...

פֿאַלק וואָלט זיי אַריינגעשריגן אַ גרויסן סוד אין אויער אַריין. אפשר וואָלטן זיי זיך צעשראָקן און אפשר וואָלטן זיי זיך צעלאַכט:

— פֿאַלק איז אַן עקשן! אַן עקשן! אַן עקשן!..

אין דער נשמה פֿון פֿאַלקן דעם נע־ונדניק, דעם בעטלער, לעבט אַן אַנדערער פֿאַלק. אַ פֿאַלק, וואָס איז זאַט מיט חלומות און הונגעריק נאָך ברויט... אַ פֿאַלק וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין שטוב — נאָר די גאַנצע וועלט... אַ פֿאַלק, וואָס יעדער קאָן אים שלאָגן, פּייניקן און דאָך וועלן פֿאַר אים ציטערן גענעראַלן... נאָר גיי דערצייל עס פֿאַר די פּענטאַקעס, זיי האָלטן געחוזקט פֿון אים, זיי וואָלטן אים אַריבערגעצויגן דעם הויט איבער די אויגן און איינגעריסט דאָס פּנים מיט סאַזשע... וועט ער נישט זאָגן. זאָלן זיי זיך קלערן וועגן אים וואָס זיי ווילן און געוועג.

אויף דער נאָרע האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ „זאַוואָדאָווע" פּענטאַק, אים האָט געאַרט דאָס געדודער פֿון די עטלעכע בעטלער ביים אויוון; ער האָט אַ וואָרף געטון מיט זיינע אימה־אויגן איבערן חדרל, וואָס זענען פֿינצטער אַזוי ווי די

אויגן ביי אַ קברן און רוגזהדיק אַריינגעפּאָרן מיט דער האָ־ריקער האַנט אין תעמד אַריין און זיך צעקראַצט:

— ס׳אי? ס׳אי? וואָס לאָזט מען נישט שלאָפן, וואָס? געבוג אויף היינט געדזשאַמזשעט!

— שלאָפט, שלאָפט! ווער שטערט אייך? — האָבן בייז אָפּגעענטפערט די בעטלער ביים אויוון.

איז זיך דער עולם, אַזוי ווי די מייז, שטיל צעקראָכן אויף די נאַרעס.

— נאָר ביים שיין פון האַלב־אויסגעברענטן פייער, וואָס האָט זיך אַרויסגעטראָגן דורכן צעעפנטן טירל פון אייוועלע אַרויס, זענען אויף דער ערד — צעקנעפּלטע און באָרוועסע, מיט אַראָפּגעצויגענע שטיוול — געזעסן עטלעכע פּענטאַקעס און מיט אַ פילאָזאָפישער געמיטלעכקייט געווען פאַרטון אין זייערע אָניצעס...

דער בלינדער געפיל, וואָס לעבט אין פאַלקן, וואָס ליגט באַגראָבן ערגעץ טיף אין זיין נשמה און מאָנט און פאָדערט עסן, לאָזט פאַלקן נישט אַרויספּלאָנטערן זיך פון דאָזיקן פּלאָנטער. פאַלק איז טאַקע אַנטלאָפן פון פייווישן, אַליין גע־נישטערט איבער שטעט און שטעטלעך און לסוף צוריק אַריינגעפאַלן אין הקדש אַריין. פאַלק ווערט זיך נישט. פאַלק האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין לאַגע: צום הקדש־ריח און שטינקעדיקן ליולקע־רויך פון די בעטלער, אַז אים איז שוין אַלציינס — אַזוי ווי ס׳איז אים געווען אַלציינס, דאַמאָלס, דאָרט אין קעלער, צווישן די שטשאָרעס...

אין דער פינצטערניש, איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען, האָט שוין פאַלק אַרויסגעשפּרייזט פון שטאָט אַרויס; ער איז איצט נישט געווען אַליין, נאָר מיט איינעם פון יענע מלחמה־יורדים, וועלכע זענען אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין זעלבן פּלאָנטער... האָבן זיי געשפּאַנט אויפן האַרטן און צו־געפרוירענעם שאָסיי, וואָס האָט זיך געזילבערט און געקנאַקט

אונטער זייערע פיס, אַזוי ווי גלאָז. ווו-נישט-ווו האָט זיך איבער זייערע קעפּ אָפּגעבראָכן אַ צווייג פון אַ בוים און אַראָפּ־געהאָנגען פון בוים אַראָפּ, אַזוי ווי אַ גרויסע קראָ וואָלט זיך פּלוצים פליעדיק פאַרטשעפּעט און געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט אויסגעשפּרייטע פליגל אין דער לופט...

די לבנה האָט מיט אַ שטאָלענער קאַלטקייט זיך אַריינ־געשניטן אין פרימאָרגן אַריין — און פאַלק מיטן ייִד זענען געגאַנגען אַנטקעגן, אַנטקייגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַרויפגעגאַנגען אויף טרעפּ צו דער לבנה...

די לופט איז געווען גראָ, דורכזיכטיק, אַזוי ווי די בלאָקייט פון דער הקדש-וואַנט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן פייער פון אויוון... ווען מענדזשעלע, ווען די „פּופּע", ווען אַפילו פּיוויש זאָלן איצט זען פאַלקן, וואָלטן זיי אים געוויס נישט דערקאָנט. זיינע דאַרע פיס זענען געווען אַריינגעשטעקט אין גרויסע, פון רעגן צערונענע, ווייבערישע שיך, וועלכע זענען — אָנשטאָט מיט שוואַרצע שנוראָוואַדלעס — געווען שלעכט אַרומגעבונדן מיט אויסגעריבענע העלע שטריקלעך. די הויזן, וואָס האָבן אויסגעזען צו שטאַמען פון אַ דערוואַק־סענעם מאַנספּערשוין, האָבן איינגאַנצן אויפגעגעסן פאַלקס גוף און פאַלק איז ממש אַרויסגעפאַלן פון די הויזן אַרויס...

פאַלק האָט דעריבער פעסט צוגעבונדן די אָגוויצעס צו די פיס און נישט אַריינגעלאָזן קיין שניי און נישט קיין ווינט. דאָס שמאָלע פּנימל האָט זיך כּמעט אַזוי ווי פאַרלוירן הינטערן לאַנגען דאַשעק פון ליסצעפּעט, אַרומגעבונדן מיט אַ האָריק־אויסגעקראָכענער שאַל ביז אין האַלדז אַריין און וואָס האָט געקיצלט מיט די ווייכע הערלעך איבער די אויבערשטע צעעפנטע טיילן פון לייב...

— אָ, וואַ! אַ פראָסט! — זאָגט דער ייִד.

— אוודאי אַ פראָסט! — זאָגט פאַלק און שפּרונגט אונטער אַזוי ווי אַ קעלבל זיך צו דערוואַרעמען.

— קראַנטער ווי אַ שניי, — חזרט ווידער איבער דער ייִד.

— און ווי אַ רעגן. — באַשטעטיגט פֿאַלק.

אין דער ווינטערדיקער פרימאָרגן-לופֿט גייט זיך געשמאַק און מ'רייבט מיט אימפּעט די וויאָרסטן.

דער ייד שווייגט. ער שפּאַנט און טראַכט וועגן דער היים. פֿאַלק שווייגט, ער שפּאַנט און טראַכט וועגן אַלעם, וואָס זיין ייִנגער מוח איז נאָר פעיק צו טראַכטן. דאָ, אין דער פאַרלאָזענער שטיק פעלד, קלאַפּט דער דופק פֿון צווי לעבנס...

די לבנה איז פאַרשוווּנדן און אַ קראַנקע זון איז מיט-אַמאָל אויפגעגאַנגען.

— ווינטער. ווינטער. ווינטער. — האָט פֿאַלק געטראַכט — אָבער אין אויפגיין פֿון דער זון ליגט אַ סך פרייד...

פֿון די דערבייאיקע וועלדער האָבן זיך אַרויסגע-שלענגלט פרייליכע שורות פֿויערן און פֿויערטעס. ייִנגע שקצים און שיקסעס, קרעפטיקע, פאַרשידנפאַרביק אָנגעטוענע, מיט גרינע צעצווייגטע כאָינקעס אויף זייערע אויסגעהעמערטע פּלייצעס.

— דזשען דאָברי!

— דזשען דאָברי! — האָט עס זיך צעקלונגען אויפֿן שאָסיי און אַוועקגעטראָגן זיך אין וואַלד אַריין.

און אויפֿן יידס שטערן האָט זיך פּלוצים אַוועקגעלייגט אַ גרויס שטיק זאָרג, אַזוי ווי אַ נישט אָפּגעהובליעוועט ברעט.

— באַלד ניי-יאָר — ברומט דער ייד — ווי „דאָס" גרייט זיך עס אַביסל צו. ווי „דעם" פעלט גאָרנישט...

נאָ פֿאַלקן פּייניקט עפּעס אַנדערש: ווען נישט דער איי-ביקער גע׳יעג נאָך ברויט? ער וואָלט דאַמאָלס געווען פריי. ער וואָלט אַ שפּיי געטון אויפֿן הקדש, ער וואָלט זיך אויס-געלאַכט פֿון די מענדזשעלעך און פּייחישעס, ער וואָלט אַפילו נישט געגאַנגען צוזאַמען אין שפּאַן מיטן דאָזיקן ייד, וועל-כער איז תמיד אומעטיק און פאַרזאָרגט... פֿאַלק וואָלט דאַמאָלס אַוועק אין וואַלד אַריין, ער וואָלט געשלעפּט ייִנגע כאָינקעס אויף זיינע אַקסלען... ער וואָלט געווען פריי... ער וואָלט גע-ווען פריי... פריי... — —

אַ שפּריץ ליכט האָט זיך פאַרגנבעט צו פאַלקן אין אויג אַריין...

פאַלק האָט דערפילט דעם הונגער.

ווידער איז פאַלק געשטאַנען פּנים-אל-פּנים מיטן שטורעם.

די זאַוויערוכע וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פון צפון-זייט, גראָד קייגן איבער דעם אָפענעם שאָסיי, האָט פאַלקן נישט געלאָזן אַריינגיין אין דער וועלט אַריין. דער ווינט, אַזוי ווי אַ מחנה צעהייטע און הונגעריקע וועלף, אויסגעמישט מיט אַ געדיכטן שניי-שיט, האָט מיט רציחה געבושעוועט אויף דער ערד און איבער די פעלדער און יעדערס מאָל אַ ריס געטון פאַלקן פון אָרט. פאַלק האָט גאָרנישט געזען. ער איז איצט געווען בלינד פון בלענדיקער ווייסקייט. דער שאַל, וואָס האָט אַרומגעהילט פאַלקס האַלדז און דאָס מויל און אים באַשיצט פאַרן געוויסער, איז פלוצים אויפגעפליקט געוואָרן דורכן ווינט און געפלאַטערט משוגענערווייז אין דער לופט, אַזוי ווי אַן אָפּגעפליקטער זעגל אויף אַ שיף. ערב אויפגעפרעסן ווערן פון די ווילדע כוואַליעס... פאַלק האָט יעדערס מאָל אויפסניי געפּרוּווט שטעלן אַ פאָר טריט, אָבער מאָמענטאַל האָט אַ צעשריגן געפייף פאַרגאָסן פאַלקס אויערן און פאַלק האָט זיך אויסגעדרייט, געווענדט מיט די בליקן צו דער שטאָט.

אויף דער ייד, דער יורד, מיט וועמען פאַלק איז מיטגעגאַנגען, האָט נישט געקאָנט באַהערשן דעם שטורעם, און אַזוי ווי אַ ווייסער סלופּ געשטאַנען אָנמעכטיק אויפן מיט פון שאָסיי. זיינע גרויסע שטיוול זענען אינגאַנצן אַרונטערגעקראָכן אונטערן שניי-דעק און זיך דאָרט באַהאַלטן.

פאַלק האָט זיך דערנענטערט צום ייד. דורך די שמאָלע שפּעלטלעך פון זיינע וויעס, האָט פאַלק געזען, ווי דעם יידס שוואַרצלעכע באָרד — איצט אָפּגעפאַרבט מיט אַ גראָבער ווייסער פאַרב — האָט זיך געריסן פון אָרט, געבונ-

טעוועט, אַזוי ווי זי וואָלט גרייט געווען אָט-אָט אַוועקצו־פליען... און דעם יידס וואָנסן און ברעמען זענען געווען ערנסט און פאַרשטייפט און אויסגעזען, אַזוי ווי ווייס איבער־געשמירט מיט אַ דיקן פענדזל...

ביידע, פאַלק און דער ייד, האָבן זיך מיט זייערע ביי־כער, אַזוי ווי מיט אייזערנע קלעשטשעס, אַריינגעשניטן אין געוויסער אַריין... זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיטן שטורעם... אָבער — אָטעם! אָטעם! נישטאָ קיין אָטעם!... אַ שניי-כוואַליע האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב-געטון פון דער ערד, פאַרטשעפעט זיך אָן די טעלעגראַפן־דראָטן און געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ... און די דראָטן האָבן זיך צעוויינט מיט אַזאַ אימהדיק געוויין...

פאַלק האָט זיך איינגעבויגן, ער האָט עפּעס אַרויסגע־פּישטשעט אַזוי ווי אַן עופהלע, נאָר דער ווינט האָט גיך אויפגעכאַפּט זיינע ווערטער און זיי צעטראָגן איבער דער ברייט פון די פעלדער.

— לאָמיר צוריק אין שטאָט אַריין! — שרייט אויס דער ייד און זיינע ליפּן ווערן באַדעקט מיט דיקע שיכטן אייז.

— ניין!—ברומט אונטער פאַלק און ציטגוט אַריבער דאָס היטל איבערן שטערן — ניין!

— מ׳קאָן נישט שטעלן קיין טריט! – בעט זיך דער ייד.

— מ׳מוז גיין! — עקשנט זיך איין פאַלק.

— די זאַוויערוכע וועט נישט אַזוי גיך אויפהערן.

— זאָל זי נישט אויפהערן. מ׳מוז גיין. נישטאָ קיין צוריק...

און ווידער האָבן זיך ביידע מיט זייערע בייכער אַריינ־געשניטן אין געוויסער אַריין. זיי זענען געגאַנגען אַנטקייגן דעם שטורעם...

— ווו? אין בלאַשקער וואַלד? אָ, וואַ! געשאָסן?...
— ווער? גזלנים?...

— וואָ־דען ?...

— טססס...

אין הקדש האָט עס געררושט. די צוויי יידן, „גייער״, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון טויט, זענען בלייבע מיט צעשראָ־קענע פנימער געשטאַנען אין רעדל צווישן די אורחים און פון יעדן באַטראַכט געוואָרן, אַזוי ווי ניי־געבוירענע. זייערע אויסגעשמירטע און צעקנייטשטע צורות האָבן שטיקלעכווייז אַרויסגעקוקט פון הינטער דעם געוויקל פון קלאָר־ווייסינקע באַנדאַזשן אַרויס און מיט אַ מאָדנער טעמפּקייט האָבן זיך דערביי צעסלינעט זייערע מיילער.

— מזל ! — זאָגט איינער.

— געדאַרפט גומל בענטשן ! — זאָגט אַ צווייטער.

— געקאָנט חלילה... איי־ווײ... — זאָגט אַ דריטער און גיט אַ שנייד מיט דער האַנט אין דער לופט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געוואָלט אַרויסרעדן דאָס, וואָס עס וואָלט גע־קאָנט מיט די יידן געשען.

— גאָרנישט. סתם אַזוי אַרויסגעשפּרונגען פון וואַלד אַרויס און געשאָסן ?

— וואָ־דען ?

— און צוגענומען די פּאָר מאַרק ?

— וואָ־דען ?

— און אַנטלאָפן ?

— וואָ־דען ?

— איי, באַשירמט, באַהיט זאָל מען ווערן... — קרעכצט אַרויס איינער, אַ פּחדן.

— און ווער גייט עס נישט דורכן בלאַשקער וואַלד ? פון שעראַדז און פון זלאָטשעוו און פון וולוין און פון פּראָש־קע... פון אומעטום גייט מען דאָך קיין בלאַשקי און קיין דוואָעט״. *)

פאַלק מיטן ייד זענען געשטאַנען אַרום די ניצול־געוואָ־

*) ווארטא.

רענע אורחים, אַזוי ווי צוגעשמידטע. זיי האָבן שוין אויפגע־צויגן זייערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס גרייט אין וועג אַריין. זיי מוזן אָבער גיין דורכן בלאָשקער וואַלד. קיין אַנדער וועג איז נישטאָ, סיידן – אויף צוריק. און צוריק וועט פאַלק נישט גיין.

— — ...דער בלינדער אינסטיקט וואָס איז געזעסן אין די דזיקע צוויי נפשות און זיי געטריבן אין אייביקן געיעג נאָך עסן, האָט אויך איצט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום געפאַר.

פאַלק מיטן ייד האָבן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון הקדש.

אין דרויסן איז איצט געשטאַנען אַ גראָער ווינטער־פרימאָרגן, אַזוי ווי די לופט וואָלט געווען פון סאַמע בליי.

זיי זענען געגאַנגען פון שטעטל אַרויס, נענטער צום שאָסיי.

באַלד האָט זיך פאַר זייערע אויגן אַרויסגערוקט דער גרויסער בלאָשקער וואַלד, איינער פון יענע עלטסטע און השובסטע וועלדער אין פוילן, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט גאַנצע דורות. און ווער קאָן זיין לענג? און ווער ווייס זיין ברייט?... אין זיין געדיכטעניש ליגט אַזוי פול אימה. און דאָס האַרץ ציטערט אויף ווען מ׳דאַרף אַריינגיין אין דער טיפעניש פון דאָזיקן וואַלד אַריין...

פאַלק מיטן ייד האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל אומגעקוקט. איבער ברייטע פעלדער־פלאַכן האָט קרישטאָלערן, אָבער פראַכט־פול, געבלענדט דער נישטבאַטרעטענער שניי. און ערגעץ ווייט־ווייט האָט זיך דער הימל אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער און אין פייערלעכער שטילקייט זיך פאַראייניקט מיט דער ערד...

ס׳האָט אויפגעשאָרכט דער ערשטער שאָרך פון ביימער.

זיי גייען אין וואַלד — — —

פאַלק מיטן ייד האָבן געשפּרייזט צווישן צוויי גרינע ווענט פון יינגע נאָדל־ביימער און אויטערן „טריפּ־טראַפּ" פון זייערע פּאָדעשוועס, האָט זיך אויסגעקריצט אַ לאַנגע שורה

שניי-פיס, וועלכע האָבן זיך דאָ אַזוי מנוחהדיק אָוועקגעלייגט און געבליבן ליגן ווער ווייס פאַר וועמעס וועגן? און אפשר אַזוי אויף אייביק? — — —

ביידע זענען געגאַנגען שטיל. יעדערס מאָל איז פאַר זיי ליידיק געוואָרן אַ נייע עפענונג פון ביימער, אַזוי ווי אַ ברייט צעפּראַלטע טיר און זיי האָבן זיך פאַרקרייצט פון איין עפענונג אין דער צווייטער...

זיי זענען געגאַנגען אויף שמאָלע שטעגלעך, אָבער מיט אַמאָל זענען די יינגע ביימלעך פאַרשוווּנדן און פאַלק מיטן ייד זענען געשטאַנען אין אַ געדיכטער נעץ פון אַלטע און שווערע סאָסנעס, מיט הויך-אַרויפגעשאָסענע און ווייס-פאַרשנייטע קרוינען-קעפּ צום הימל.

פאַלק מיטן ייד האָבן פאַרלוירן דעם וועג. לויט זייער חשבון האָבן זיי זיך שוין באַדאַרפן געפונען אויף פרייע פעלדער-פלאַכן, אָבער וואָס אַמאָל ווערן די ביימער געדיכטער און פאַרפלאָנטערט און פאַרשאָטנט.

נאָך פאַר זייער אָנקומען האָט זיך באַמערקט טריט אין שניי, נישט קיין מענטשלעכע — נאָר חיהשע. און פאַלק מיטן ייד האָבן זיך באַאומרויקט: אין אַזאַ וואַלד... ווינטער...

און טכויערלעך, וואָס זענען צעשראָקן אַפּערגעשפּרונגען פון אונטער די קוסטעס, האָבן זיך לויפנדיק געצלמט דורך די פיס פון די וואַנדערער.

מיטיק-שעה. פאַרנאַכט. אָן אויסוועג. און וועמען צו פרעגן איז נישטאָ. און דאָס הייזל פון וואַלד-וועכטער קאָן מען נישט געפונען. עטלעכע מאָל האָט זיך זיי אפילו אויסגעדאָכטן, אַז זיי זעען דעם סוף פון וואַלד, זענען זיי צוגעלאָפן מיט פרייד— אָבער דאָ האָט זיך פאַר זיי אַרויסגערוקט אַ פרישע וואַנט פון ביימער.

ביידע פילן, אַזוי ווי ס'וואָלטן זיך אונטער זיי אונטער-געבראָכן די פיס. זיי זענען פאַרפייניקט און הונגעריק און אויס-געפרוירן. און ווען זייערע זעקלעך זאָלן נישט זיין ליידיק, נאָר פול מיט ברויט — צי וואָלטן זיי געקאָנט עסן? — —

האָבן די וואַנדערער שוין אָנגעוווירן דעם גלויבן אַז זיי זאָלן נאָך היינט, איידער ס'פאַלט צו די נאַכט, אַרויס פון וואַלד אַרויס. דערצו רוקט אָן די נאַכט און צוצושפּאַרן זיך איז נישטאָ ווו. און ווען די אברים זענען מיד — גאָט באַהיט! ס'טאָר גאָר אַזעלכעס אויפן רעיון נישט קומען...

— דו, וואָס דו באַשיצסט נע-ונדע, הילפלאָזע און אומגליקלעכע — האָט דער ייד געפליסטערט אין געדאַנק — זיי זיך מרחם...

פאַלק האָט אפשר נישט פאַרשטאַנען די געפאַר פון דעם כסדרדיקן פּלאָנטערן זיך אין וואַלד און נישט קאָנען אַרויס פון וואַלד אַרויס. ער איז געווען צוטראָגן צוליב אַן אַנדערער מחשבה: אָט קאָן אַרויס אַ וואָלף פון צווישן די ביימער... אַ בער... די חיה וועט זיך אויף זיי וואַרפן... אויפפרעסן לעבעדיקערהייט... און פאַלק האָט געזען ווי אַזוי ער ראַנגלט זיך אינם פּיסק פון דער הונגעריקער חיה... און יעדערס מאָל ווען אַ טכויער האָט מיט געשאַרך אויפסניי זיך אַרויסגעטראָגן פון צווישן די געדיכטע קוסטעס און בליץ-שנעל זיך פאַרביי־געשניטן פאַר פאַלקס פּיס, זענען אין פאַלקן ממש איינגעפאַלן אַלע געדערים.

פּלוצים האָבן פאַלק מיטן ייד אויפגעצאַפּלט. זיי האָבן גאָענט דערהערט מענטשלעכע קולות.

— הער נאָר, פאַלק, מ'רעדט?

— יאָ, פויערן.

ביידע האָבן זיך מיטאַמאָל דערמאָנט דעם הקדש, היינט אינדערפרי...

— לאָמיר גיין גיכער. זיי וועלן אונדז ווייזן אַ וועג.

— אוודאי, אוודאי. — איז פאַלק אונטערגעשפרונגען און שווער אַרויסגעשלעפּט די פּיס פון די קופּעס שניי אַרויס.

פון צווישן די ביימער האָבן זיך געוויזן עטלעכע פויערן, וואַלד־אַרבעטער, מיט די העק אַריבערגעוואָרפענע איבער די אַקסלען.

האָבן זיך די וואַנדערער געשטאַרקט און אַנטקעגן געגאַנגען די פויערן.

— דזשען-דאָברי! — האָט דער ייִד אַראָפּגעכאַפּט דאָס אויסגעפּרוּווירענע היטל פון קאָפּ אַראָפּ און זיך הכנעהדיק פאַר־נייגט!

— דזשען-דאָברי, דזשען-דאָברי! — האָבן אין איין כאָר גוטמוטיק און שמייכלדיק געענטפערט די האָלץ-העקער.

אַז דער ייִד האָט דערזען די פריינטלעכקייט פון די אַרבעטער איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ.

— ווו גייט מען דאָ אַרויס אויפן וועג קיין בלאַשקי?— האָט דער ייִד געפרעגט און נישט אָנגעטון נאָך דאָס היטל, דערביי איז פאַלק געשטאַנען דערנעבן און תּמעוואַט געפינטלט מיט די אויגן.

— אָט-אָ דאָ לינקס, דערנאָך זיך פאַרקירעווען אויף דער ברייטער סטעזשקע.

נאָך עטלעכע מינוט גאַנג האָבן פאַלק מיטן ייִד פריי אָפּגעאָטעמט. זיי זענען געווען אינדרויסן, אויף דער אַנדערער זייט וואַלד.

אויפן אָפענעם און ווייס-פאַרשנייטן פעלד איז נאָך נישט געווען אַזוי טונקל און ביידע, דער ייִד מיט פאַלקן, האָבן איצט, ניצול געוואָרענע, מיט פרישן מוט און אימפּעט רירעווי־דיק געשפּרייזט קיין בלאַשקי.

פון בלאַשקי קיין וואַרטאַ ציט זיך אַ שמאָלער „פּוילי־שער" וועג, אַזאַ „גאָשטשיניעץ", וואָס פאַלט אַריין אין סאַמע מיט פון רחבותדיקע פעלדער, אַזוי ווי אַ קליין טייכל, וואָס גיסט זיך מיטאַמאָל אַריין אין ברייטע, אָפענע וואַסערן. זומער איז דער בעל-עגלה נישט פאַרזאָרגט. דאָס פערד לויפט מיט אימפּעט אין די זאַמדן און פון אונטער די רעדער טראָגט זיך אַפער אַ ווייס-גראָער שטויב און הייבט זיך אויף אין דער לופט. אויך דער וואַנדערער, וואָס גייט צו פוס, האָט קיין

טענה נישט — די ערד איז ווייך און ווארעם און די געוויקסן מיטן קאָרן גיבן צו קראַפט און דערקוויקונג דעם מידן.

דערפאר איז דאָ ווינטער ממש סכנות-נפשות. דער וועג ווערט פארשנייט, גלייכט זיך אויס מיט די רוון און מיט די פעלדער־פלאכן און ווען דער וואָגן פאָרט אַריין, זינקען די רעדער אַלץ טיפער אין די ווייכע יאָרגעס אונטערן שניי.

פאַלק מיטן ייד זענען איצט געגאַנגען אויפן דאָזיקן געפערלעכן וועג. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דער זייט און איינגעבויגענע זיך געדראַפּעט אויף די גליטשיקע בערגלעך בלאָטעס, וואָס האָבן משופּהדיק אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער דעם בלענדיקן צודעק.

— פאָרזיכטיק, פאַלק! — האָט דער ייד אויסגעדרייט דאָס פּנים צו פאַלקן און אים געוואָרנט.

— איך זע, איך זע. — האָט אָפּגעענטפערט פאַלק און פארזונקען אינם שניי ביז די קנעכלעך. אַרויסגעשלעפּט איין פוס, איז ער מיטן צווייטן שיך ווידער געבליבן שטעקן אין די טיפע בלאָטעס.

פאַלק האָט זיך פּלוצים א וואַקל געטון אַזוי ווי אומצופאַלן און איבערגעשראָקן זיך אָנגעכאַפּט אָן יידס אַרבל.

דער ייד האָט פאַלקן אַרומגענומען:

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט אַכטונג געבן. מ׳קאָן דאָ חלילה דערטרונקען ווערן אין דעם געוויסער...

פאַלק האָט זיך אָפּגעשטעלט, הילפלאָז זיך איינגעהויקערט און אין די אויסגעלאָשענע אויגן איז איצט געלעגן אַזוי פול אָפּגעשוואַכטקייט, אַזאַ פאַרפּייניקונג.

— כ׳קאָן נישט... כ׳האָב נישט קיין כּוח.

— פאַלק האָט דאָס געזאָגט אַזוי, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס פאַר קיינעם נישט געזאָגט. נישט פאַר דעם ייד און אויך נישט זיך אַליין.

דער הימל איז געווען אַש-גראָ און מיט אַ בלייערנער שווערקייט צוגעדריקט די געמיטער פון די וואַנדערער.

פאַלק מיטן ייד זענען געשטאַנען אין מיטן וועג. געקוקט

הינטער זיך און פאָרויס. איןביידע זייטן די זעלבע טונקל־גראָע שליאַכן און צו דער שטאָט איז אַ מהלך און ווו אריינ־צוגיין איז נישטאָ און די נאַכט פאַלט צו.

די אימה, ערב אָנקום פון דער נאַכט, האָט געקרעפּטיקט די מידע און אויפּסניי זיי געטריבן אין וועג אַריין.

פאַלק האָט מער נישט געקוקט פאָרויס, שטום געשפּרייזט מיט אַ פאַרזונקענעם קאָפּ אין שניי אַריין און יעדערס מאָל זיך אַ גליטש געטון אומצופאַלן, אויסגעשריגן און באַשיצט געוואָרן דורך די שטאַרקערע אָרעמס פון דעם ייד.

פאַלקס בגדים זענען ווידער אַמאָל אויפגעפליקט געוואָרן דורכן ווינט און פאַלק האָט זיך איינגעקאָרטשעט — ער האָט דערפילט אַ שניידיקע קעלט זיך אַריינרייסן צו אים אין לייב אַריין.

די גרויסע ווייבערישע שיך, וואָס זענען געהאָנגען אויף פאַלקס אויסגעדאַרטע פיס, אַזוי ווי די קאַנען, האָבן איצט אויפגעשוואָלענע פון וואַסער, געפּרייכט אַזוי ווי הונגעריקע זשאַבעס...

פאַלק מיטן ייד האָבן זיך צוגעשטעלט. זיי האָבן פאַר־צווייפלט עפּעס געזוכט מיט די בליקן.

— שלעכט — האָט דער ייד געמורמלט — שלעכט...

און פאַלק האָט נישט געענטפערט. ער איז געווען הילפלאָז און אויסגעמאַטערט. וואָלט דאָ נישט געווען אַזאַ בלאָטע, וואָלט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. ער וואָלט געלעגן אַזוי לאַנג און זיך נישט אויפגעהויבן, ביז ער וואָלט אָנגענומען פרישע כוחות. ער קאָן מער נישט גיין. ער קאָן נישט. ער קאָן נישט...

אָבער פאַלקס פנים האָט מיטאַמאָל געקריגן אַ טונקעלע קאָליר די פאַרב האָט זיך געביטן, געוואָרן גראָער און טונ־קעלער און פאַלק האָט זיך אַ וויג געטון.

— פאַלק ! פאַלק !

דער ייד, אַ מבולבלער, אַרומגענומען פון געוויסער, איז געשטאַנען אין מיטן וועג אין אונטערגעשפּאַרט זיינע אַלטע אָרעמס

אונטער פאַלקס קערפּער, וועלכער האָט שווער, אַזוי ווי אַן אָנגעטרונקענע משא, זיך געצויגן צו דער ערד.

אומגעריכט האָט זיך אין דער לופט צעטראָגן עפּעס אַ געוויש און באַלד איז ווייט הינטער זיי אויסגעוואַקסן אַ נישט דייטלעכער שוואַרצער פלעק און דערדאָזיקער פלעק איז אַלעמאָל גרעסער און בולטער געוואָרן.

— טפּררר !..

די פערד האָבן מיט אימפּעט אַ פּאַטש געטון אין דער בלאָטע און מיט פאַריסענע קעפּ זיך צוגעשטעלט.

די בריטשקע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די וואַנדערער. חוץ דעם בעל־עגלה, וועלכער איז געזעסן אַן איינגעטוליעטער אויף דער קעלניע, האָט זיך אין דער בריטשקע געפונען אַ רייכער פּריץ, אין דעם טיפּישן אָנטון פון אַן אַלטן פוילישן שליאַכטשיץ. דער פּריץ איז געווען שכור, זיך געוואַקלט אויפן געזעס און אויסגעזען מיד, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס צוריקגעפאָרן פון אַ פאַרווייליונג.

— אויפזעצן זיך ! — האָט דער פּריץ אַ באַפעל געטון.

און פאַלק מיטן ייד זענען געזעסן אין דער בריטשקע, אויפן זעלבן אָרט וווּ ס'איז געזעסן דער פּריץ, נאָר אין ביידע זייטן, כדי דער פּריץ זאָל אויסקומען אין דער מיט און נישט אַרויספאַלן פון דער בריטשקע אַרויס...

דער פּריץ איז געווען גוטמוטיק און אַ סך געפּלאַפּלט. יעדערס מאָל מיטן פּנים זיך אַריינגעבויגן דאָ אין פאַלקן, דאָ אין ייד און ממש זיי איינגעשלעפּערט מיטן ריח פון בראָנפן, וואָס האָט זיך געשפּירט פון זיין מויל.

און דער פּריץ האָט געשיט מיט רייד, אַראָפּדערציילט אַלץ וואָס האָט אים געקוועטשט אויפן האַרצן און אַלע מאָל זיך אַ פרעג געטון:

— פּראַוודאַ ?

— פּראַוודאַ ! — האָבן פאַלק מיטן ייד געענטפערט אין איין קול.

די פערד האָבן זיך געטראָגן אַזוי ווי די לייבן און די

בריטשקע האָט מיט רעש און געפּילדער זיך געהויבן און געוויגט אין די יאַרגעס.

דער פריץ האָט געדרעמלט אויף פאַלקס אַקסל. איינגעשלעפערט פון דעם בראַנפן און פון ריטמישן געלייף פון די רעדער, האָט דער פריץ אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צו פאַלקן אין דער שויס אַריין — און דאָסדאָזיקע אָרט וואָס איז ביי פאַלקן ערשט געווען נאַס, איז איצט אַדורכגעוואַרעמט געוואָרן פון פריצס אָטעם און פון זיין געדיכטן קענדזשער...

דער פורמאַן האָט אַ פאַרהאַלט געטון די פערד און די בריטשקע איז האַסטיק געבליבן שטיין נעבן אַ נידעריקער, הילצערנער כאַטע.

דער פריץ האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— אָט דאָ וווינט אַ ייד, איר קאָנט אַריינגיין און איבערנעכטיקן.

באַלד האָט זיך אין דער טיר באַוויזן אַן עלטערע פרוי, נאָכדעם אַ ייִנגערע, די פרויען האָבן פאַרחדושטע זיך דערנענטערט צו דער בריטשקע און צוזאַמען מיטן ייִד, אַראָפּגענומען פאַלקן אַ האַלב־דערפרוירענעם פון בריטשקע אַראָפּ.

ווידער האָט דער פורמאַן אַ שמיץ געטון די פערד און די בריטשקע האָט אין גאַלאָפּ זיך אַוועקגעטראָגן ווייט־ווייט אין אָנהויב פון דער נאַכט אַריין.

פאַלק האָט נישט געפילט אין זיך קיין שום אבר. נאָר ווען די ווייבער האָבן אים געשלעפּט צו דער כאַטע צו, אַזוי ווי מ׳שלעפּט אַן איינגעעקשנט קאַלב, האָט פאַלקן אַ שנייד געטון אַ בריעדיק שטעכן אין די פיס, אַזש ביז משוגעת.

אין דער שטוב פון ישובניק, דאָרט ווו מ׳האָט אַריינגעכאַפּט פאַלקן, איז געשטאַנען אַ דעמפּיקע וואַרעמקייט. דער דאָרפישער אויוון איז געווען אָנגעהאַליעט מיט טרוקן האָלץ און די צווייגן האָבן הייםלעך געקנאַקט אויפן פייער, אַזוי ווי דאַמאָלס, ערב ניי־יאָר, ווען פאַלק איז אין דער פראָסט פאַרבייגעגאַנגען נעבן אַ וואַלד, האָבן די צווייגן אויך אַזוי געקנאַקט...

די ווייבער האָבן זיך מיט רחמנות געפּאָרעט אַרום פּאַלקן. מ׳האָט אים אויפגעוויקלט דעם שאַל, צעקנעפּלט און אויסגעטון די נאַסע בגדים און אַוועקגעהאָנגען צו טרוקענען. מ׳האָט אַראָפּגעשלעפּט ביי אים פון די געשוואָלענע פיס אַראָפּ די אַדורכגעווייקטע, צעשוואומענע שיך... און אין פּאַלקן איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַ נייע נשמה. ער איז געזעסן מיט די נאַקעטע פיס קייגן איבער דעם צעעפנטן אויוון און זיי געוואַרעמט נעבן פייער...

נאָכדעם ווי פּאַלק האָט זיך צוריק דערפילט אין דער אייגענער הויט, האָט ער זיך ערשט אַרומגעקוקט אַרום זיך. ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט די מילדע, פאַרשאָטנטע בליקן פונם ייד. איבערן חדרל האָט געמיטלעך אַרומגעשפּאַנט דער באַלעבאָס, אַזוי ווי אַ פּאַרצייטישער אַרענדאַר; ער האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין קמצנות, נאָר אויפגענומען די אורחים מיט דער פולער האַנט.

שפּעטער־צו, ווען מ׳האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע, רויכיקע נאַפט־לעמפּל, זענען אַלע דריי — דער באַלעבאָס, דער ייד און פּאַלק — געזעסן ביי אַ שווערן הילצערנעם טיש, אַרום אָנגעלאָדענע שיסלען וויעטשערע און מיט אַפּעטיט געריבן אַ הייסן קאַפּושניאַק.

— וידבר — האָט געזעדט... יהוה — גאָט... אל־צו... משה — משה... לאמר — אַזוי צו זאָגן...

די קינדערישע קולות, אַרויסגעטראָגן פון פאַרשמירטע, צעעפנטע מיילעכלעך, האָבן זיך מיט ליאַרעם אַריינגעריסן אין פּאַלקס אויערן אַריין און זיך געדריידלט ביי אים אין קאָפּ, אַזוי ווי דאָס שאָרעווען פון אַ לויפנדיק וואַסער.

פּאַלק, אַ קראַנקער, מיט פאַרקלעפּטע און גליעדיקע אויגן־לעפּלעך, האָט זיך געוואַלגערט אין היץ אויף אַן אויסגעקראָכן שעניקל, ערגעץ ביי אַן אָרעמען מלמד אין שטוב.

ווען פּאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט איז אים שווער געווען

צובאַגרייפן, וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט אַ שאָר געטון מיט אַ האַנט אין דער לופט, צוריק זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אויוון און אַריינגעאָטעמט דעם קראַנקן אָטעם אין דער פינצטערער גריבע אַריין.

אין דער שטוב איז געווען טונקל. די איינציקע שטראַלן וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן דורכן מאַטן פענצטער, האָבן זיך פאַרהאַלטן אָן די אָנגעוואָקסענע קופּעס גראָען שטויב אויף די שייבן.

ביי אַ לאַמען פאַרחלבטן טיש, האָט זיך געוויגט אויף דער געפּלאָכטענער „פּאָטער"-שטול, אַזוי ווי אַ מעכאַנישע ספּרענזשינע, דער מלמד און דרימלענדיק געשנאָפּלט אין דער גראָ-געלער באָרד אַריין; און קליינוואַרג האָט געראַשט, גע-פּלוידערט, איבערגעשריגן איינס דאָס אַנדערע און אונטערגע-זונגען אויף קוויטשעדיקע קולותלעך.

הינטערן טיש איז אָנגעגאַנגען דער מסחר:

— גיב אַהער ס'מעסערל, דאָנדיק!

— וויל איך נישט.

— כ'על אויסזאָגן, עס'ט זען.

— קרומע נאָניע, ס'איז נישט דיין!

און דער מלמד שפּרונגט אויף, דערלאַנגט אַ שמיר מיטן קאַנטשיק איבער עמעצנס פּלייצע און חברה, אַזוי ווי יינגע געענדזלעך, צעפּילדערן זיך ווידער:

— באָ — קום... דבר — רעד... אל — צו... פּרעה — פּרעה... מלך — דעם קיניג... מצרים — פון מצרים...

— רבי, רבי, — שרייט פּלוצים אויס פישל נאָניע — די „גראָבע ליפּ" קנייפּט!

— פאַרוואָס קאָפּעט ער? — פאַרענטפערט זיך די „גראָבע ליפּ".

— נישט אמת, רבי, איך קנייפּ נישט.

— כ'זאָל אַזוי געזונט זיין, רבי!

— שטיל זאָל זיין! — צעבייזערט זיך דער מלמד און

פאָרט אַריין מיט דער האַנט אין צעעפנטן העמד אַריין און דערלאַנגט דאָרט אַ מחיהדיקן קראַץ.

אין הדר איז דעמפּיק, די לופט איז געדיכט און אָנגע־רייכערט, אַזוי ווי דער געדיכטער מוטנער שוים אויף אַ גרי־נער, שטייעדיקער אָזערע און פון הילצערנעם פעסל וואַסער, אונטער וועלכן ס׳ראַיען אַרום גאַנצע חמרים ווייסע, פעטע אַסטלען — טראָגט זיך אַרויס אַ פאַרשימלטער, צוגעפוילטער ריח.

בעת אַן הפסקה, צעלאָזט זיך דאָס קליינוואַרג איבערן חדר און איבערן הויף. זיי שטעלן זיך דאַמאָלס אַרום פאַלקן, קריכן אַרויף אויפן שעניק, קוקן אים אין די אויגן אַריין, באַטאַפּן אים, נישטערן.

און פאַלק קאָן נישט פאַרטראָגן. ער ליגט אין אומאָר־דענונג, קרום צעוואָרפן הענט און פיס, אַריבערגעהאָנגען דעם קאָפּ איבערן שעניק אַריבער. דאָס גאַנצע לייב בריט ביי אים און ער ציטערט יעדערס מאָל אויף, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַ וואָרף געטון פון שרעק.

— ווער איז דאָס ? — פרעגט אַ דאַר יינגעלע דעם צווייטן.

— כ׳ווייס ? — ענטפערט דאָס אַנדערע און ציט מיט די אַקסלען.

— ער האָט נישט קיין היים. — רופט זיך אָפּ אַ דריטער, אַ שמאָל־פּנימדיקער און מיט פּאַהלעך.

— לאָמיר זיך אַוועקרוקן, — מישט זיך אַריין אַ פערטער — ער איז קראַנק.

— פישל, פישל, — טרעט נישט אָפּ דער ערשטער פון שעניק און וויל נייגיריק אַלץ וויסן — ער האָט נישט קיין מאַמען ?

— פאַרוואָס זאָל ער נישט האָבן קיין מאַמען ?

— איז צו וואָס האָט זי אים געלאָזן אַליין אַוועקגיין אין דער וועלט אַריין ?

— דער רבי זאָגט — קלערט אויף די „גראָבע ליפּ״ —

אַז ער איז געגאַנגען, ווייל ער האָט נישט געהאַט צו עסן. און די קינדער פאַרשטייען נישט.

— וואָס הייסט, ער האָט נישט געהאַט צו עסן?

דאָס קליינוואַרג פאַרטראַכט זיך ערנסט און שפּעטער, ביים איינחזרן די פּרשה חמוש, האָט זיך זיי אַריינגעלייגט נאָך אַ פראַגע אין די מוחותלעך אַריין, אַ האַרבע, אַ שווערע, וואָס האָט זיי נישט געגעבן קיין רו:

— עסן...

און דאָס גערויש וואָס האָט זיך אַהערגעטראָגן פון טיש צו פאַלקס געלעגער, האָט מיט אימפּעט געזעצט אין פאַלקס גליעדיקע שלייפן, אַזוי ווי דאָס רעדער-געבראַזג פון דער ברישקע מיטן פריץ, אויפן וואַרטער וועג... און די רעדער האָבן זיך געדרייט, געדרייט אָן אויפהער, ביז דער געזשום, אַזוי ווי אַ קוועלנדיק וואַסער, האָט מיטאַמאָל אַ פלייץ געטון און פאַרגאָסן פאַלקס געהירן...

אין דער ענגעניש איז פאַלק נישט געלעגן אַליין. יעדערס מאָל איז צו אים אויפן געלעגער פאַרקראָכן דעם מלמדס קאַץ אָדער הון, זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט פאַלקן אויפן קאָפּ, אויפן שטערן, זיך צוגעטוליעט צו אים און אַריינגעשנאָרכט אַ וואַרעמען קעצישן אָטעם פאַלקן אין מויל אַריין.

— אַפּטשיק! — האָט אַלעמאָל אַן אַנדערער פון די תּלמידים אַ סטראַשע געטון דער קאַץ.

די קאַץ האָט זיך פויל אויפגעשטעלט, אויסגעלענגערט זיך אַזוי ווי אַ בריק און פאַרקראָכן אונטערן בעט אַרונטער.

די מלמדיכע איז צוגעגאַנגען צו פאַלקן. זי האָט אים געקאָרמעט מיט טיי. זי האָט געברענגט אַ ביסל יויך פון אַ שכנטע.

— יונה, דאָס ייִנגל געפעלט מיר נישט — האָט די מלמדיכע אַ פאַרזאָרגטע אַ זאָג געטון צום מאַן.

— גאָט וועט העלפן, ער וועט העלפן...

און דער מלמד האָט אַ פיר געטון מיט דער צעעפנטער האַנט איבער דער גראָ-געלבלעכער באָרד, שיטערלעך צעפלאָכטן איבערן קאַלירטן, וואַרעמען שפּענצער.

דער ייד, דער יורד, איז אַריינגעקומען און זיך מיד אַוועקגעזעצט.

— איך האָב געוואָלט אויף אים וואַרטן — האָט דער ייד אַ ווייז געטון אויף פאַלקן — זייער אַ ווייל און שטיל יינגל, ער ליידט נעבעך אַ סך. וואָס קאָן איך אָבער טון? כ׳האָב קיין עין־הרע אַ ווייב, קינדערלעך... כ׳קאָן זיך נישט אָנטון דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן צו זיצן אַ וואָך צייט אין אַ שטאָט.

דער מלמד האָט פאַרשטאַנען דעם יידס רמז, ער האָט אָבער נישט געהאַט דאָס האַרץ אים צוצורעדן, אַז ער זאָל וואַרטן ביז פאַלק וועט געזונט ווערן.

דערנאָך האָט זיך דער ייד אויפגעהויבן פון אָרט, מיט אַ דין לעדערן רעמיטל אונטערגעבונדן דאָס טלומיקל אויף דער פּלייצע, גוט זיך איינגעקוקט אינם פּנים פון שלאָפנדיקן פאַלק און פרום זיך צוזעגנט מיטן מלמד, וועלכער האָט איצט אויס־געזען אויף זיין אויסגעפּליקטער פּאָטער־שטול, אַזוי ווי אַ פּאַטריאַרך.

— גייט געזונטערהייט. זייט מצליח...

און ווידער האָט זיך דאָס קליינוואַרג ביים טיש צעפּיל־דערט און דער ליאַרם, אַזוי ווי דאָס קלאַפּן פון האַמערס, האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן פאַלקס גליעדיקע שלייפן:

— וישלח — ער זאָל אַרויסשיקן... את — אין... בני — די קינדער... — ישראל — די יידן... מארצו — פון זיין לאַנד...

צעשויבערט און איבערגעשראָקן האָט זיך פאַלק אויפ־געזעצט אויפן געלעגער. ער האָט זיך געפּילט עפּעס מאָדנע שוואַך און אומבאַהאָלפן. מיט אַ משונה־בייגיריקייט האָט ער געקוקט אויפן קליינוואַרג, וואָס זענען — אַזוי ווי אַמאָל, די מייז אין קעלער — אַרומגעשפּרונגען נעבן זיין קערפּער... פאַלק האָט זיך אַראָפּגעשלעפּט פון שעניק אַראָפּ, וואָס איז

געווען צונויפגעניית פון צוויי אויסגעריבענע און געלאַטעטע עק, און געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

— נו, בחור, וואָס מאַכסטו? — האָט גוטמוטיק און מיט אַ שמייכל זיך אַ ווענד געטון צו אים דער מלמד.

פאַלקס פּנים האָט זיך אויסגעקרומט.

די מלמדיכע פאַרפאָרעט און מיט אַ פרומער מינע, האָט פון ערגעץ אויף אינדערגיך אַריינגעכאַפּט אַ גלעזל טיי, זי האָט זיך געדרייט נעבן פאַלקן אַזוי ווי אַ קוואָקע אַרום אַ ניי-געבוירן עופהלע.

— דער אייבערשטער וועט העלפן, וועט העלפן... — האָט דער מלמד אונטערגעטאַקעוועט און צוגעגעבן מוט.

— ווו איז דער ייד? — האָט פּלוצים פאַלק פאַרזאָרגט אַרויסגערעדט.

— פאַרשטייסט, מיין קינד, — האָט דער מלמד שטיל אָנגעהויבן און נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער דעם קראַנקן יינגל — דאַרפסט נישט האָבן קיין פאַריבל אויף אים, ער איז קיין עין-הרע אַ שפּייזער פון אַ שטוב, ער האָט נישט געקאָנט וואַרטן.

— אַז מ׳האָט אינדערהיים זעקס הונגעריקע שוואַלבן — האָט די מלמדיכע מיט אַ תּחונה-ניגון און מיט טרערן אין די אויגן אונטערגעהאָלפן — טרייבט עס נעבעך אין דער וועלט אַריין...

און ס׳קליינוואַרג האָט אָפּגעריסן פאַרחידושט די אייגלעך פון חומש, געזען פאַרטון אין יעדער מינדסטער באַוועגונג פון פאַלקן. זיי האָבן ממש געשלונגען אי׳טלעכן ריר פון דאָזיקן שוואַכן יינגל, וואָס איז איצט וואַקלדיק געשטאַנען נעבן גרויסן, מיט חלב-אויסגעשמירטן טיש.

— איז דער ייד טאַקע אַוועקגעגאַנגען? — האָט פאַלק זיך נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט און נישט געקאָנט באַגרייפן דעם אמת.

פאַלקן איז נישט באַפאַלן די אימה פון אַליין-זיין אין דער פרעמד, אים האָט נאָר באַהערשט אַן אומפאַרשטענדלעך-

נאָגנדיקע בענקשאַפט. ער וואָלט זיך מיט דעם ייד נישט געשיידט ביז אַהיים, דער ייד איז אַלעמאָל געווען מילד און גוט צו אים.

דאָס קליינוואַרג האָט זיך ווידער מיט געפילדער צעוויגט איבער דער פרשה חמוש און פאַלק האָט פאַוואָליע אויפגעעפנט די טיר און זיך אַרויסגעשאַרט אין דרויסן אַרויס.

פאַלק איז איינער אַליין געשטאַנען אין מיטן גרויסן מאַרק און מיט אינטערעס זיך פאַרגאַפט אויף יעדער נאַרישקייט: דאָ אויפן ברונעם, דאָ אויף דער ציג, דאָ אויפן איינגעבוקטן בית־המדרש מיטן הילצערנעם געזימסל... ווי דער זכרון דינט אים נישט! ווי אַזוי איז ער געקומען אין דערדאָזיקער שטאָט אַריין? ער וואָלט געשווירן, אַז ער האָט אַפילו די שטאָט פאַר די אויגן נישט געזען. און ענצלווייז הייבט זיך פאַלק אָן דערמאָנען וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, אַזוי ווי ס'וואָלט אין זיין מוח פלוצים אויפגעבליצט אַ שוואַך פייערל און וואָס אַמאָל העלער געוואָרן, ליכטיקער... אַהאַ, ער געדענקט! דאָס איז געווען נאָכן גיין אינם געוויסער קיין דוואָעט, ווען דער פריץ האָט אים אַרויסגעכאַפט אויף דער בריטשקע אַרויף און אָפגעפירט אַ האַלב־דערפרוירענעם צום ישובניק אין דאָרף אַריין. נאָכדעם איז ער קראַנק געוואָרן. אַ קראַנקער זיך אַהערגעשלעפט דאָ אין שטאָט אַריין, ווו דער מלמד האָט אויף אים רחמנות געהאַט, זיך מרחם געווען און געלאָזט אים אַוועקלייגן ביי זיך אין דושנעם חדרל אויפן שעניק. פאַלק ווייס איצט, אַז ער איז אַ וואָך צייט געלעגן אין היץ, יעדערס מאָל אין שרעק זיך אויפגעריסן פון אויף דער ערד און גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד.

אָבער איצט איז פאַלק צוריק געזונט. ער מוז נאָר אָנגעמען פרישע כוחות און אויפסניי, אויף גאָטס באַראָט, זיך אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַריין.

איינם קומענדיקן זומער האָט זיך פאַלק ווידער צונויפ-

געטראָפן מיט די אַלט־שטעטישע „כאַפּער". זיי זענען איצט געגאַנגען זאַלבעדריט, דריי יינגען אַזוי ווי די ביקעס — הערצקע, פישל און עזרא. פאַלק האָט דידאָזיקע יינגען גלייך דערקאָנט:

— וועמען איך זע דאָ! — האָט פאַלק דערפרייט אויס־געשריען — הערצקע און פישל און עזרא אויך!

— פאַלק? — האָבן זיך די דריי פאַרחידושט — האַ? ווי אַזוי ביזטו עפּעס דאָ אויסגעוואַקסן?

— אוי, אַ בראָך צו דיינע יאָר. גי נאָר אַ קוק ווי דו זעסט אויס! — האָט פישל אים אַ טאַפּ געטון.

— ס'איז געביטערט! — באַקלאָגט זיך פאַלק — ארומגע־וואַלגערט זיך. געשלעפּט וואַסער און ליים און ציגל. נישטאָ צו עסן...

— קום, ברודער! — האָט הערצקע ווילעריש אַ קלאַפּ געטון פאַלקן איבערן אַקסל — מיר גייען צום דייטש זוכן אַרבעט. קום מיט אונדז, אסור צו דו וועסט פּגרן פון הונגער.

— עזרא, — האָט פישל זייטיק אַ ווינק געטון צו עזראן — גיב אים ברויט.

און עזרא האָט אַראָפּגענומען דאָס זעקל פון דער פּליי־צע, עטוואָס דאָרט געגראַבלט און באַלד אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַרדאַרטע לחמא ברויט.

— נאַ, קיי!..

פאַלק האָט צוגענומען דעם לאַבן, צופרידן געקוקט אויף די יינגען און באַוואונדערט זייער פרייִלעכקייט, זייערע ברוין־אָנגעברענטע פּנימער און מוסקולירטע הענט און פיס.

— און מ'עט טאַקע קריגן אַרבעט ביים דייטש?

— דאגה נישט. — האָט פישל מיט אַ ברייטן לאַך באַ־רויקט פאַלקן.

זאַלבעפירט האָט מען איצט געשפּרייזט אויף שאָסייען. זאַלבעפירט האָט מען אַרומגענישטערט אין די שטעטלעך, געשלאָפן אויף די גאַרעס און זאַלבעפירט האָט מען געהונגערט און געגעסן...

און אַז דאָס ברויט האָט זיך אויסגעלאָזט און די זעקלעך זענען געוואָרן ליידיק, האָט מען אויך נישט פֿאַרלוירן די פֿריערדיקע פֿריילעכקייט.

זענען דריי פֿאַרשוין אַריין צו אַ בעקער, איינער האָט „געטיצט,“ דער צווייטער האָט געמאַכט „אַ וואַנט“ און דער דריטער האָט אַראָפּגעלאָזן אַ ראַזאָווע ברייטל — קליין און האַרט אזוי ווי אַ שטיקל אייזן — צו זיך אין „שאַפּ“ אַריין. און אינדרויסן האָט געוואַרט דער פֿירטער, גרייט מיטן צעעפֿנטן זעקל, אויפֿצונעמען דאָס „רויב“ פֿון די דריי ייִנגען...

האָט מען געפּאַטשט באָרוועסע אין בריערדיקן זאַמד, געזונגען לידער און אויפֿגעוועקט די שטעטלשע, וואָס האָבן נייגיריק אַרויסגעקוקט דורך טירן-פֿענצטער און באַוווּנדערט זייער ביַיז „שווילטאָג“...

קוים איז מען אָנגעקומען אין אַ וואַלד אַריין, האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די בגדים, מ׳האָט זיך אויסגעצויגן נאַקעטע אויף דער פֿײַכטער ערד, אונטער די שאָטנס פֿון געדיכטע נאָדל-ביימער און אַז דער שלאָף זאָל זיין באמת געשמאַק, האָט מען צונויפֿגעקליבן אַ באַרג אויסגעטרוקנטע שישקעס און זיי אונטערגעלייגט צוקאָפּנס... און די זון האָט זיך אַדורכגעגנבעט דורך דעם ענגען געפֿלעכט פֿון די גרינע נאָדלען און אַריינגעשפּריצט שטיקער גאָלד אין אויג אַריין... און ערגעץ האָט מיט אַ טויבן וואַלד-הילך זיך אָפּגעבראָכן אַ צווייג און צוזאַמען מיטן קנאַק פֿון האָלץ, האָט זיך אויך אויפֿגעהויבן דאָס ווייבערישע קול פֿון דער קוקאַווקע.

אַז הערצקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ דעריאַכמעטער, אויסגעלעגערט זיך און אויסגעשפּיגן, האָט ער געזען די דריי ייִנגען צעוואָרפֿן איבערן וואַלד. פֿישל איז געלעגן אויף זיין גרויסן בויך, מיטן פּנים אַראָפּ, געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין און געטראַכט. עזרא האָט אַרומגעבראָדזשעט צווישן די ביימער און פֿאַלק האָט זיך פֿאַרגאַפֿט אין דער זון.

הערצקע האָט זיך עפּעס דערמאָנט און ער האָט זיך אַ הייב אויף געטון פֿון אויף דער ערד.

— נו, עזרא? געמאַכט ס׳געשעפט? — האָט ער זיך מיט בּרייטע, ווייל-יינגערישע באַוועגונגען צוגעשאַרט צו עזראן.

— ס׳קאָן זיין געמאַכט. — האָט געזאָגט עזרא — נעמסט אַ רובּל?

הערצקע האָט אַ מינוט אַ טראַכט געטון און מיטאַמאָל אַרויסגעפּאָרן:

— אַ סוף, כאַפּט דיך דער טייוול! צוגעפּאַטשט!...

פּישל מיט פאַלקן האָבן זיך דערנענטערט:

— וואָס? דו פאַרקויפסט אים די כאַליעוועס?

— כ׳פאַרקויף.

עזרא האָט אייפגעעפנט דאָס טייסטערל און אַרויסגע- גראַבלט אַ פאַפירענעם רוסישן באַנקנאָט.

— נאַ, ווער געניזוקט. גיב אַהער די כאַליעוועס!

הערצקע האָט פאָרזיכטיק צוגענומען דעם רובּל און אים אַריינגעפּאַקט ערגעץ אין העמד אַריין, דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעבונדן דעם זאַק און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּאָר אַלטע, צעקנייטשטע כאַליעוועס.

— לאָמיר אַזוי ביידע לעבן — גיט צו הערצקע — ווי דו האַנדלסט אַ מציאה.

ווען די יינגען זענען אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין, האָט עזרא אַוועקגעטראָגן די כאַליעוועס צום שוסטער, געלאָזט מאַכן אַן אונטערנייעכץ און אויפגעשטעלט ממש אַ פּאָר נייע שטיוול, אַז ס׳האָבן געמעגט גיין פאַר זיי אַ כפּרה די שטיוול פון ערשטן בעסטן פּריץ...

הערצקע האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן אויפן גע- לעגער. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געדרייט אויף דער נאַרע, געברומט, געווען אין כעס — ער האָט זיך נעכטן צע- ווערטלט מיט עזראן. ער, הערצקע, וויל, אַז עזרא זאָל אים אומקערן די שטיוול און ער וועט אים באַצאָלן פאַרן אונטער- נייעכץ. נאָר עזרא האָט זיך איינגעעקשנט — אַזוי האַנדל ט

נישט קיין לייטישער גנב... געהאַט אַ טעות? פאַרפאַלן! פאַרקויפט איז פאַרקויפט... הערצקע האַלט נישט פון קיין דין-תורה — ער האָט אַ פּאָר פעסטע מוסקולן. ווילסט נישט? — געריבן אַ מאָרדע, צוגענומען „ס׳מאַסמאַטן" און געשיקט אין גאַס אַריין...

האָט זיך טאַקע הערצקע היינט אויפגעהויבן אויף דער לינקער זייט. ווער ס׳וואָלט נישט געוווסט וועגן מסחר מיט די שטיוול, וואָלט אוודאי געמיינט, אַז דאָס איז הערצקע אַזוי אויפגעבראַכט אויף דער זון, דערפאַר וואָס זי האָט ווי אַ בייז אָנשיקעניש זיך צעגליט פון פאַרטאָגס אָן.

און איידער דאָס שטעטל האָט נאָך אויפגעוואַכט, האָבן שוין אַלע פיר געשפּאַנט איבערן גרויסן מאַרק, הערצקע — שווייגנדיק, מיט די הענט פאַרשטעקט אין די הויזן-קעשענעס און מיט אַ צוגעלענט אייגל, וואָס האָט באַדייט ערב אַ שטו-רעם...

— גיב אַהער די שטיוול! — זאָגט הערצקע מיט אַ ברום.

— דו האָסט אויף זיי נישט קיין „פּראַווע". כ׳האָב באַ-צאָלט.

— ווילסט ס׳זאָל זיין אַ גראַטשקע?

— זאָל זיין אַ גראַטשקע. — האַלט זיך עזרא פעסט ביי דאָס זייניקע.

און פּלוצים איז דאָס זוניקע און מנוחהדיקע שטעטעלע אויפגעטרייסלט געוואָרן פון געשרייען און פון קרעכצן, וואָס האָבן אינאיינעם מיט דער פרימאָרגן-לופט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך די הילצערנע ווענט אין די שטובן אַריין.

פאַרשלאָפענע יידן מיט אייגעפּעדערטע קאַפּלען, יידענעס אין קופקעס, צעקנעפלטע יינגלעך און מיידלעך, האָבן מיט פּחד זיך באַוויזן אויף די וועראַנדעס, אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די אויפגעפּראַלטע פענצטער אַרויס און אַרויסגעקוקט אין מאַרק אַריין.

— וואָס איז?

— וואָס איז געשען? — האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט פראַגן די אַרויסגעבויגענע קעפּ פון די פענצטער אַרויס.

— צוויי יינגען קיילן זיך.

— וועמעס יינגען?

— נישט קיין היגע. פון דער פרעמד.

און אויף דער ערד אינם ווייסן זאַמד האָבן זיך געטאָרעט הערצקע מיט עזראן, אַזוי ווי ריזן אין צירק. זיי זענען געווען דעריאַכמעט, אונטערגעשפּרונגען מיט צעשויבערטע און אויפגעשטעלטע טשופּרינעס און יעדערס מאָל אויפסניימיט די פויסטן איינער דעם צווייטן רוגזהדיק אַריינגעפּאָרן אין לייב אַריין.

פישל מיט פאַלקן זענען נישט צוגעגאַנגען. זיי האָבן זיך רויק צוגעקוקט צום געשלעג און זיך נישט אַריינגעמישט.

מיטאַמאָל איז הערצקע אויפגעשפּרונגען פון אויף דער ערד, אַרויסגעריסן די שטיוול פון עזראן און אַנטלאָפן היגטער דער שטאָט אַרונטער.

— פאַלק, קום! — האָט נאָר הערצקע באַוויזן אויסצושרייען.

און פאַלק מיט הערצקען זענען מיט אימפּעט געלאָפן אויפן גלאַטיקן שאָסיי, געיאָגט פון עזראן און פון פישלען.

נאָך דער באַגאַנגענער עולה פון הערצקען, האָבן זיך די יינגען איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן.

הערצקע מיט פאַלקן האָבן זיך פּאַרקירעוועט אויף די פעלדער, זענען אַריין אין צייטיקן קאָרן אַריין, זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די בייכער און געלעגן אַזוי מיט אַ צונויפגעפּרעסטן אָטעם און געוואַרט אַז די יינגען זאָלן פאַרבייליופן.

פאַלקן האָט קנאַפּ אינטערעסירט דער גאַנצער עסק. ער איז גאָר געווען צופרידן פון דעם, וואָס ס׳איז אַביסל לעבעדיק און פון דעם וואָס ער ליגט אין קאָרן, באַרינגלט מיט אַ שפע פון בלאָע קאָרן-בלימלעך און רויטע, ווילדע „מאָןקעפּלעך”....

אָט דערהערן זיך גיכע טריט. פאַלק מיט הערצקען

קאָרטשן זיך מער צונויף, כּדי מ׳זאָל נישט אַרויסזען דעם קאָפּ אָדער האַנט פון קאָרן אַרויס...

אומגעריכט איז אָבער הערצקע אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעלאָפן פון פעלד אַרויס, געבליבן שטיין גלייך אַזוי ווי אַ ווירע אין מיטן שאָסיי און זיך צעשריגן נאָך די פאַרבייגעלאָפענע יינגען:

— עזרא! עזרא!

עזרא מיט פישלען האָבן זיך פאַרהאַלטן. זיי האָבן נישט געקאָנט משיג זיין וואָס דאָ איז אַזעלכעס פאָרגעקומען, וואָס פאַר אַ משוגעת ס׳האָט זיך פּלוצים אַריינגעלייגט אין הערצקען.

פישל מיט עזראן זענען צוגעקומען, אָנגעקוקט מיט פאַרשעמטע בליקן דעם דעריאַכמעטן הערצקע און פאַלקן.

און הערצקע האָט אַ וואָרף געטון די שטיוול אין זאַמד אַריין:

— נאַדיר די שטיוול!

עזרא האָט זיך שווייגנדיק אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן די שטיוול פון אויף דער ערד. די יינגען זענען זיך טאַקע געבליבן אייביקע גוטע פריינט, נאָר צוזאַמען איז מען שוין נישט געגאַנגען. הערצקע מיט פאַלקן האָבן אַוועקגעשפּרייזט אויף איין שאָסיי און פישל מיט הערצקען — אויף אַ צווייטן שאָסיי.

מ׳האָט זיך אַוועקגעלאָזן צום דייטש אויף אַרבעט.

אַ מאַן דרייסיק — אָפּגעריסענע, מידע, הונגעריקע — זענען די יינגען געשטאַנען אינם פאַרוואָרלאָזטן פויערשן הויף, הינטער דער טיר פון דעם דייטשישן סאַטראַפּס פּאַטע און געוואַרט אויף אַן ענטפער, צי זיי זענען צוגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט אָדער נישט. פון הינטערן פּאַרקאַן האָט זיך אַריינגעריסן דער פרישער און געזונטער ריח פון די פעלדער, זיך אַריינגעלייגט אַזוי ווי אַ דערקוויקונג אין די

אויסגעפּייניקטע געמיטער אַריין און געמוטיקט, צוגעגעבן האָפענונג. די יינגען האָבן זיך דאָך באַאומרויקט, איינגעהערט זיך אין יעדן שאָרך וואָס האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון דעם שאַכמייסטערס ווינונג אַרויס און ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי אָט די אַלע מענטשן וואָלטן געווען פאַרמשפּטע און פון דאָרט, פון אינעווייניק, דאַרף אַ ליאַדע רגע אָנקומען די בשורה פון באַגנעדיקונג...

אויף פאַלק מיט הערצקען זענען דאָ געווען אין רעדל. הערצקע האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ צעבראָכענעם וואָגן, געלייגט זיך מיטן פּנים אַראָפּ און געדרימלט אין דער קילער פרימאָרגן-לופט.

פאַלק האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון געזעמל, איינער אַליין פאַרקראָכן אין אַ ווינקל אַריין און אַרומגעבראָדזשעט אין די פאַרמיסטיקטע בלאָטעס נעבן די שטאַלן.

די יינגען, אַמייסטן געוועזענע „כאַפּערס", האָבן זיך געוויצלט, געחוזקט און געליאַרעמט, אַזוי ווי אויף אַלט-שטאָט צווישן די סטראַגאַנעס. אַנדערע זענען שטיל, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, געלעגן אויף אַ קופּע ברעטער.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם דייטשס ווינונג און די אַרבעטער זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער.

אין מיטן הויף, באַרינגלט פון די הונגעריקע, איז גע-שטאַנען דער שאַכמייסטער, אַ בייזער, שמאַלציקער „יעקע", מיט ברייטע אויפגעהויבענע וואָנסן צו דער נאָז און לאַנגזאַם אויסגערופן זייערע נעמען. און אַז דער דייטש האָט געענדיקט לייענען, איז ער אַוועק מיט די אַרבעטער צום פּלויט, נעבן אַ שורה צעבראָכענע שטעלעכלעך, אויפגעעפנט אַ שטאַל און גענומען אַרויסטיילן פון דאָרט שווערע, אייזערנע האַמערס, אַרויפגעזעצטע אויף קורצע, רונדיקע הענטלעך. און די האַמערס זענען אַריבערגעוואָרפענע געהאָנגען אויף די אַקסלען פון די אַרבעטער, געקיועטשט מיט זייער משא דאָס לייב, אַזוי ווי גרויסע, מאַסיווע צירק-געוויכטער.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך, איז מען אַוועק זוכן „קוואַרטיר".
איצט איז דער עולם געגאַנגען פּריילעך, מיט געזאַנג, אַזוי ווי אַ מחנה מלחמה-געפאַנגענע. מ'האָט זיך געשלעפּט מיט די האַמערס צו דער שטאָט.

פאַלק האָט זיך כסדר געהאַלטן האַרט נעבן הערצקען. הערצקע איז אַ קרעפּטיקער ייִנג מיט מוסקולן, ער וועט באַשיצן פאַלקן, ער וועט אים נישט לאָזן קיין שלעכטס טון.

און פאַלק שפּרייזט צוגלייך מיט אַלעמען אויפן שאָסיי — ייִדן און קריסטן, אַרנטלעכע און פאַרברעכער; פאַלק בייגט זיך איין אונטער דער לאַסט פון האַמער, די פיס ברעכן זיך אונטער אים, נאָר ער זאָגט גאָרנישט, ער גייט שווייגנדיק אַרויף צו דער שטאָט, אַזוי ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיינע אַקסלען אַ גרויסן בראָנדזענעם צלם — — —

דער שאָסיי, וועלכער שניידט זיך ערגעץ ווייט אַוועק צווישן צוויי פלאַכן פעלדער, איז גאָלדן-זוניק און באַלייגט אין ביידע זייטן, נעבן די רווון, מיט קאַנטיק-לענגלעכע קופּעס שטיינער, אַזוי ווי פאַרמאַכטע טרומנעס. און פון דידאָזיקע שטייגערנע טרומנעס הייבט זיך אויף אַ שיטער געקלאַפּ פון האַמערס, הילכט אָפּ אויפן שאָסיי און צעטראָגט זיך העט-העט איבערן דאָרף, ביזן סאַמע וואַלד אַריין.

אויסגעטועטע, בלויז אין די העמדער און אין די הויזן, מיט צוגעשמידטע בליקן צו דער ערד, קניען די אַרבעטער אַרום די שווערע שטיינער-לאָדונגען. מיט איין און דער זעלבער באַוועגונג, הייבט זיך די האַנט הונדערטער מאָל אויף אין דער הייך —

— טראַך-טראַך!

— טראַך-טראַך!

די האַמערס, גיך און גיכער, שמועסן זיך אויס צווישן זיך אויף זייער אייזערנעם לשון, קייען מיט געטרעשטש דעם צעשטויסענעם שאָבער און די דרייהונדערט פאַרשוין, וואָס

אַרבעטן דאָ אונטער דער אָנגעגליטער זון, מיטן שווייס פון זייערע לייבער, אַזוי ווי ביים אויפבויען פּתום און רעמסס. קאָרטשן זיך אונטער דער מורא פון דעם איינציקן ציווילן אויפזעער, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום אַן אָנגעטוענער אין שוואַרצע אויסגעפּאַסטע שטיוועלעך און פּאַטשט כּסדר מיט אַ שאַרף שפּיזרוטל ווילעריש אין דער גלאַנציקער כאָליעווע אַריין...

— אַרבייטן! אַרבייטן!

מיטן געפּיל פון רעשות, פון ווילדער און טעמפּער הנאה, טרייבט ער שטרענג אונטער די פאַרפּייניקטע און ביי עמעצן פון די מידע פּאַלט אַרויס דער האַמער פון דער האַנט אין זאַמד אַריין. ס'ביילט זיך צונויף אַ פויסט און די פויסט ווערט אַזוי ווי אַריינגעגראָבן אין דער קופּע שטיינער...

פּלוצים, אַזוי ווי אַ ווינט, לויפט פאַרביי פאַר אַלעמענס אויערן די ידיעה:

דער שאַכמייסטער גייט!

און דאָס האַרץ פון דרייהונדערט שמידן צאַפּלט אויף. מ'לייגט זיך אַראָפּ טיפער אין רווו אַריין... דער האַמער איילט זיך, ער שפּרונגט נערוועז און מיט אימה איבער דער שטיינערנער קאָוואַדלע און פרעסט רוגזהדיק אויף דעם שאַבער...

און די פרעס־מאַשינען, אַזוי ווי דריי ריזיקע אייזערנע העלפאַנטן, שפּאַצירן געמיטלעך איבערן פרישן אויסגעבויטן שאָסיי און שנאָרכן, שנאָרכן אין זאַמד אַריין... און די שטיינער קאָרטשן זיך קרעכצנדיק צונויף אונטער די פיס פון דידאָזיקע העלפאַנטן...

פּאַלק געפינט זיך צווישן די דרייהונדערט פאַרפּייניקטע יידן און קריסטן, ער איז דער יינגסטער און וואַכסטער פון זיי אַלע — ער איז נאָך כמעט אַ קינד. פּאַלק קאָן נישט אויפהייבן דעם האַמער, ער הייבט אים אויף און לאָזט אים אָנמעכטיק אַראָפּ אויף דער שטיינערנער קאָוואַדלע און דער דראָבנער שטיינער־אָפּפאַל, שפּריצט אַזוי ווי בריעדיקע פונקען גלייך צו פּאַלקן אין סאַמע פּנים אַריין און דאָס פּנים באַקומט

בלאָע פלעקן און בלוט-צייכנס... אויך די הענט זענען ביי פאַלקן אָפּגעשיילט, באַדעקט מיט ווונדן און מיט מאָזאָליעס, צוליב דעמדאָזיקן שטיינער-געשפּריץ.

און פאַלק וויל אָפּרוען. זאָל נאָר אויפהערן דער ווייטיק אין אַלע גלידער און ער וועט ווידער אַרבעטן, ער וועט אַרבעטן געטריי — ער וויל לעבן פון ערלעכער אַרבעט... ער, פאַלק, וויל נישט קיינעמס. ס'איז אים שוין פאַרמיאוסט דער הקדש. פון היינט אָן וועט פאַלק מער נישט צוריקגיין אין הקדש אַריין. ער וועט נישט גיין! און פאַלק איז צופרידן פון דאָזיקן באַוווסטזיין, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח, אַזוי ווי אַ טירל וואָלט זיך מיטאַמאָל אויפגעעפנט ביי אים אין קאָפּ און שטראָמען ליכט ציען זיך פון ערגעץ צו אים אין די געהירן אַריין... — — וואָלט מענדזשעלע געקומען צום דאָזיקן באַוווסטזיין? וואָלט די „פופע" אויך אַזוי געטון? און וואָס וואָלט געזאָגט פּיוויש? דער בלינדער פּיוויש וואָס וואָלט געזאָגט? — —

פּלוצים האָט פאַלק דערפילט אַ שניידיקן ברי איבערן נאַקעטן לייב און פאַלק האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך באַגעגנט מיט די שטרענגע בליקן פון אויפזעער — —

— דאָננערוועטער! אַרבייטן!..

און פון קייגנאיבער האָבן זיך עטלעכע כאַמעס צעלאַכט:

— דאָבזשע טאַק!..

פאַלק האָט אויפסניי אָנגעשטרענגט די כוחות און דער אויפזעער איז פאַרשוווּנדן. נאָר הערצקע האָט נישט געזען ווי מ'שלאָגט פאַלקן. הערצקע וואָלט נישט געשוויגן. ער וואָלט דרייסט אונטערגעשפּרונגען און יענעם אַריינגעפּאָרן אין דער מאָרדע אַריין. שלינגט פאַלק אַראָפּ דעם סוד און ס'קומט נישט צו קיין געשלעג צווישן דעם אויפזעערס חניפהניקעס מיט די ערלעכע, פאַרעקשנטע אַרבעטער.

פאַלק קרעכצט און שלעפּט דעם האַמער. דער שוויס, וואָס רינט אַראָפּ פון זיין פּנים, טריפט גלייך אין דער קופּע שאָבער אַריין... די שוויס-טראָפּן נעצן דאָס זאַמד און עסן זיך איין אין דער ערד...

פון דער ווייטן פּאַרט אָן אַ פּויערשער וואָגן. דער גוי טרייבט די פערד און שרייט אַהער צו פּאַלקן:

— שטשענש באָזשע!

— בוג זאַפּלאַטש! — ענטפערט אָפּ פּאַלק.

און אויפן שאָסיי רוישט עס אַזוי ווי אין אַ בינען-שטאָק. מ'שרייט, מ'ליאַרמעט און די קולות טראָגן זיך אַוועק טיף אין וואַלד אַריין.

ווידער איז פאַרבייגעגאַנגען דער שאַכמייסטער און ווי-דער האָט מען אין אימה געטריבן די האַמערס איבער די שטיינערנע קאָוואַדלעס — —

אָט ווערט אַ צוזאַמענגעלויף. פּאַלק איז אומגעפאַלן אַ פאַרחלשטער און אַ גרופּע אַרבעטער האָבן אים אַ כאַפּ געטון אויף די הענט און אים אַוועקגעטראָגן אין מיטן פעלד אַריין, ווייט פון געטומל. אויך הערצקע איז באַלד געקומען צולויפן, ער האָט מיט ברודערישער ליבע אָפּגעמונטערט פּאַלקן און זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים.

— שאַדט נישט — האָבן די עלטערע אַרבעטער גע-טענהט — ס'וועט אים גאָרנישט געשען. דאָס איז איידער מ'געוווינט זיך צו. איצט וועט ער זיין אַ גוטער אַרבעטער!..

פּאַרנאַכט, ווען די זון אַ רויט-צעצונדענע, אַזוי ווי אַ פייערדיקע קויל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די פעלדער און איבערן וואַלד, דאָט כּאַלק צוזאַמען מיט די אַרבעטער, פאַר-האָרעוועטע, מיט אָנגעטויטע מאַרינאַרקעס און היטלען און מיט אַריבערגעוואָרפענע האַמערס און מיט לאָמען איבער די אַקסלען, צוריקגעשפּרייזט עטלעכע וויאָרסט אין שטאָט אַריין. סעקציעסווייז, צו פיר אין דער ריי, האָבן דידאָזיקע מענטשן וועלכע האָבן מיט מידע באַוועגונגען זיך געשאַרט אויפן שאָסיי, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאָמפּאַניע זעלנער איבערגעקליידט אין ציוויל... זענען די יינגען געגאַנגען פריי, געשמועסט צווישן זיך, געזונגען לידער און פון אונטער

באָרוועסע פיס, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער, ווייסער שטויב, זיך צעשפּרייט אין דער לופט און גראָ באַדעקט זיי־ערע פּנימער...

מיט רעש פּאָרט אָן אַ וואָגן היי; די יינגען נעמען אויף דעם וואָגן מיט אויסרופן און מיט געפילדער. דער פּויער לאַכט, דערלאַנגט דעם פערד אַ שמיץ מיט דער בייטש און מיידט אויס די אַרבעטער. באַלד טראָגט זיך אָן מיט גע־רויש נאָך אַ וואָגן און נאָך אַ וואָגן... דאָס פריש־אָפּגעשניטענע היי לאָזט איבער נאָך זיך אַ ריח פון אָפענע פעלדער און צייטיקן פול־ברוסטיקן זומער...

ערב נאַכט־אָנקום טרייבן די פּאַסטוכער אַהיים די בהמות פון די לאָנקעס — די בהמות שפּאַנען מנוחהדיק, מיט אַראָפּ־געלאָזענע קעפּ צו דער ערד און טרייבן אָפּ מיט די ווידלען די בייסנדיקע פליגן, וואָס ראָיען אַרום חמרימווייז אין דער שפּעט־זומערדיקער אָוונט־לופט...

אַנטקעגן די אַרבעטער קומט מיטאַמאָל אָן אַ יינג פּויעריש שיקסל, זי איז געזונט און קרעפטיק, אַזוי ווי אַ יינג און קרעפטיק וואַלד־ביימל. זי פאַרשעמט זיך און לאָזט קינדעריש אַראָפּ די אויגן צו דער ערד. דער עולם קוועלט אָן פון דאָזיקן באַגעגעניש און מ׳לאַכט און מ׳וויצלט זיך און מ׳שיט מיט ווערטלעך — —

אַזוי ווי די וועגענער היי, זענען אויך פאַרשוווּנדן די פּאַסטוכער און דאָס שיקסל און די גליעדיקע זון... דער שאָסיי פאַרלירט זיך און בלייבט ליגן ערגעץ הינטער די יינגען. באַלד שאַרט זיך אַרויס דאָס שטעטל אין אַזאַ לייכטער, בלאָער טונקלקייט, אַזוי ווי דער בלאָער, דורכזיכטיקער טיול אויף אַ ווייסן מיידלשן אָרעם...

ווידער זענען די אַרבעטער אויף זייער „קוואַרטיר" — אַ צייטווייליק־צונויפגעשלאָגענע בויד פון רויע בר׳טער, אַזוי ווי אַ באַראַק. די בויד איז ענג, קוים אויף זעקס מענטשן צום וווינען און אַריינגעקוועטשט זענען אין איר בערך דריי־סיק נפשות — יידן און קריסטן און קליינוואַרג. אַ העלפט

פון דאָזיקן חדר איז פאַרנומען מיט אַ ברייטער הילצערנער נאַרע, אָנגעשיט מיט אַ סך האָלץ-וואָל; גנאָיעט דאָס האָלץ-וואָל אַזוי וואָך-איין, וואָך-אויס, אונטער די מידע פּלייצעס פון די פאַרהאָרעוועטע און ווערן באַדעקט מיט חמרים פעטע, ברוינע ווערם און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפעניש... אָבער דאָס אַלץ שטערט נישט צום גוטן הומאָר פון די ייִנגען: מ'ברענגט וואַסער פון טייכל, מ'שטעלט אויף טיי, מ'פאַרייכערט און מ'דערציילט מעשיות. און אַז ס'ווערט פינצטער צינדט מען נישט אָן קיין לאָמפּ, נאָר חברה ציען זיך אויס אויף די נאַרעס און איינער, אַ „כאַפּער" פון אַלט-שטאָט, מיט אַ פּאָר משונה-לאַנגע פיס, אַזוי ווי די שטעקענעס, זעצט זיך אַוועק אויף אַ ברעג נאַרע, אַרומגערינגלט אין אַ קראַנץ פון נאָך עטלעכע אַרבעטער, וועלכע זיצן אויף דער גאָלער פּאָדלאָגע און ער, דער ייִנג, הענגט אַריבער זיינע לאַנגע פיס איבער יענעמס אַקסלען אַריבער און ער זינגט לידער אויף אַ הייזעריקן קול.

אַן אַנדערער, אַן אויסגעצויגענער אין דער הייך, אויף דער נאַרע, פּאָרט פּלוצים אַריין מיט אַ ניגון פון דער הפטורה:

— יעמוד,
רב יאָקל פּייפער,
פּוטשטו דאָ ספר!
— דאָ ספר ניע פּוידע.
— ליאַ צעגאָ?
— ברכה ניע אומיעם.
— ליאַ צעגאָ ניע אומיס ברכה?
— טאַטאָ מניע ניע אוצאָל.
— אַ ליאַצעגאָ טאַטאָ צע ניע אוצאָל?
— באָ סאַם קרענק אומי —
אמן!

און פּאַלק, אַליין אויך אַזאַ שטיק שאָטן, קניט אַן איינגעטוליעטער אין דער פינצטערניש אויף דער ערד, צווישן אַ קופּע פרעמדע און וואַרעמע פיס און ער דערמאָנט זיך

מיטאַמאָל אַבֿרהם-יעקבֿן, דעם אַלטן סיבירניק, אין פֿאַבריקס-הויף, ווען יענער איז אויך אַזוי פֿאַרקראָכן מיט פֿאַלקן אויף אַ באַרג אָפּגעהיבלטע שפּען, פֿאַרמאַכט די אויגן אונטער זײַנע בלאָע ברילן, געפּיפּקעט פֿון דער ליולקע און געזונגען רוסישע לידער און דערציילט מעשׂיות פֿון סיביר... און פֿאַלק האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט איצט פֿאַרגעסן אָן זײַן שווערער לאַגע און אָן דעם בייזן שאַכמייסטער — ער האָט זיך מיט אַלע זײַנע חושים אויפֿגעהויבן דאָרט אַהין, אין פֿאַבריקס-הויף אַרײַן, וווּ אַלץ האָט צוריק געקריגן פֿלייש און בלוט און אַבֿרהם-יעקבֿ איז אויסגעוואַקסן אַ לעבעדיקער פֿאַר פֿאַלקס אויגן. פֿאַלק פֿילט אַבֿרהם-יעקבֿן נעבן זיך, ער זיצט דאָ אינדערהייך אויף דער נאַרע און הענגט אַראָפּ זײַנע לאַנגע פֿיס איבער פֿאַלקס אַקסלען אַריבער... פֿאַלק האָט אַ סך מאָל אין וועג באַגעגנט דאָס געשטאַלט פֿון אַבֿרהם-יעקבֿן; יענער האָט אים נישט געשראָקן, נאָר געטרייסט. אַבֿרהם-יעקבֿ האָט אים צוגעגעבן מוט איבערצוקומען אין די שווערסטע נויטן. אויך ער, אַבֿרהם-יעקבֿ, איז איבערגעקומען זעקסאונדרײַסיק יאָר סיביר... ווײַל ער, אַבֿרהם-יעקבֿ, האָט זיך צעבונטעוועט... ווײַל ער האָט אויף דער וואָר געוואָלט אויסלעבן אַלע זײַנע בלינדע געפֿילן, אַזוי ווי פֿאַלק איצט... און פֿאַלק דרימלט אַ צונויפֿגעקאָרטשעטער אינעם שאָטן אויף דער ערד און מיטן געפֿיל פֿון קינדערישער ליבע, האַלט ער פֿעסט אַרומגענומען אין ביידע הענט דעם גראָען קאָפּ פֿון אַבֿרהם-יעקבֿן... — —

נישט אויסגעטוצנע, נאָר אָנגעפּעלצטע אין די בורקעס און אין די שטיוול, האָבן זיך די חבֿרה אויסגעצויגן אויף די נאַרעס, לײַב נעבן לײַב, אַזוי ווי אַ קופּע צונויפֿגעקוועטשטע הערינג און מיט געזונגעריי געפּייפּט מיט די נאָז-לעכער. דער מענטשן-קנויל, צעוואָרפֿן מיט הענט און פֿיס, האָט דאָ אויסגעזען, אַזוי ווי אַ באַרג ברודיקע שמאַטעס און די דאָזיקע שמאַטעס, געדעמפּטע אין חלשותדיקן שווייס, האָבן זיך גע-

טאָרעט אַ גאַנצע נאַכט אויפֿן שטינקעדיקן האָלץ-וואָל. אָבער ווער ווייסט דאָ דערוועגן אויסטאָן אַ ·שטיוול? יענער, וואָס וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט צומאָרגנס אַ באָרוועסער געמוזט גיין אויפֿן שאָסיי אַרויף צו דער אַרבעט... און ווער ס׳פֿאַרמאָגט אַ פּאָר מאַרק, באַוואָרנט זיי, ער דרייט זיי איין אין אַ קניפּל אינם העמד — נאָר גנבֿשע פֿינגער טרעפֿן אויך צום דאָזיקן באַהעלטעניש... און אַ ראַזאָווע ברייטל לייגט מען אונטער צוקאָפּן, אָט אַזוי ווי מ׳שפּאַרט אונטער אַ קישן... ליגט מען און מ׳כראָפּעט מיט געפּייפּערײַ...

פֿאַלק כאַפּט זיך אַלעמאָל אויף אין שרעק. אים דאַכט זיך, אַז ער קאָן נישט איבערשפּאַלטן דעם שטיין אויף דער קאָוואַדלע — און ער שפּרונגט אויף. ער לאָזט אַרויס דעם האַמער פֿון דער האַנט... ער צעשרייט זיך... נאָר אויף דער קוואַרטיר איז שטיל... פֿאַלק דערפֿילט עמעצנס פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול אויף זײַנע אוי..ן און דעם ריח פֿון דזשעגעכץ און לעדער... — —

פֿאַלק מוז היטן דעם האַמער. יעדער מוז אָפּהיטן זײַן האַמער. טוט ער אַזוי ווי יעדער איינער טוט. פֿאַלק לייגט אַרונטער דעם האַמער אונטערן קערפּער אויף דער נאַרע און אַזוי היט ער אים... און אַזוי שלאָפֿט ער אויף אים... און מיט דער וואַרעמקייט פֿון זײַן לײַב, וואַרעמט ער אָן דאָס אײַזן... — — און דאָס אײַזן שנײַדט זיך מיט יסורים אין זײַן גוף אַרײַן... — — —

פֿאַרטאָג, ווען דער הימל איז נאָך טונקל-גראָ, שפּרינגט מען אַראָפּ פֿון דער נאַרע. מ׳וואַשט זיך נישט איין. מ׳איז פֿויל צוגיין צום ברונעם אָדער צום טײַכל. און באַלד ווערט דאָס חדרל פֿול מיטן גערויש און ליאַרעם פֿון די אַרבעטער. יעדן אינדערפֿרי צעשרייט זיך אַן אַנדערער, אַז מ׳האָט בײַ אים בײַנאַכט עפּעס צוגעלקחנט...

שטייט אַזוי אַן אָפּגעריסענער שייגעץ אין מיטן שטוב און זידלט זיך און שעלט אין כּלל אַרײַן. ער איז יעדן איינ־

ציקן באַזונדער חושד, אַז נאָר דער האָט ביי אים אָפּערגענומען דאָס ברייטל פון צוקאָפּנס...

— אַ גאַנצע נאַכט געהיטן און דאָך אָפּערגעגנבעט! — קלאָגט דער שייגעץ, אַזוי ווי ס'וואָלט מיט אים געשען אַ ביטער אומגליק.

— וועמען רעדסטו איין אַ גראַנדע, אַז מ'האָט ביי דיר צוגעגנבעט אַ ברויט? — שטעלט זיך אַוועק טענהן דער „לאַנגער אברהמל" — ווער דאַרף דיין ברויט? דו טראַכסט זיך נאָר אויס אַזוי.

— ס'האָט זיך אים געחלומט! — וויל אים צעחושן איינער פון די אַלט-שטעטישע.

— יאַק פּראַגנע יעזוסאַ! — צעקאָכט זיך דער שייגעץ — נישט געחלומט זיך. נאָר פון אָט-אָ דאָ, פון דאַנען, פון דער נאַרע האָט מען גענומען!...

און די געשרייען פילן אָן דעם „קוואַרטיר", טראָגן זיך אין דרויסן אַרויס און לייגן זיך אַוועק אויף די פעלדער.

און אַ נידעריקער יינג, שוואַרץ אַזוי ווי קויל, שפּרונגט אונטער:

— איציק, פאָר אים אַריין, דעם שאַלעוו!

צינדט זיך אָן איציק:

— ס'אַ ליגן!

און דער שייגעץ קלאַפּט זיך מיט דער פויסט אין האַרץ אַריין און שווערט זיך און היילט:

— ניעך יאַ סטריכנע! ניעך יאַ סוואָיאָן קאָכאַנקע וו טרומניע זאָבאַצע!...

פאַלק, דער עקשן, האָט נישט פאַרגעסן דעם בריעדיקן שמיץ פון אויפזועער. דערדאָזיקער שמיץ האָט זיך אים אַזוי ווי אַ פייערדיקע פרענגע אַריינגעלייגט אין זיינע געהירן אַריין און פייניקט אים און גיט אים קיין רו נישט... פאַרוואָס?... ער פילט אָבער, אַז דערדאָזיקער אומגעריכטער שמיץ, האָט

אָנגעצונדן אין זיין מוח עפּעס אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעך פייערל, וואָס קיינער זעט נישט, אַזוי ווי מ׳הערט נישט די שפּראַך פון אַ שטומער צונג...

איז פאַלק פאַרקראָכן צווישן די פעלדער.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט.

און פאַר אים האָט פּלוצים אויפגעלויכטן אַ לויטערער געדאַנק.

אָבער דעם געדאַנק וועט ער נישט דערציילן פאַר די אַרבעטער, ווייל זיי וואָלטן פון אים געלאַכט און חוזק גע-מאַכט. אויך הערצקען וועט ער נישט דערציילן, — הערצקע איז אַ קרעפּטיקער יינג, ער האָט געזונטע מוסקולן, נאָר פאַלקן וועט ער נישט פאַרשטיין.

און פאַלק האָט זיך צעבונטעוועט.

ער, פאַלק, איז שוין אונטערגעוואַקסן.

ער איז שוין גרעסער.

ער קאָן זיך שוין אַליין ווערן.

און אים, פאַלקן, וועט מען נישט טרעטן. אים וועט מען נישט שמייסן אַזוי ווי אַ הונט.

פאַלק וועט אויף זיי אַ שפּיי טון. פאַלק וועט ווידער אַוועק אין דער וועלט אַריין.

און פאַלק איז געשטאַנען אויפן שאָסיי נעבן הערצקען:

— כ׳האָב גענוג, הערצקע! כ׳וועל אַוועק פון דאַנען!

— וואָס איז געשען? — און הערצקע, אַ ווייסער פון שטויב, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דעריאַכמעטער פון דער קופּע שטיינער.

פאַלקס קינדעריש הענטל האָט אויסגעביילט אַ פויסט. נאָר הערצקע האָט דאָס נישט געזען. ער וואָלט געזידלט פאַלקן.

— כ׳קאָן נישט מער. כ׳וועל דיר דאָ איבערלאָזן דעם האַמער. וועסט אים דערנאָך אַוועקטראָגן צום שאַכמייסטער.

— פאַלק, טו דאָס נישט! — האָט זיך הערצקע ביי אים אַזוי ווי געבעטן — אַז דער שאַכמייסטער וועט דערשנאַפּן,

ווען ער נאָכשיסן. ערשט נעכטן האָט ער נאָכגעשאָסן, ווען מ׳איז אַנטלאָפן פון דער אַרבעט.

— נו ?.. — ווערט פאַלק נייגיריק.

— צוויי זענען זיי געווען. איינער איז נעלם געוואָרן. דעם צווייטן האָט מען געכאַפּט און געבראַכט צופירן. מ׳האָט אים געשלאָגן, געפּייניקט...

פאַלקס אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן.

— ווער האָט אים געשלאָגן ? דער אויפזעער ?..

— ביידע. דער אויפזעער מיטן שאַכמייסטער.

אויפן שאָסיי איז די אַרבעט געגאַנגען מיט פולן ברען, מיט אימפעט. די אַרבעטער — יידן און קריסטן — איינגע־קנוילטע, האַלב־נאַקעטע, מיט פאַרשוויסיקטע און ברוינע פנימער, זענען געזעסן אַריבערגעבויגן איבער די קופּעס שטיי־נער און יעדערס מאָל געמאַכט מיטן האַמער איינע און די זעלבע באַוועגונג אויף דער שטיינערנער קאָוואַדלע. און די היץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שאָסיי, געפּרעגלט און גע־בראָטן זייערע לייבער אונטער דער אָפענער און גליִעדיקער זון.

אין דער ווייטן האָט זיך דערהערט דאָס רעדער־געוויש פון אַ פור.

— זיי געזונט, הערצקע! דאָ האָב איך גאָרנישט פאַר־איבעריקס, חוץ פאַרבלוטיקטע הענט פון צו שווערער אַרבעט. איך גיי ווידער אַוועק אין דער וועלט אַריין. ווען מיר וועלן זיך אַמאָל טרעפן, וועל איך דיר דערציילן, וואָס מיט מיר האָט ווייטער פּאַסירט...

הערצקע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ צו דער ערד. אים, דעם שטאַרקן הערצקע מיט די קרעפטיקע מוסקולן, האָבן איצט אויסגעפּעלט ווערטער צו ענטפערן דעם שוואַכן און דאַרינקן פאַלק. אין הארצן האָט ער אָבער באַ־וואונדערט יענעמס זעלטענע דרייסטקייט.

— זיי פאָרזיכטיק! לויף אַרונטער ביז צום וואַלד, דאָרט וועט קיינער נישט זען ווי דו פאַרשווינדסט. — האָט הערצקע אים געעצהט.

און פאַלק, אַן אומרויקער, מיט גיכע און נערוועזע טריט, האָט זיך אַדורכגעשאַרט דורך די צענדליקער אומגעקניטע פויערן, וועלכע האָבן אים אָנגעקוקט נייגיריק און מיט חשד.

מיטאַמאָל איז מיט רעש אָנגעפאָרן אַ סוחרישע בריטש־קע, זי האָט זיך גיך דערנענטערט, זיך אַריינגעשניטן אין סאַמער מיט פון שאָסיי אַריין און דאָס געבראַזג פון די רעדער האָט זיך אויסגעמישט מיטן שיטערן געקלאַפּ פון די האַמער.

ווייט פון די אַרבעטער, אַזש אַ שטיק נעבן וואַלד, איז פאַלק אַרויס אַנטקייגן דער בריטשקע און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן שאָסיי.

די סוחרים האָבן זיך פאַרהאַלטן און אים אויפגענומען.

און פאַלק האָט זיך געוויגט אין דער בריטשקע. מיט אַ פאַרפרעסטער קללה אויף די ליפן, האָט ער געוואָרפן זיינע בליקן צו די לעצטע קופּעס שטיינער און געזען, ווי דאָסדאָ־זיקע אָרט פון זיינע יסורימדיקע איבערלעבונגען, ווערט בלאַ־סער און אָט וועט עס באַלד אַזוי ווי אַ רויך, אינגאַנצן אויס־גערונען ווערן פאַרן אויג.

פאַלק — אין אייביקן גערעג נאָך עסן — איז איצט מיט אימפּעט ווידער געטריבן געוואָרן פאָרויס, צו פרישע פאַר אים אומבאַוווסטע געשעענישן...

פערטער טייל

אַז אינדרויסן איז געווען אַזאַ געגייערײ, איז ער, פֿאַלק, אויך מיטגעגאַנגען. צו וואָס האָט ער באַדאָרפֿן וויסן וואוהין? ביי די ברייטע, צעעפֿנטע טירן האָט קיינער נישט געהיטן, און דער המון, וואָס האָט מחנותווייז געשטראָמט פֿון דער גאַס, האָט געפֿלייצט גלייך אינעווייניק אין זאַל אַריין, דורך דידאָזיקע צעעפֿנטע טירן.

אמת, אַז פֿאַלק איז אַביכל אונטערגעוואַקסן, אָבער זיין קינדערישע נייגיר צו אומבאַקאַנטע זאַכן, איז ביי אים עד־היום אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן, פֿאַרקערט—פֿאַלק פֿאַרטיפֿט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט געזען יעדער אומפֿאַרשטענדלעכקייט באַהאָנגען מיט אַ גרויסן, מיט אַ ריזיקן פֿראַגע־צייכן.

אַ באָרוועסער, מיט אַ בלאָער אַראָפּגעצויגענער מאַטשעיוווקע איבער די אויגן, האָט פֿאַלק — אַזוי ווי אַ קאַץ — גיך זיך אַריינגעשאַרט אין זאַל אַריין. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע, אַז קיינער זאָל אים נישט זען, אַז מ'זאָל אים נישט פֿאַרטשעפּען און מ'זאָל נישט אַרויפּטרעטן אויף זיינע באָרוועסע, אָפּגעבריענטע פֿיס...

דאָס געגייערײ פֿון די קופּעס מענטשן האָט אַלץ נישט אויפֿגעהערט, מ'האָט זיך געאיילט, נעשפּרייזט מיט אימפּעט און דער האַלב־טונקעלער זאַל איז באַלד פֿול געוואָרן ביז איבער די ברעגעס. מ'איז געשטאַנען האַרט איינער נעבן אַנדערן און די אַר־

בעטער וואָס זענען אָנגעקומען פאַרהאָרעוועטע, פאַרשמויבטע, גלייך פון דער אַרבעט, פון פאַבריק, פון וואַרשטאַט, האָבן זיך אַריינגעקוועטשט אין דער ענגעניש, זיי האָבן זיך דאָ געפילט היימיש, זיך איבערגעוואָרפן מיט וואַרעמע בליקן, אַזוי ווי אַלע וואָלטן זיך דאָ צונויפגעקומען, כדי צו פייערן עפעס אַ געמיינזאַמען גרויסן און ערנסטן יום-טוב...

פאַלק האָט באַוואונדערט דידאָזיקע פאַרחושכטע פנימער, וואָס האָבן איצט אויפגעלויכטן מיט אַזאַ לויטערקייט, אַזוי ווי אָט די אַלע מענטשן וואָלטן ערשט דאָ אָפגעהאַלטן אַ וווּנדערלעכן נצחון... און דער גלאַנץ פון דאָזיקן נצחון טראָגט זיך אַריבער איבער דער מאַסע קעפּ, ערגעץ ווייטער, דאָרט אַהין— ווו אַלעמענס אויגן קוקן מיט אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג...

פלוצים האָט אין דער טונקלקייט עפּעס אויפגעשאָרכט, אַזוי ווי אַ גרויס האַרץ וואָלט זיך מיטאַמאָל אַ באַוועג געטון און מ'האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם:

— ער!..

— ער איז דאָ!..

דער עולם האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער, מ'האָט זיך געשטופּט נענטער צו דער ראַמפּע צו... און אַ הילכיק פּאַטשעריי פון הונדערטער בראָנדזענע הענט האָט זיך שאַרף-צייניק אַריינגעביסן אין דער לופט אַריין...

פאַלק האָט זיך מיטאַמאָל פאַרלוירן. ער האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל טון. זאָל ער זיך זעצן? זאָל ער זיך אויפשטעלן? זאָל ער אפשר אויפהויבן אַ האַנט אין דער הויך?..

ווידער האָט אַ שטאָלערן שווייגן פאַרדעקט דעם זאַל. נאָר איין קול, אַ מעטאַלנס, האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון דאָרט, פון צווישן די שאָטנס און זיך אַריינגעשניטן אין דער מיט פון המון. און וואָס אַמאָל איז דאָס קול שטאַרקער געוואָרן — אָט בעט עס זיך, בייזערט זיך, פאָדערט, און אָט האָט זיך גאָר דאָס קול צעבונטעוועט...

— — ...דאָס בלוט פון צען מיליאָן יינגע לעבנס שרייט צו אונדז... זאָלן מיר אויפנעמען דעם רוף פון דער ערד..

די אימה פון אונדזערע אויגן, לאָמיר שליידערן אונדזערע תּלינים אין פּנים אַריין... זיי וועלן פאַרציטערט ווערן!.. שכורע פון בלוט און ווײַן האָבן זיך די הערשער פון דער וועלט צעטאַנצט אויף אונדזער אומגליק!..

קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. מ׳קוקט אומבאַוועגלעך אַהין צו יענער נביאישער געשטאַלט, וואָס האָט איצט אויפגעשטראַלט אין אַ בלענדיקער ליכטיקייט.

פאַלק שטייט מיט אַ צעפּנט מויל און פאַריסענע אויגן. אָט די אַלע ווערטער זענען געלעגן בײַ אים אין האַרץ, זיי האָבן געפּייניקט זײַן נשמה... נאָר פאַלק האָט זיי נישט געקאָנט אַרויסזאָגן... זיי זענען פאַר אים געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל...

— ...חורבן און וויסטעניש האָבן באַדעקט דאָס לאַנד... אונדזערע ווייבער און קינדער און זקנים ליגן געשוואָלענע פון הונגער... ווערן אויפגעפרעסן פון מגפות...

און פאַלק האָט זיך אַ וויג געטון. ער האָט געוואָלט אַהינלויפן צו יענעם מענטש, וועלכער ער איז אים פרעמד און נאָנט און דערציילט דאָ אויס פאַלקס לעבן. ער וויל אים זאָגן, אַז יענער ווייס אַלץ... אַלץ!.. יאָ!.. פאַלק האָט געפוילט אַ גאַנצן ווינטער אויפן שעניקל... ער איז געשוואָלן געוואָרן פון הונגער... ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט... מ׳האָט אים נישט געלערנט... ער איז פאַרגרעבט געוואָרן... ס׳וואָלט פון אים אויסגעוואַקסן אַ ווילדער מענטש... ווי יענער ווייס אַלץ... אַלץ... זײַן גאַנצע פאַרגאַנגענהייט... אַזוי ווי יענער וואָלט אַרויסגעלייענט פון פאַלקס מוח אַרויס אַלץ וואָס פאַלק טראַכט...

פאַלק וואָלט זיך צעוויינט פון פרייד... ער וואָלט אים אַרומגענומען און געקושט... אַזוי ווי ער האָט אַמאָל, פאַרנאַכט, אַרומגענומען דעם גראָען קאָפּ פון אברהם־יעקבן...

פּלוצים האָט זיך די פאַרזאַמלונג ראַפּטעם אַ שטעל אויף געטון און דאָס מעטאַלענע קול האָט זיך פאַרהאַקט... באַלד האָבן גראָע מונדירן זיך אַרײַנגעריסן אין זאַל אַרײַן...

מ׳האָט אַלעמען צעטריבן. אויך פאַלקן האָט מען אַרויס־געטריבן... ער האָט איצט איבערגעלעבט די ערשטע חעכערע פאַרביטערונג, וועגן וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט... חוץ דעם איינציקן געפיל פון עסן, איז פאַלקן ביז איצט יע־דער אַנדערער געפיל פרעמד געווען...

מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז פאַלק געגאַנגען אי־בער דער גאַס. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די ווערטער, וואָס האָבן היינט אָנגעצונדן זיין מוח. דאָס ערשטע מאָל ווי פאַלק איז געשטאַנען אויג־אויף־אויג מיט זיך אַליין, אַזוי ווי פאַלק וואָלט מיטאַמאָל זיך אַליין דערקאָנט...

אַז פאַלק האָט אָוונט־צו פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער זיך גיך אָפּגעוואַשן פון שטויב, איילנדיק אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט און גלייך אַוועק אין קלוב אַריין. פאַלק האָט דאָרט געהאַט זייער אַ סך צו טון: ער האָט נאָך היינט באַדאַרפן גלייכשטעלן די בענק, אויסקערן די פּאָדלאָגע און אויפקלאַפּן בילדער אויף די ווענט. פאַלק האָט דאָס אַלץ געטון מיט אַ באַזונדערער ליבע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען פאַרנומען ביי אַ הייליקער עבודה. ער איז נישט געווען צופרידן ווען עמעץ האָט אים צוגעהאָלפן, אדרבה, פון אַלע זייטן האָט מען נאָך אים גערופן צו הילף:

— חבר פאַלק, מ׳דאַרף אַרויסטראָגן דעם טיש!

— חבר פאַלק, שפּילקעלעך צו דער אָפּצייכענונג דאַרף מען!

— דאָס שליסעלע פון דער ביבליאָטעק ווו איז, חבר פאַלק?

און פאַלק, וועלכער האָט איצט צוגעקריגן נאָך אַ נאָ־מען, פון וועלכן ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט גע־וווּסט, דעם נאָמען: „חבר״, אָט דערדאָזיקער פאַלק איז עס פאַרשמייעט געלאָפן דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם; יעדן דאַרף ער ענטפערן און ער שוויצט, ער האָט נישט קיין צייט.

אָט איז פּאַלק אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקל מיטן האַמער אין דער הויך — ער דאַרף צעהענגען אויף די ווענט די בילדער פון יענע מענטשן, וועגן וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין השגה און דאָך זענען זיי אים איצט מיט אַ באַזונדערער נאָענטקייט און ליבע אַריינגעוואַקסן אין האַרץ אַריין, אַזוי ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט זייערע נעמען אויף די ליפּן...

— מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל...

און פּאַלק וואָלט געגאַנגען אין פייער אַריין צו פאַרטיידיקן דידאָזיקע מענטשן. אַ סך מאָל וואַכט אויף אין אים דאָס געפיל, אַז פּאַלק קאָן זיך שוין מיט אָט די מענטשן זייער לאַנג, זיי זענען אים די איינציקע פריינט אין לעבן... אָן זיי וואָלט אים געווען זייער שלעכט... זיי גיבן אים צו מוט, זיי גיבן אים גלויבן... אין דער אָרעמקייט פון זיין שטוב זעט ער באַשיינפּערלעך די אויפשטראַלונג פון זייערע גרויסע נשמות... און פּאַלק ווייס אָפּצוהיטן זייער כּבוד...

— דרך־ארץ פאַר די בילדער וואָס הענגען דאָ! — שרייט פּאַלק אויס צו איינעם, ווען יענער פירט זיך נישט אויף אין קלוב, ווי אַ באַוווסטזיניקער יוגנטלעכער אַרבעטער דאַרף זיך אויפפירן אין אַ געזעלשאַפט.

פּאַלק איז אייגנטלעך דאָ דער אמתער בעל־שמחה. ער, פּאַלק, האָט דער ערשטער דערפילט די נויטווענדיקייט, אינם דאָזיקן פינצטערן זומפּ צו בויען אַן אָרגאַניזאַציע פון יינגע סאָציאַליסטן.

ווער האָט דאָס פּאַלקן געזאָגט? ווער האָט אים געלערנט? קיינער נישט!

ווען פּאַלק איז אַמאָל צופעליק אַריינגעשליידערט געוואָרן אויף דער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, איז ער פון דאָרט אַרויס אַן אַנדערער פּאַלק. ער האָט דאָרט געפונען אַ פאַרענטפערונג אויף אַלע פראַגן, וואָס האָבן אים געפּייניקט אין זיינע קינדעריאָרן. פּאַלק האָט איצט אַלץ פאַרשטאַנען, און אַ בלינדער אינערלעכער געפיל האָט אים דיקטירט, אַז ער, פּאַלק, דאַרף

דאָ, אויף דעם אָרט, פאַרייניקן די ייִנגע האַרעפּאַשניקעס אין איין געמיינזאַמען כּוח און זיי אַלע דאַרפן טיילן זייער גורל, מיטן גורל פון די פּראָלעטאַריער אין דער וועלט.

פאַלק איז געלאָפן פון שטוב צו שטוב, פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, ער האָט אָרגאַניזירט, ער האָט אַלעמען צוגע־רעדט זיך צו פאַרשרייבן אין דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט דאָ געגרינדעט; אָבער די יוגנטלעכע האָבן זיך פון אים אָפּ־געקערט, זיי האָבן אים אויסגעלאַכט, זיי האָבן פון אים גע־חוזקט... און פאַלק איז נישט מיד געוואָרן: נאָך עטלעכע באַגייסטערטע ייִנגעלייט אַזוי ווי ער איז און זיין ציל איז דערגרייכט.

און אַזעלכע באַגייסטערטע האָבן זיך אָפּגעזוכט אַ סך, איבער פאַלקס דערוואַרטונגען. דער אומצוטרוי צו פאַלקס אידיי מתחילת, איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מסירת־נפש...

און פאַלק האָט זיין ציל דערגרייכט.

פאַלק האָט אַ סך געלייענט, ער האָט אַפילו קיינמאָל נישט געלייענט סיסטעמאַטיש, אָבער דורכן נעפּל פון כאַאָס, האָט זיך צו אים אַריינגעריסן די השגה וועגן פּראָלעטאַריער אין דער גאָרער וועלט. וועגן רעוואָלוציאָנערן און פאַרשידענע העלדן; נאָר אַז הינטער זיינע פּלייצעס, ערגעץ אין פאַרוואָר־פענע שטעטלעך, לעבן אויך אַזעלכע פאַלקס, טראַכטן דאָס זעלבע וואָס ער און האָבן אויך דעם זעלבן ציל — דאָס האָט פאַלק נישט געוווּסט. ער האָט אַפילו נישט געוווּסט, אַז אין דער רעזידענץ זיצט אַ גרופּע מענטשן וואָס הייסט „צענטראַל־קאָמיטעט” און די אויגן פון הונדערטער און אפשר טויזנטער אַזעלכע פאַלקס, זענען געוואָנדן דאָרט אַהין אין דער רעזידענץ אַריין, צו דערדאָזיקער גרופּע מענטשן...

אויך פאַלק איז שפּעטער געוואָרן דער איינציקער אין זיין שטעטל, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיטן „צענטראַל־קאָמיטעט”. ער האָט געשריבן בריוו, באַריכטן, דערהאַלטן אינסטרוקציעס און פאַלק האָט געפילט ווי אונטער זיינע הענט צעבליט זיך

די יוגנט־באַוועגונג אַלץ הערלעכער, אַלץ פּראַכטפולער, אַלץ אַנטציקנדיקער...

אין פאַבריק האָט מען אויף פאַלקן געקוקט קרום: דער מייסטער האָט אים פיינט געהאַט מיט ביטערער שנאה, ער האָט באַטראַכט פאַלקן, ווי עפּעס אַ שעדלעכע זאַך צווישן זיינע אַרבעטער און אַלס איינעם פון די, וואָס ווילן ברענגען אַן אומגליק אויף די באַלעבאַטים. און פאַלק לאָזט זיך נישט שפּייען אין צורה, ברומט תמיד אומצופרידן און בונטעוועט זיך. די אַרבעטער, כאָטש זיי זענען פול עלטער און קרעפּ־טיקער פאַר אים, האַלטן פון פאַלקן, זיי שעצן אים אין דער שטיל און האָבן אים ליב. ביי דער אַרבעט איז פאַלק אָפט צעטראָגן, אַזוי ווי זיינע מחשבות וואָלטן נישט געווען דאָ ביי דער מאַשין, נאָר ערגעץ אַנדערש, אין אַן אַנדערער וועלט און פאַלק טראַכט טאַקע וועגן ענינים, וואָס האָבן גאָרנישט קיין געמיינזאַמעס מיט דער פאַבריק.

באַלד נאָך פייעראָוונט פאַרשווינדט פאַלק אין קלוב אַריין. ער דאַרף אָוועקלויפן אויף אַ קרייז, אויף אַ זיצונג, אויף אַ פאַרזאַמלונג. און פאַלק מוז אומעטום זיין. ער טאָר נישט פאַרשפּעטיקן. אָן אים וועט זיך גאָרנישט אָנהויבן.

פאַלק לייגט נישט קיין אַכט אויף זיין אייגן לעבן. אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו זיין פּריוואַטער שטוב ווערט פאַר־נאַכלעסיקט און פאַרגעסן.

— אויב עס האַנדלט זיך פאַרן גליק פון כלל -- האָט פאַלק מיט זיך אַליין איינגעטענהט — מוז מען מקריב זיין דאָס גליק פון יחיד...

און פאַלק שמייכלט צופרידן, וואָס ער האָט געקאָנט דידאָזיקע תורה אַריינקעלן אין זיין טעמפּן קאָפּ אַריין.

שטעלט פאַלק טאַקע נידעריקער זיינע פּערזענלעכע אינ־טערעסן פאַר די אינטערעסן פון דער באַוועגונג.

פאַלק פאַרמאָגט פאַר אַלעמען געגוג צייט און צערטלעכ־

קייט און ליבע. ווען מ׳דאַרף, איז פאַלק אַ פירער און ווען מ׳דאַרף — איז ער אויך אַ זעלנער. פאַלק וועט אַלץ טון. ער האָט הענט, ער האָט פיס, ער האָט אַ נשמה און ענערגיע און באַגייסטערונג... פאַר דער באַוועגונג קאָן ער אַלץ אַוועקגעבן... אַלץ !..

ווען פאַלק איז אַריינגעקומען אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אַריין צו דער פאַרזאַמלונג, האָט ער דאָרט געטראָפן שרהלען — איינע פון די אַקטיווע טוערינס אין דער געגנערישער סאָציאַליסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע. פאַלק האָט אַ שטילן ציטער געטון און פאַרביסן מיט די ליפּן. שרהלע וועט אים אָפּאָנירן... — איז אים בליץ-שנעל אַדורך אַ געדאַנק—זי... זי... ער, פאַלק, וועט איר דאַרפן אַרונטעררייסן... צונישט מאַכן אירע אַרגומענטן... און דאָס וואָלט געהייסן, באַקעמפן זי, איר אָנטון עגמת-נפש... און ער, פאַלק, וואָלט געוואָלט, אַז שרהלע זאָל צוציען די אויפמערקזאַמקייט, מ׳זאָל קאָנען מיט איר שטאָלצירן, אַז שרהלע זאָל האָבן דערפאָלג...

פאַלק ווייס נישט וואָס שרהלע האָט אין דער זעלבער צייט געטראַכט, נאָר די שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן, אַזוי ווי שאַרפע פייערלעך, האָבן אַנטשלאָסן און מיט אַזאַ עקשנותדיקן רייץ אָפּגעקוקט פון איר מיידלש-פאַרשאָטנטן שטערן אַפער. שרהלע האָט אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ און דער וואַלד פון געדיכטע שוואַרצע קרויזן האָט אויפגעשויבערט...

פאַלק האָט זיי ליב דידאָזיקע עקשנים, מעגן זיי אַפילו זיין זיינע פאַרביסנסטע געגנער...

— פאַלק, אויף אייך ליגט דער חוב, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל זיין אונדזערע — איז איינער פון די חברים אונטערגעשפּרונגען — מיר מוזן אַדורכפירן אונדזער פאַרוואַלטונג.

און פאַלק האָט אויפגעציטערט...

— יאָ !.. אומבאַדינגט... אונדזערע...

נאָר פאַלקן האָט פאַרדראָסן, וואָס יענער חבר דאַרף אים דאָס דערמאָנען, און ער, פאַלק אַליין, האָט זיך גאָר פאַרטראַכט און פאַרגעסן, אַז אייגנטלעך, איז ער דאָ נישט מער ווי

אַ זעלנער פון דער פּאַרטיי, ער דאַרף שטיין אויף דער וואַך און נישט ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט פאַר... עפּעס דאָרטן... שוואַכקייטן...

דער אייביקער פּאַרטייען-האַס האָט ווידער געוואונען פּאַלקן פאַר זיך. פּאַלק איז אויך איצט נישט געווען אין זיין רשות. געפּייניקט פון דידאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע געפילן -- ליבע צו דער באַוועגונג און ליבע צו דערדאָזיקער פרוי, אין וועלכער ער האָט געזען די פאַרקערפּערונג פון שנאה צו דער באַוועגונג, צו יענער באַוועגונג — אין וועלכער ער, פּאַלק, איז אויפגעוואַקסן, מיט וועלכער ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צונויפגעלעבט — האָט אים פאַרביטערט... און פּאַלק וואָלט געוואָלט דידאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע געפילן, וואָס קעמפן און אים—פּאַרייניקן... אים נעמט אָן די שרעק, אַז איין געפיל קאָן אַמאָל גובר זיין און אַרויסשטופן פון זיין האַרצן אַרויס דעם צווייטן...

— ניין! ניין! ניין!—האָט פּאַלק זיך אַליין פאַרשריגן — דאָס טאָר נישט געשען! דאָס וועט נישט געשען!..

און ווען פּאַלק איז געשטאַנען אויף דער טריבונע און אויפגעגליט אַזוי ווי אַ פייערדיקע קויל, האָט זיך אים אויסדאָכטן, אַז דאָס רעדט ער נישט איצט וועגן דער לאַגע אין פּאַך, וועגן רעזאָלוציעס, וועגן וואַלן—נאָר וועגן דעם ערנסטן וויפּוח וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף זיין נשמה... וועגן אָט יענעם וויפּוח, וואָס גיט אים קיין רו נישט, וואָס מאַטערט אים, סיי ביי דער אַרבעט אין פאַבריק, סיי ביינאַכט, ווען ער קאָן נישט שלאָפן... און מיט הינטישער ליבע דרייט ער זיך הינטער די פאַרמאַכטע לעדנס פון שרהלעס פענצטער... אָט דאָס אַלץ דערציילט ער אויס פאַר די פאַרזאַמלטע — נאָר נישט מיט קיין ווערטער, די ווערטער זענען אַנדערע... נאָר אויף אַ שטומער שפּראַך... און די איינציקע וואָס פאַרשטייט דידאָזיקע נישט אַרויסגערעדטע שפּראַך, דאָס איז — שרהלע...

דאָס גלעקל האָט זיך שטאָלערן צעוויגט, אַריינגעשניטן זיך מיט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין דעם רעדל אַריין פון

די יינגע צעהיצטע געמיטער און דאָרט דין און דראָבנע זיך צעשאָטן... חבר זלמנקע האָט זיך נערוועז אויפגעשטעלט פון בענקל, זיין גלאַט-ראַזירט און מיידלש פּנים האָט זיך אָנגעצונדן, באַקומען אַ רויטלעכע פלאַם-קאָליר און דער גוטינקער און אָפּט שמייכלדיקער זלמנקע, האָט זיך איצט צעבייזערט:

— שטיל זאָל זיין! איך רוף צו אָרדענונג!... איך וועל ביי אַזאַ געררויש די פאַרזאַמלונג נישט פירן!..

דער טומל איז איינגעשטילט געוואָרן, נאָר די שוואַרצע און בלאָע און גרינלעכע אויגן, האָבן ווידער אויפגעשאָסן מיט אַזאַ עקשנות און פאַרביסנקייט. יעדער פון דידאָזיקע פּראָלעטאַריער-קינדער האָט געהאַט זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס און אָט די אַלע געפילן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליידנשאַפטלעכער דיסקוסיע.

פאַלק האָט זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל אַריין.

די לופט, וואָס איז געווען געדיכט און זויער, פון אַ מחנה צונויפגעקוועטשטע, פאַרשווייסיקטע קערפּער, האָט פאַרדעקט דעם לויטערן-גלאַנץ פון די צעצונדענע עלעקטרישע לעמפּלעך, אַזוי ווי אַ ווייס-גראָלעכער נעפּל און דערדאָזיקער נעפּל איז כיטרע פאַרקראָכן אונטער די ברעמען פון די אַלע מענטשן.

— איך בעט אָנרופן נעמען פון קאַנדידאַטן צו דער קאָנפערענץ! — האָט זלמנקע אַ מידער פאַרגעלייגט דעם פאַרזאַמלטן עולם.

אַ רגע איז שטיל געווען. איינער האָט איבערגעקוקט דעם צווייטן. מ׳האָט געוואַרט ווער ס׳וועט אָנרופן דעם ערשטן קאַנדידאַט.

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קול:

— דעם חבר יחיאל!

— ווער נאָך? — פרעגט זלמנקע און וואַרט אומגעדולדיק.

און אָט האָבן זיך אַ שאָט געטון נעמען:

— דעם חבר שלמה!

— דעם חבר דוד!

— דעם חבר וואָלף!

ווידער איז שטיל געוואָרן.

— שוין? — פרעגט זלמנקע און וויל צוטרעטן צו דער אָפּשטימונג.

מ׳וואַרט.

— זענען מער נישט פאַראַן קיין קאַנדידאַטן? — פרעגט זלמנקע מיט אַ טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויף עמעצן געבייזערט.

— איך לייג פאָר די קאַנדידאַטור פון חבר פאַלק! — האָט זיך דערהערט אַן אָפּרוף פון אונטן נעבן דער סאַמער טיר.

פאַלק האָט אַ ציטער געטון. ער האָט טיפער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אין שויס אַריין. צו וואָס האָט יענער אָנגערופן זיין נאָמען? צו וואָס? נישט נויטיק! נישט נויטיק!.. און פאַלק האָט זיך פאַרטראַכט: —

— איך האָב נישט פאַרדינט אויף אַזאַ כבוד... איך בין דאָס נישט ווערט... איך זאָל זיין דער שליח פון די אַלע מענטשן... איך זאָל פאַרענטפערן זייערע חטאים, פאַרטיידיקן זייערע פאָדערונגען... ניין, מיר, דעם בעטלער־קינד, קומט נישט אַזאַ כבוד...

און פאַלק האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, ער האָט געוואָלט צוגיין צום טיש, ער וועט דאָס זאָגן זלמנקען... ער וועט אים זאָגן, אַז ער, פאַלק, איז נישט ווערט אַזאַ כבוד... ער וויל נישט זיין דער שליח...

נאָר פּלוצים האָט עס זיך אין זאַל אַ באַוועגונג געטון, אַזוי ווי דער אויפֿריר פון אָפּגעריסענע אייז־קריעס...

— ווער? ווער איז געוויילט געוואָרן? — האָבן נייגעריק געפרעגט די אַרומשטייענדיקע, און אויגן פון קנאה און נצחון האָבן אויפגעבליצט אינם נעפל און זיך איבערגעוואָרפן מיט גלאַנציקע פייערלעך.

— פאַלק...

און פון אַלע ווינקלען האָט עס אָפּגעקלונגען און פאַר־קראָכן צו פאַלקן אין די אויערן אַריין:

— פאַלק...

און פאַלק שטופּט זיך אין דער ענגעניש... ער וויל צו־גיין צום פּרעזידיום-טיש... נאָר אָט איז זלמנקע פאַרשווונדן... אָבער פאַלק קאָן ווייטער נישט גיין, ער ווערט באַרינגלט פון די חברים... מ׳דריקט אים די האַנט... מ׳ווינטשט אים...

דאָס ערשטע מאָל אין דער באַוועגונג, ווי פאַלק פילט זיך אַזוי הילפלאָז, אַזוי אָפּהענגטיק... ער דאַרף ענטפערן אויף אַלעמענס באַגריסונגען, נאָר אים, פאַלקן, פעלן איצט אויס ווער־טער... אַ מאָדנע קרענקלעכער שמייכל האָט זיך אים אַריינגע־לייגט אין די ווינקלען אַרום מויל און די אונטערשטע ליפּ הענגט אַראָפּ מאַכטלאָז און ציטערט...

— מיר האָבן אייך געשענקט אונדזער צוטרוי, חבר פאַלק -- האָט זיך צוגעשאַרט אַ חנעוודיקע ברונעטקע צו פאַלקן — מיר האָבן אייך אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַט אויף דער קאָנפערענץ, פאַרטיידיקט מוטיק אונדזער שטעלונג... לאָ־מיר אָננעמען פון אייך גוטע גרוסן...

און פאַלק האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן פון דערדאָזיקער געפּענטעטקייט און אין מוח האָט עס גע־פּייניקט:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט אים, פאַלקן, דעם בעטלער־קינד, אַזאַ כבוד? פאַרוואָס קומט עס אים?.. — —

די חברים האָבן זיך געפּאָרעט אַרום פאַלקן, אַזוי ווי נעבן אַ חתן און אים צוגעגרייט צו דער רייזע. פאַלק אַליין איז געשטאַנען קעגן איבער דעם שפּיגל אַן אויסגעפּוצטער אין אַ נייעם אַנצוג פון אַ גוטער ענגלישער סחורה, אין שוואַרצע לאַקירטע שיך און אין אַ העלן, רונדיקן הוט. אויך ווייסע מאַנזשעטן האָט פאַלק און לעדערנע הענטשקעס... פאַלק פילט זיך אָבער נישט באַקוועם אין דערדאָזיקער הלבשה — ער

פילט זיך נישט פריי, נאָר אַזוי ווי מ׳וואָלט אים איינגעשפּאַנט אין ענגע האָלאָבליעס, און אים דאַכט זיך, אָט וועט עמעץ אַ צי טון ביי די לייצעס און פאַלק, אַזוי ווי אַן אויסדרעסירט פערד, וועט מוזן גיין, נישט ווו ער, פאַלק, וויל, נאָר וווהין יענע ווילן...

פאַלק האָט זיך געפילט פרייער און באַקוועמער דאַמאָלס, ווען ער איז אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסער, מיט אָפּגעברענטע און ברודיקע פיס. די קאַמאַשן, צונויפגעבונדענע מיט אַ שטריקל, האָט ער אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען און געפּאַטשט אין בריעדיקן זאַמד אויפן שאָסיי... אַז פאַלק האָט געוואָלט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער לאָנקע, געטאָ־רעט זיך אין גראָז, דערנאָך אויפגעשפּרונגען, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בגדים און אַ נאַסער, אונטער דער זון, זיך אויס־געלאָזן שווימען אינם טייכל...

דערפאַר איז איצט פאַלק געווען שטיל און מיט אַזוי ווייניק פרייד. פאַלק וואָלט געווען גליקלעך, ווען ער זאָל קאָנען זיין יענער פאַלק, פאַלק — דער הפקר־יינג, וואָס דאַרף זיך נישט אויספּוצן אין עסיק און אין האָניק... נאָר אַזוי ווי מ׳גייט און מ׳שטייט — געגומען און געפּאָרן אויף דער קאָנ־פערענץ.

פאַלק וואָלט געווען פריילעכער, ווייל ער וואָלט זיך גע־פילט נאָענט און היימיש, אַזוי ווי מיט זיך אַליין... און דאָס וואָס פאַלק וואָלט גערעדט, וואָלט געווען ערלעך... און זיין קול וואָלט אָפּגעקלונגען מיטן הילך פון פעלד, פון וואַלד, פון שאָסייען...

פאַלק איז געזעסן אין וואַגאָן III קלאַס, אַריינגעקוועטשט צווישן אַ קופּע אָרעמע און וואָכעדיקע פּאַסאַזשירן און דער צוג, אַזוי ווי אַ צעפּלאָשעט פערד אויף די פּאָדערשטע פיס, האָט מיט אַ ווילד איילעניש זיך געיאָגט אין אַ שווינדל־ראָד מיט טעלעגראַפן־סלופּעס, מיט בריקן, מיט דערפער...

פאַלקן איז קנאַפּ אָנגעגאַנגען דאָס געפּלוידער פון די פּאַסאַזשירן. די אַלע שמועסן פון דידאָזיקע מענטשן זענען

געווען נודנע און נישט אינטערעסאַנט. פּאַלק האָט כּסדר אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און ווען ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון די שייבן, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ פויל און פלעגמאַטיש פּנים פון עפּעס אַן אויסגעפּאַשעטן הער, וועלכער האָט האַלב-געדרעמלט אויף דער קייגנאיבערדיקער באַנק און די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזן די ליולקע פון מויל אַרויס, געפּיפּקעט און אָנגעבלאָזן אינם וואַגאָן אַ גראָען שאַרף-בייסיקן רויך.

אין דער צווייטער זייט פון קופּע, האָט אַ לאַנגווייליקע דאַמע, אָנגעטון אין טרויער-קליידער, און אין שוואַרצער קרעפּ נישט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון בוך און איר דאַרע נאָז, וואָס האָט געמאַכט איר פּנים נאָך אומצופרידענער און לאַנג-ווייליקער, האָט זיך געענדיקט שפּיציק, אַזוי ווי אַ פייל.

ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער סטאַציע וו., איז פּאַלק אויסגעשטיגן פון וואַגאָן. פון די אויפגעפּראַלטע טירן און פענצטער האָט פּאַלק געהערט הינטער זיך קולות פון מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געאיילט, געריסענע אָפּגעריסענע זאַצן און באַלד האָבן זיך די טירן צוגעקלאַפּט און עמעץ האָט הויך נאָכגעשריגן:

— גרוס דער באָבעשי, גרוס דעם זיידעשי!..

— מאָטל, פאַרגעס נישט צו שרייבן! הערסט, מאָטל?

און מאָטל שמייכלט אַרויס פון פענצטער און גיך גליטשט ער זיך אַזוי אַפער און פאַרשווונדט און דער שמייכל בלייבט הענ-גען אין דער לופטן, און לייגט זיך דערנאָך אַוועק אויף די זוניק-צעגליטע שטיינער...

פּאַלק איז נישט געפאָרן אַליין. מיט דער זעלבער באַן זענען אויך געקומען אַנדערע יינגע דעלעגאַטן, נאָר ער, פּאַלק, האָט זיי פערזענלעך נישט געקאָנט. פון וואָקזאַל אַרויס איז ער געגאַנגען מיט ברייטע באַוועגונגען, דאָרט אַראָפּ, אין יענער צעבויגענער גאַס אַריין, נאָנט נעבן אַלטן מאַרק און אויף וועלכער ס'געפינט זיך דער יוגנט-קלוב.

אויבן, אין קלוב, ווו מ'האָט געמאַכט פּיבערהאַפּטע

הכנות צו דער קאָנפערענץ, האָט פאַלק געטראָפן נאָך אַ סך באַגייסטערטע, לויטערע פּנימער... און דידאָזיקע פריילעכע חברה האָט נישט גערוט, זיי זענען אַרומגעשפּרונגען פּאַרפּאָ־רעט, אַזוי ווי לעבעדיקע שטיקער פרייד...

און פאַלק באַקאָנט זיך מיט איינעם, מיטן צווייטן, מיטן דריטן... מיטגלידער פון ראַיאָן־קאָמיטעט... דעלעגאַטן... געסט... — —

און מ׳שליסט קאָנטשאַפט:

— מאיר...

— משה...

— ישראל...

און אָט איז דאָ די שטיפערקע — לאהלע... זי איז יום־טובדיק צעטראָגן און לאַכט:

— איר זענט פאַלק אָפּנהיים?

— כ׳בין פאַלק...

פאַלקן געפעלט דאָס נפש. ס׳געפעלן אים אירע ווייסע, קורצע און בייסיקע ציינדלעך. און פאַלק דערפילט אין זיין האַנט דעם ציטער פון אַ ווייך, פוכיק הענטל...

לאהלע איז די סעקרעטאַרין פון ראַיאָן־קאָמיטעט. זי איז אַ ווויל קינד. אַ גוט־דערצויגענע. זי לייענט אַ סך. זי איז אַ באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַרקע. זי איז גאַסטפריינטלעך.

אָבער דאָס אַלץ שטערט איר נישט, אַז אין אָנוועזנהייט פון פרעמדע דעלעגאַטן און געסט, זאָל זי אַ פאַררויטלטע מיט קינדישער עניוות און פשטות, אַרומלויפן איבערן זאַל מיט דער בערשט אין דער האַנט און קערן, און וואַשן, און שייערן...

פאַלק ווייס אַז ער איז דאָ אַן „עפּעס". אויך ער, פאַלק, איז אַ ציפער אויף דער קאָנפערענץ. ער דאַרף דאָ דערפילן אַ פאַראַנטוואָרטלעך שליחות...

אָט קומט אַריין מאירקע און מעלדעט:

— אַלע דעלעגאַטן וועלן זיך אַביסל אָדורכגיין צו דער ווייסל. דריי אַזייגער דאַרף אָנקומען מיטן דאַמפער חבר נתן באָרטנער, דער פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט.

ווידער איז פאַלק אין דער שטאָט. די גאַסן, דורך וועל־כע ס'שפּאַנען אַדורך די גרופּע דעלעגאַטן, זענען באַגאָסן מיט זון און אײַנדרויסן אונטער דערדאָזיקער זוניקייט, גייט ווי תּמיד אָן דער וואָכעדיקער האַנדל, קרעמערקעס זידלען זיך און פּילדערן.

די ווײַסל, מיט איר קרישטאָלענעם גלאַנץ און שײַנקייט, וואָס שמידט צו דאָס אויג פון דעם פרעמדן אַדורכרײַזנדיקן, פליסט נאָנט הינטער די ווענט פון דער שטאָט. אויף די רויקע און לויטערע וועלן, וואָס שפּיגלען אָפּ אין זיך די אַרו־מיקע בערג, שפּאַצירן אַרום, אַזוי ווי ווײַסע שוואַנען, יום־טובדיקע פּאַסאַזשיר־דאַמפּערס און פּשוטע, גראָע בערלינקעס.

פאַלק פּלאָנטערט זיך אַרויס פון דער גרופּע דעלעגאַטן — קרעפטיקע אַרבעטער און שילער — און ער פאַרקריכט אין אַ ווינקל נעבן ברעג. פאַלק איז אַנטציקט פון דער פּראַכטפול־לער וואַלד־געגנט, וואָס הייבט זיך אויף אויף אַ משופּעדיקן באַרג אין יענער זײַט ווײַסל, און וואָס זעט אויס ווי אַ פראַגמענט פון אַ שווייצאַריש דאָרף.

ווען פאַלקן זאָל נישט טרײַבן די פליכט אין קלוב אַרײַן, וואָלט ער אַזוי אַ גאַנצן טאָג דאָ אַרומגעקראָכן אויפן ברעג ווײַסל, ער וואָלט זיך אפשר אויסגעטון נאַקעט, אַרײַנגע־שפּרונגען מיט אַ פרײַלעכן קוויטש אין וואַסער אַרײַן און געפּאַטשט די וועלן מיט זײַנע יונגע און קלאָרע הענט.

פון דער ווײַטן, אַזוי ווי אַ שווימענדיקע ציגאַר, האָט אין דער עפענונג פון דער ווײַסל שאַרף זיך אַרײַנגעשניטן אַ העלער דאַמפּער.

פאַלק איז אויפסניי געשטאַנען צווישן דער גרופּע דעלע־גאַטן. מ'האָט אָנגעשמרענגט אַהינגעקוקט צום דערנענטערנדיקן שיפל און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אײַנגעשפּיזט די בליקן אין דעם געדיכטן אויסשיט פון מאָן...

פּלוצים האָט מאיר אויסגעשריגן:

— ער איז געקומען, באָרטנער... איך זע אים, אָט־אָ דאָרט!...

געמיטלעך און מיט אַ היימלעכן שאַרך האָט זיך דער דאַמפּער צוגעשאַרט צום ברעג צו. די מאַטראָזן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער, מ'האָט געשלעפט שטריק, ברעטער און דער אַנקער, וועלכן מ'האָט אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער אַריין, האָט פאַרעקשנט זיך איינגעביסן אין זאַמדיקן גרונט.

נתן באָרטנער, אַ מיטליוּוקסיקער בלאָנדין, ביי וועמען די נאָז האָט זיך פאַרענדיקט פּלאַטשיקער ווי ביי יעדן מענטשן, איז אַרויפגעגאַנגען אין גאַס אַריין, באַרינגלט פון דער גרופּע באַגייסטערטע דעלעגאַטן.

— איך בין זייער מיד — טענהט נתן באָרטנער — איך האָב געהאַט זייער אַ סך צו טון, איידער איך בין צו אייך אַרויסגעפאָרן. איך קום איצט נישט גלייך פון דער היים. ס'האָט אָבער ווייניק וואָס געפעלט, אַז איך זאָל פאַר־שפּעטיקן דעם דאַמפּער.

באָרטנער האַלט זיך נאָנט נעבן מאירן, ער נעמט אים צערטלעך אַרום, אַזוי ווי מאיר וואָלט דאָ געווען דאָס בעסטע און שטילסטע קינד.

פאַלק שאַרט זיך נישט דרייסט מיט. דער פּלוצלינגער איבערברוך אין זיין לעבן און דער צונויפטרעף מיט אַ פּער־זאָן פון דער העכסטער פּאַרטיי־אינסטאַנץ, וועמעס פּאָפּולערן נאָמען פאַלק האָט אָפט געהערט און באַוואונדערט — האָט ביי פאַלקן אָפּגענומען דאָס לשון. אין דאָזיקן מאָמענט האָט זיך פאַלק דערפילט אַזוי שפּלדיק און קליין, אַז ער וואָלט ממש פעיק געווען פאַר יענעם צו קריכן אויף די קניען.

נאָך אַ דרייטאָגיקער ערנסטער און פרוכטבאַרער אַרבעט אויף דער קאָנפערענץ, איז פאַלק אַ צופרידענער געפאָרן אַהיים. ער האָט איצט פאַרמאָגט אַסך פרישע ידיעות, וועגן וועלכע ער האָט עד־היום נישט געהאַט אפילו די מינדעסטע השגה. פאַלקס מוח איז געווען זאַט און באַלאָדן אַזוי ווי אַ מילגרוים.

פאַלק האָט אויסגעפירט זיין שליחות. ער האָט אויפן

צוזאַמענפאָר פאַרטיידיקט די חטאים פון דער אָרגאַניזאַציע אין זיין שטאָט, ביז אַ נצחון.

און דערדאָזיקער געפיל פון נצחון האָט זיך אין אים אויפגעהויבן ביז צו אַ רעליגיעזער באַגייסטערונג.

די טעלעגראַמע וואָס איז געלעגן ביי פאַלקן אויפן טיש, האָט געהאַט אַן אַלאַרמירנדיקן אינהאַלט:

„אָפּענהיים. תיכּף קומען צו פאָרן. דרינגענד. ישראל".

פאַלק, כּמעט נישט אויסגערוט נאָך פון וועג, האָט ווי-דער אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּאַלטאָ און זיך געלאָזן צו דער באַן. פאַלק האָט איינגעוואָרצלט אין זיך די אייגנשאַפט פון יענעם דיסציפּלינירטן זעלנער, וואָס שטייט תּמיד גרייט אויף דער וואַך. און פאַלק ווייסט געוויס נישט פאַרזוימען ווען זיין הילף איז נייטיק. פאַר פאַלקן איז עס נישט געווען קיין סוד, צוליב וואָס מען פאָדערט אים אַרויס אין דער אַנדערער שטאָט אַריין. מ'האָט זיך דאָרט צעבונטעוועט און די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע קאָן ווערן אויפגעריסן.

מ'האָט פאַלקן אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. מ'האָט אים אויפגענומען מיט כּבוד. און בעת פאַלק איז געקומען אין פאַריינס-לאָקאַל, ווו די פאַרזאַמלונג האָט באַדאַרפט פאָרקומען, זענען אַלע מיטגלידער געווען אויפן אָרט. מ'איז געזעסן ערנסט און מיט דרך-ארץ, אַזוי ווי ערב אַ גרויסן משפּט.

ס'האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל. די געמיטער האָבן זיך אָנגעצונדן. און אַרבעטער, אָרעמע, פאַרפּייניקטע, זע-נען מיט שווערע און האַמעטנע באַוועגונגען פאַרבייגעגאַנגען פאַרן פּולפּיט, איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אַראָפּגערעדט פון האַרצן... און דערדאָזי-קער אַדורכמאַרש פון די גראָע, מאַטע און האַלב-טעמפּע פּני-מער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ מאָדנע דעפילאַדע.

פאַלק האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט גערעדט שאַרף און בייסיק. ער האָט געשטראָפּט. אָבער ביי פאַלקן אין מוח האָט זיך איצט אָפּגעשפּילט אַ גאַנץ אַנדערער קאַמף, אַ פול ערנסטער ווי דער, וואָס גייט דאָ אָן אויפן זאַל צווישן די צוויי צדדים מיטגלידער און וועלכן, ער, פאַלק, איז געקומען אויסגלייכן... דער קאַמף אין פאַלקס מוח איז געווען אַ שטי-לער, אָבער פאַרעקשנטער, און שטילערהייט געעקבערט זיינע געהירן... ווי אַט די אַלע מענטשן, עלטערע און ייִנגערע פון אים, פרויען און מענער, נעמען אים אויף מיט שעצונג, מיט יראת-הכבוד... און ווי לאַנג איז עס ערשט, ווי פאַלק האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין דערדאָזיקער שטאָט, אַ באָרוועסער, אַן עלנטער?... הונגעריק און אַדורכגעפּאַטשט פון רעגן, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין בית-המדרש אַריין... און דער בית-המדרש איז נישט געווען געהייצט... אַ שניידיקער ווינט איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב און זיך אַרומגעכאַפּט מיט פאַלקן... און פאַלק, שוואַך און פאַרפייניקט, איז געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטער אויף אַ באַנק, באַרינגלט פון דעם זאַטן און נגידישן קליינוואַרג...

און פאַלק איז איבערצייגט, אַז מער ווי איינער פון די וואָס געפונען זיך דאָ אין זאַל און הערן זיך איצט צו מיט אַנטציקונג צו זיינע רייד, האָבן אים, פאַלקן, בייז אָפּגעטריבן פון זיך און פאַרהאַקט מיט כעס הינטער זיך די טיר... און פאַלק זעט פאַר זיך זיין אַמאָליק לעבן, אַזוי ווי אַ גרויס שטיק באַליידיקונג... און די באַליידיקונג בונטעוועט זיך... זי גיט אים קיין רו נישט... פאַרביטערט אים און צווינגט אים צו טראַכטן וועגן די עוולות פון דער וועלט...

און פאַלק רעדט וועגן די יסורים פון פראָלעטאַריער-וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט, וועגן דעם אופן ווי וועלט דאַרף אויסגעלייזט ווערן... דאָס איז נישט קיין דאָס איז פאַלקס לעבנס-געשיכטע... און פאַלק פילט די אַלע געדאַנקען שפּיגלען זיך אויס אויף דער קאַנווע פאַרגאַנגענהייט און די ליכטיקע אידיי, וואָס שטראַלט

אויף מיט דער לויטערקייט פון גרויסע נשמות, קריצט זיך אויס אַזוי ווי מיט פייערדיקע אותיות אויפן פינצטערן פּאָן פון זיינע קינדער-יאָרן...

און פאַלקס פּנים ווערט אַמאָל פאַרוואָלקנט און אַמאָל אויפגעשיינט... ווען ער, פאַלק, קאָן דאָס אַלץ אַזוי אַרויס-דערציילן אויפן קול... אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת... פאַרוואָס אָט די אַלע מענטשן האָבן אים, פאַלקן, אָפּגעטריבן פון זיך... זיי האָבן אים נישט אַריינגעלאָזן אין שטוב אַריין... זיי האָבן אים נישט געגעבן קיין ברויט... ער וואָלט זיך מיט זיי אויס-געטענהט... ער וואָלט געמאָנט אַן ענטפער... אַן ענטפער !.. אַן ענטפער !..

איבערן זאַל האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ נערוועזער שאָרך און מיטאַמאָל האָט אַ מחנה הענט הילכיק איבערגעשניטן די לופט, מ'האָט זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, מ'האָט אַרומ-גערינגלט פאַלקן און פאַרפלאַמטע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין זיין קערפער. פאַלק איז געווען אויסגעמאַטערט, אַזוי ווי ער וואָלט איצט צופוס אַדורכגעשפּאַנט זייער אַ וויטן וועג...

פאַלק, אין באַגלייטונג פון גיטעלען, דער קאַפּריזנער שטיפערקע, איז אַוועק אין האָטעל אַריין. ער האָט זיך מיד אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטול און דערפילט אויף זיינע אַקס-לען דעם ציטערדיקן באַריר פון צאַרטע, קינדערישע הענטלעך.

ווידער איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

איבער די נעפּלדיקע גאַסן פון דער שטאָט האָבן איצט פאַרטיעסווייז, באַהאָנגענע מיט וואַליזעס און קעסטלעך אויף די פּלייצעס, פאַרבייגעצויגן די רעקרוטן און מאָביליזירטע רעזערוויסטן. זיי האָבן זיך געצויגן אַזוי ווי גראָע כמאַרעס, פויל און מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ צו דער ערד. אין די אויגן פון אָט די אַלע מענטשן, וואָס זענען געטריבן געוואָרן צו דער שחיטה דורך אַ פרישן מלחמה-שגעון, האָט זיך אָפּ-געשפּיגלט די אימה פון די לעצטע איבערגעלעבטע יאָרן.

פאַרפּייניקטע פון הונגער און מגפות זענען זיי געגאַנגען צו דער שלאַכט, מיטן געפיל פון אַנטקעגנגיין דעם טויט.

אויך זלמנקע און אהרן און לייביש און אַלע איבעריקע בעסערע מיטגלידער פון דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע, זענען אַריינ-געשלעפט געוואָרן אינם קאָכעדיקן שמעלץ-קעסל פון גע-שעענישן.

זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען. זיי האָבן אין טרויער זיך צעזעגנט מיט די פלוצלינג שטיל-געוואָרענע וואַרשטאַטן, מיט זייערע שטובן און מאַמעס... און די מאַמעס האָבן זיך אַוועקגעריסן פון די שוועלן, געמאַכט אַ באַוועגונג אַזוי ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט, נאָכגעלאָפן, געשעפּטשעט אין פאַר-צווייפלונג און אַזוי מיט פאַרבראָכענע הענט געבליבן שטיין פאַרגליווערט אינדערמיט, אויפן שאָסיי, מיט די בליקן דאָרט אַהין — ווו הינטערן אויפגעהויבענעם שטויב האָבן זיך נאָר וואָס באַהאַלטן און שטום געוואָרן די טריט פון זייערע זין...

פאַלק איז נישט אַוועק דינען. ער האָט איצט אויפגעצוי-טערט צוליבן פרישן פאַרברעכן וואָס דאָ דאַרף אָקאָרשט ווערן אָפּגעטון. מיטן פייער פון זיין יינגער נשמה וואָלט ער זיך אַנטקייגנגעשטעלט די דאָזיקע אומגערעכטיקייטן און עוולות.

אין אָנהויב פון דער וועלט-מלחמה איז פאַלק נאָך גע-ווען אַ קינד און קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען, ער איז דעמאָלט געווען צופרידן פון דער קריגערישער שטימונג, וואָס האָט אין ווילדן עקסטאַז אַרומגעכאַפּט דעם המון. פאַלק האָט דאָס באַ-טראַכט פאַר א געוועגלעך קינדער-שפּיל. אָבער איצט, ווען פאַלק איז דערצויגן געוואָרן אויף די חורבות פון יענעם ווילד-פאַרכלינעטן טאַנץ צו דער מדרגה פון דעם טיפּישן מלחמה-קינד, זאַט פון יסורים און שוידערלעכע דערפאַרונגען, האָט ער מיט אַלע זיינע חושים פּראָטעסטירט קעגן דער בלוט-באָד, וואָס ווערט צוגעגרייט פאַר דער דאָזיקער מחנה מענטשן.

מיט אַן אָוונט פריער, ערב דעם אַוועקגעשיקט ווערן אין די פּולקן אַריין, זענען זיי זיך צונויפגעקומען די גרופּע יינגע אַרבעטער, כדי צו טרינקען פאַרן געזונט. פאַלק איז

אויך געווען מיט זיי. זיי האָבן געשיכּורט און געזונגען לידער און געשאָלטן מיט טויטע קללות יענע אַלע, וואָס טרייבן פרידלעכע בירגער, אַזוי ווי לעמער צו דער שחיטה. מ'האָט זיך געקושט, מ'האָט זיך הייס געווונטשן און איבער אַלעמענס קעפּ איז, ווי אַ דראָענדיקע האַנט, געהאָנגען די שאַרפע שווערד פון אויסנאַמס-צושטאַנד.

קאָפּל, אַ קרעפּטיקער און פריילעכער ייִנג, אַ שלאַנק געבויטער און מיט אַ העל-בלאָנדער געדיכטער טשופּרינע, האָט זיך אַרויפגעזעצט מיטן גאַנצן גוף אויפן טיש אַרויף און זיך צעטענהט:

— ברידער, כּל זמן מיר זענען נאָך דאָ, לאָמיר נאָך רעדן אַ וואָרט. לאָמיר נאָך זאָגן דאָס, וואָס מיר דאַרפן זאָגן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַזוי ווי ער וואָלט איינגעגראָבן די אויגן אין אַש פון אויסגעברענטן פּאַפּיראָס.

— מאָרגן וועט מען אונדז אָנטון די גראָע מלבושים — האָט ווידער קאָפּל אָנגעהויבן — מען וועט אונדז אַוועקשיקן פון אונדזערע היימען, לאָמיר נישט פאַרגעסן וועגן אונדזער גרויסער און ליכטיקער אידיי.

חברה איז געווען בגילופין און שיעור זיך צעווייִנט פון די האַרציקע ווערטער, וואָס יעדער אייגציקער האָט צוגעווונטשן.

— מיר זענען אָרנטלעכע מענטשן — איז אַרויסגעפּאָרן מיט לשון אַבע עקשן — מיר זענען פּשוטע אַרבעטער... מיר קאָנען זיך באַגיין אָן מלחמות. וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן אונדז געטון די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער? די, וועלכע געפינען זיך איצט אין דער זעלבער לאַגע ווי מיר. וואָס האָבן זיי אונדז געטון פאַר אַ שלעכטס? גאָרנישט! איז צו וואָס און אַלדע רוחות זיך שלאָגן? זיך אויפשניידן די העלזער, די בייכער... צעשמעטערן יענעמס געדערים?...

— איר פרעגט צו וואָס — האָט זיך אַריינגעמישט פאַלק — ווייל אַזוי דיקטירן אונדז יענע, ביי וועמען ס'איז

בישטאָ קיין פונק פון הייליקייט. יענע, וואָס זענען טעמפּ פון רשעות און באַטראַכטן זייערע מעשים, ווי אַ געטלעך ווונדער. זיי מאַכן חרוב די ערד. מען בויט אויס בריקן פון אונדזערע טויטע קערפּער, כּדי ס׳זאָל זיי באַקוועם זיין זיך צו פּאָזן אין אייביקן גטיעג נאָך גאָלד...

צומאָרגנס באַגינען איז פאַלק געווען אין גאַס. ער האָט זיך געוואָלט געזעגענען דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם. די זעלבע באַוווסטזיניקע און שטאָלצע אַרבעטער-קינדער, זענען באַלאָדענע מיט פּעקלעך און הילצערנע קעסטלעך, פאַרשמירטע און ווי טעמפּע, צעשראָקענע ברואים אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט. זיי האָבן איצט אויסגעזען אַזוי ווי די טויזנטער אַנדערע רעקרוטן, צונויפגעשלעפּט פון די שטעט און פון די דערפער.

אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ, האָט פאַלק באַגעגנט יחזקאלן, ער איז נאָך געווען ציוויל אָנגעטון. ער האָט אָבער געאיילט צו דער באַן, ווו ער האָט געזאָלט איינגעצעשלונגען ווערן אין דער ענגשאַפט פון אַזאַ אָפענעם אָקסן-וואַגאָן...

יחזקאל האָט אין דער טונקלקייט דער ערשטער דערזען פאַלקן. ער האָט מיט פייכטע אויגן זיך אַ וואָרף געטון צו פאַלקן, אים אַרומגענומען און מיט זיין שווערן גוף זיך אָנגעהאָנגען אָן פאַלקס אַקסל...

— זיי געזונט, פאַלק!...

און יחזקאל איז ווידער אַרויפגעפאַלן אויף פאַלקן. זיך איינגעפּרעסט אין יענעמס ליפּן.

פאַלק איז געשטאַנען אַזוי ווי צעטומלט. ער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער צו ענטפערן יחזקאלן. פאַלק האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס פּנים צו דער ערד און עפּעס געמורמלט, שטיל, טיף אין זיך אַריין...

נאָר אָט איז יחזקאל — דער לעצטער פון די חברים, וואָס זענען אַוועק אין מלחמה אַריין — אויך פאַרשווונדן...

פאָלק איז געבליבן אַליין... ער האָט מיטאַמאָל דערפילט די פײַנלעכע שווערקייט פון דערדאָזיקער איינזאַמקייט...

אין דער בלייערנער לופט האָט דאָס געשלוכץ פון די מאַמעס זיך אַרײַנגעשניטן מיט אַ שטומען פּחד.

אונטערערדיש.

דאָס קליינע הייפל איבערגעבליבענע טוער האָט זיך נישט דערשראָקן. זיי האָבן פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון דער שעה און זייער אחריות.

אָבער אַלץ וואָס דאָ איז געשען, פון די קלענצטע ביז די וויכטיקסטע מעשים, האָט אַזוי ווי אַ פאָדעם זיך געצויגן פון פאָלקן און צו אים. נישטבאַמערקטערהייט איז פאָלק אויסגעוואַקסן צו יענער צענטראַלער פיגור, ווי ס'וואַקסט אַמאָל אויס אויפן שלאַכט-פעלד אַ פשוטער זעלנער אין אַ קריגס-פירער...

דער שוואַרצער איטשע, אַ שמאָל-ברוסטיק און פאַרפּײַניקט פאַרשווינדל, מיט אַ קאָמיש פּנים, וואָס שמייכלט תּמיד, אַפילו דאַמאָלס, ווען ס'איז נישטאָ איבער וואָס צו שמייכלען, און וועלכער האָרעוועט ביז שווייס ביים אָוועקלייגן זיין אונטערשריפט אויפן פּאַפּיר, אָט דער שוואַרצער איטשע, וועמען מ'האָט נישט צוגענומען צום מיליטער-דינסט צוליב זיין משונה-דיקער שמאָל-ברוסטיקייט, האָט זיך אויך איצט אומדערוואַרט אַרויסגעוויזן אַלס דער, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגן אַ סך ליכט און באַגייסטערונג אין דער באַוועגונג.

— ס'איז ממש אַ וווּנדער — האָט פאָלק געטראַכט — פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פול גלויבן און מסירת-נפש צו דעם אָרעמען זאָקן-מאַכער, וועלכער האָט אין דער צייט פון רו זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, חוץ מיט זיין טעמפּקייט? פון וואַנען קומען זיי צו אויגנדז אָט דידאָזיקע עקשנים?

פאָלק איז געשטאַנען אויג-אויף-אויג מיט איטשען.

— ס'איז געפערלעך — האָט איטשע דערציילט אין אַ

טאָן, וואָס האָט אַזש געציטערט פון איבעראַשונג — ווי יענע האָבן זיך צעווילדעוועט... כסדר פרישע פּאַרטיעס... ווער ווייס ווי לאַנג ס׳קאָן אַזוי אָנהאַלטן...

— וועמען האָט מען אַלץ גענומען? — האָט פּאַלק גע־פרעגט אַ פאַרזאָרגטער, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געקאָנט העלפן.

— און וועמען נישט? ווער ס׳קומט פריער אונטער דער האַנט אַרונטער... אַפילו ווייבער און קינדער און זקנים...

פּאַלק און איטשע האָבן פאַרשטאַנען אַז אַ ליאַדע רגע וועט מען אויך אַריינפאַלן צו זיי.

— ווי מ׳שמועסט — האָט איטשע ווידער אָנגעהויבן — איז עס נאָר אַן אָנהויב.

— זיי האָבן באַדאַרפן אַוועקפאָרן.

— אַוועקפאָרן? — האָט זיך איטשע פאַרחידושט — וואַהין?

— ביזט גערעכט, איטשע, ביזט גערעכט... — האָט פּאַלק מסכּים געווען — אויך מיר אַליין וועלן זיין אויף די ערטער. פאַרפאַלן, מיר מוזן טיילן מיט זיי אונדזער גורל.

— דערווייל מוז מען נאָך עפּעס טון — איז איטשע ביי זיך נישט אָראָפּגעפאַלן — מ׳דאַרף דערהאַלטן די איי־בערגעבליבענע רעשטלעך פון דער אָרגאַניזאַציע. אמת, אַז מ׳קאָן אין אַזאַ סביבה דערשטיקט ווערן, לאָמיר אָבער האָבן דאָס געפיל, אַז מיר זענען נאָך נישט דערשטיקט, אַז מיר לעבן נאָך...

דאָ, אינם קאָרידאָר, אויפן זעלבן אָרט ווו ביירע זענען געשטאַנען, האָט זיך פּאַלק אַראָפּגעבויגן און אויפגעריסן אַ ברעט פון דער פּאָדלאָגע, ער האָט פון דאָרט, פון אונטערן ברעט, אַרויסגעצויגן אַ פאַרשטויבטן דיקן ברוליאָן און דאָס צוגעטראָגן צו איטשען.

— אָט איז דאָס פּראָטאָקאָל־בוך — האָט פּאַלק גע־זאָגט — איך האָב דאָס ביז איצט געהיטן; איך האָב בשום־אופן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז איך זאָל עס פאַר־

ברענען און איך האָב עס דאָ באַגראָבן... איצט אָבער איז די לאַגע צו ערנסט. וואָס מאַכן מיט דעם?

— איך וואָלט אויך געווען אין דער מיינונג, אַז מען זאָל עס נישט פאַרניכטן — האָט שטיל צוגעגעבן איטשע — עס האַנדלט זיך נישט אַזוי וועגן אַן אַרכיוו-בוך פון ציפערן און פאַקטן, ווי וועגן אונדזער אַלעמענס אַ שטיק לעבן. אָט דאָס בוך איז אַן עדות פון אונדזער לעבן און אונדזערע מעשים...

און פאַלק האָט זיך געוואַקלט מיט דער מיינונג, געקוקט אויף די פאַרשטויבטע טאָוולען, אַזוי ווי אויף עפּעס אַ הייליקייט:

— מ׳קאָן זיך נישט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס — האָט זיך פאַלק אָנגערופן אַנטשלאָסן — דאָס בוך קאָן גורם זיין אַן אַדורכפאַל. נישט קיין פאַרשטויבטע פּראָטאָקאָל-ביכער, נאָר מיר אַליין וועלן זיין די לעבעדיקע עדות פון אונדזערע אָפּגעטועטע מעשים...

פאַלק איז געשטאַנען נעבן אויוון, ער האָט אַראָפּגעפליקט די לאַקירטע טאָוולען, דערנאָך אַרויסגעריסן גאַנצע בינטן בלעטער און אַריינגעפּאַקט אין פייער אַריין... דערביי האָט ער זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַרן געדאַנק, וואָס האָט זיך פּלוצים אַריינגעשניטן אין זיינע געהירן אַריין:

— יענע, די געראָדפּטע מאַראַנען, די געפּייניקטע פון די טאָרקוועמאַדאָס, צי האָבן זיי אויך אַזוי געטון? וואָס זאָגסטו, איטשע? האָבן זיי אויך מיט אייגענע הענט פאַרברענט זייערע לוחות און ספרים? ניין! זיי האָבן אַנדערש געהאַנדלט. זיי זענען אויפגעגאַנגען אינם פלאַם אויף די שייטער-הויפנס. און דערפאַר איז אַזוי נייטיק אין קאַמף מיט אונדזערע מאָדערנע אינקוויזיציעס, אָט יענער רעליגיעזער עקסטאַז...

— ער איז פאַראַן, דערדאָזיקער עקסטאַז... — האָט צוגעגעבן איטשע און פאַרטראַכט געקוקט אין צעפלאַקערטן אייוועלע אַריין — דער עקסטאַז ליגט אין אונדז אַלעמען...

ער צינדט אָן אונדזערע נשמות... וועסט זיי געפונען אונדזערע קדושים אויף די תּליות... מיט פּעטליעס אַריבערגעוואָרפענע איבער זייערע העלדזער... צעשמעטערטע פון בליי, נעבן די גראָע ווענט פון שטומע פעסטונגען...

דאָס הייפל מענטשן, וואָס האָט אַזוי נערוועז און צעשראָקן זיך געבאָרעט אין דער טונקעלער שטוב, האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטן פּלוצים אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ משונהדיק משוגעת. פאַלק, זיין פּאָטער און מוטער, זיינע ברידער און שוועסטערן, אַלע זענען זיי מיט ווילדע און אויסטערלישע באַוועגונגען צוגעלאָפן צו דער שאַנק, אין איילעניש פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט די ביכער, אין אומאָרדענונג זיי צעשיט אויף דער ערד; אַראָפּגעפליקט די טאָוולען, האָט מען די בינטן פּאַפּיר אַריינגעפּאַקט אין אויוון אַריין. דאָס פייער האָט נישט געקאָנט אַדורכברענען די גראָבע טאָוולען, געדישעט זיך און יעדערס מאָל אַרויסגעזעצט פון צווישן די פייערקעס מיט אַ געדיכטן גראָען רויך.

פאַלק איז געשטאַנען אין מיטן שטוב מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, אַזוי ווי צעתּמט. מיט גלעזערנע אויגן געקוקט דאָ צו דער טיר, וואָס קאָן זיך יעדער רגע אָן עפן טון און אַריינטרייבן אַ מחנה צעברומטע נפשות און דאָ צו דער קיך, אַרום וועלכער ס'האָבן איינגעהילטע אין רויך, אַזוי ווי שדים, אַרומגעטאַנצט די שטוביקע, ווי אויך דער שוואַרצער איטשע און אַריינגעשטופּט קופּעס פּאַפּירן אין אויוון אַריין.

— זיי זענען שוין אומעטום געווען — זאָגט איטשע — מ'דאַרף זיך אויך דאָ ריכטן אויף זייער אָנקום.

פאַלק האָט זיך געוויגט און נישט געקאָנט זיך דערהאַלטן אויף די פיס, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויסגעטרינקען עטלעכע איבעריקע גלעזלעך קאָרענעם בראַנפן. מיט-

אַמאָל האָט זיך פאַלק אויסגעדרייט און אַ כאַפּ געטון אויף זיך אַ באַרג מיט ביכער:

— מ׳גייט! ביכער אין פייער אַריין!.. ביכער!..

— וואָס טוט זיך מיט דיר, פאַלק? — האָט זיך די מוטער געבעטן ביי אים — וואָס פאַלט דיר איין? קיינער גייט דאָך נישט.

און אין וואַנזיניקן אימפעט האָט פאַלק געפּליקט די ביכער און אַריינגעוואָרפן אין פייער אַריין.

— מ׳גייט! זאָל מען אַלץ פאַרברענען! וואָס ביכער פאַרברענען!..

דער בלאַסער און פּעסנדיקער יהודה אָפּנהיים, פאַלקס פאָטער, נאָך די מלחמה־יאָרן פול געעלטערט, האָט איצט אויסגעזען נאָך בלאַסער, ווי דאַמאָלס אין דער עלעקטרישער האַלץ־פאַבריק; ער איז איצט נישט געווען פרעמד צו פאַלקן: — זיי האָבן געגנזייטיק צו זיך געהאַט די בעסטע אַכטונגס־געפילן און זיך טיף פאַרשטאַנען.

— זע נאָר, פאַלק, וואָס דו האָסט גענומען — זאָגט צו אים די שוועסטער — מיצקעוויטש... סלאָוואַצקי...

— פרעג זיי בחרם! וואָס ווייסן זיי, וואָס? אין אונדזערע צייטן איז דער פאַקט אַליין, אַז אַן אַרבעטער קאָן לייענען, שוין אַ זינד...

פאַרנאַכט, ווען די שטוב איז נאָך געווען בלאָ פון רויך און אין אַלעמען האָט נאָך געטליעט די שרעק פון בייטאָג — האָט זיך צו פאַלקן געמאָלדן חברטע בערטאַ, זי איז געשיקט געוואָרן מיט אַנטי־מלחמה ליטעראַטור פון ראַיאָן־קאָמיטעט.

און די חברטע האָט דערציילט:

— טראָגן דאָס מינדסטע פּעקל ווערט פאַרדעכטיק. אָט בין איך שיעור אַדורכגעפאַלן.

— אָבער... קיינער איז נישטאָ — האָט זיך פאַלק ווי פאַרענטפערט — אַלע זענען אַוועק אויפן פראָנט, אין די

אָקאָפּעס... די באַוועגונג אויפן אָרט איז רויִנירט, צעבראָכן... די פּחדנים זענען פאַרקראָכן אין מויז־לעכער אַריין...

— די לופט איז טאַקע אַ געפערלעכע — האָט צוגעגעבן די חברטע — נאָר די איבערגעבליבענע טאָרן זיך נישט צו־ריקציִען.

פּאַלק האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט טון. ער האָט ביי איר אָפּגענומען די אויפרופן און ערגעץ אַוועקגעטראָגן, דערנאָך האָט ער זי אָפּגעפירט צו דער באַן.

פאַרטאָג איז אַריינגעקומען דער בעל־גוף בעדנאַראָוו.

— ווו זענען די ביכער, ווו? — האָט ער געברומט און געניִשטערט אין די ווינקלען אַזוי ווי אַ שפּור־הונט.

— נישטאָ דאָ קיין ביכער — האָט זיך פּאַלקס מוטער פאַרענטפערט — קיינער לייענט נישט.

מיט אַ בייסיקן חוזק, וואָס איז אים פאַרקראָכן הינטער די דיקע בלאָנדע וואָנסען אַרונטער, האָט ער אַ נאַבל געטון:

— מ׳ווייס שוין... קיינער לייענט נישט... מ׳קאָן שוין אייערע שטיקלעך...

באַלד איז דאָס קול געוואָרן זיכערער, פעסטער, דראָענ־דיקער:

— אַ סוף! ווו זענען די ביכער?..

בעדנאַראָוו, אַ מגושמדיקער פאַרשוין אַזוי ווי אַ העל־פאַנד, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, געשמאָרעט מיט דער נאָז און געזידלט זיך:

— מיך וועט מען נישט אָפּנאַרן... איך וועל אייך אַלעמען...

פון אינדערפרי אָן האָט מען זיך געגרייט. אָט דער־נענטערט זיך די שעה, ווען דאָס פיינלעך־דערוואַרטע וועט מוזן געשען. ס׳וועט אומבאַדינגט מוזן געשען. אָן שום פאַר־ענטפערונג. אָן אָפּהאַלט... און די שטעטלשע איינוווינער, אַזוי אויך איבערגעשראָקענע, זענען איצט ממש דערדריקט געוואָרן

אונטער דעם פרישן פחד, צוליב דעם אויסטערלישן משוגעת, וואָס ווערט זיך באַלד דאָ אָפּשפּילן פאַר זייערע אויגן...

פּאַלק איז געשטאַנען ביים פענצטער און פון דער הויך אַראָפּגעקוקט אין גאַס אַריין. ער האָט פאַרעקשנט געשוויגן. ער האָט איינגעשפּיזט זיינע בליקן אין איין פּינטל ערגעץ ווייט און זיין מוח איז געווען טעמפּ פון די אַלע איבערלעבונגען; ער, דערדאָזיקער עקשן האָט זיך איצט פאַרלוירן, ער האָט זיך געפילט צוזאַמענגעבראָכן. די לופט איז געווען אַזוי ווי אַ צונויפגעפּרעסטער רויך...

פּאַלק האָט בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק:

— ווערט מען זיי טאַקע אומברענגען? ווערט מען נעמען די צוויי יינגע נפשות, צובינדן זיי צו סלופּעס און מיט פייער צעשפּריצן זייערע לייבער, אַזוי ווי ס'וואָלטן געווען צוויי בערגלעך שמאַטעס און נישט קיין לעבעדיקע מענטשן, מיט האַרץ, מיט געפילן, מיט וואַרעם בלוט וואָס פליסט אין זייערע אָדערן... און ערגעץ בענקען אַלטע טאַטע-מאַמע, וואַרטן אומגעדולדיק אויפן צוריקקומען פון זייערע קינדער... וואַרטן און בעטן צו גאָט, אַז דעם שונאס שווערד זאָל זיי אויסמיידן...

נאָר זיי, די „פאַרברעכער" גופא, האָבן די גאַנצע זאַך אויפגענומען אַנדערש. זיי האָבן אַלץ נישט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון געפאַר, אַפילו אויך דאַמאָלס, ווען די שווערד איז שוין געהאָנגען איבער זייערע קעפּ... מיט קינדישער עניוות האָבן זיי געשמייכלט דעם טויט אין די אויגן אַריין, אַזוי ווי זיי אַליין וואָלט געפעלן געוואָרן דערדאָזיקער אויסטער-לישער שפּיל...

צי האָבן ביידע פאַרמשפּטע בעת-מעשה געטראַכט וועגן טויט? ניין! נישט פאַראַן קיין אומאינטערעסאַנטערע זאַך ווען מ'געפינט זיך אויף דער שוועל פון יענער וועלט, ווי טראַכטן וועגן... טויט.

דער עלטערער סאָלדאַט, דער פינפאונצוואָנציק יאָריקער מנחם שלעזינגער, ווען מ'האָט באַשולדיקט אין דעזערציע,

ער איז מיט זיין גאַנצן וועזן איצט געווען אינדערהיים, ביי זיין יינג ווייב, וועלכע ער האָט — ערב דעם אַוועקגיין אויפן פראָנט — איבערגעלאָזן אַ מעוברתע און וועגן דעם ניי־געבוירענעם נפשל, וואָס ער, מנחם שלעזינגער דער טאַטע, האָט נאָך נישט געזען; ער ווייס נאָר בלויז פון אַ בריוו, וואָס מ'האָט צו אים געשריבן פון דער היים...

האָט מנחם שלעזינגער טאַקע געוואָלט באַגיין אַזאַ פאַרברעכן און אַנטלויפן פון שלאַכט־פעלד, בעת מ'האָט מיט אַלע כוחות באַדאַרפן פאַרטיידיקן דעם כבוד פון פאָטערלאַנד?..

מנחם שלעזינגער, וועלכער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געשטאַנען פאַר אַ געריכט, איז נאָך קיינמאָל נישט באַשטראָפט געווען פאַר דער מינדסטער זינד, האָט רויק אויסגעהערט דעם משונהדיקן אורטייל. גאָט איז אַן עדות, אַז ער איז נישט שולדיק... מנחם איז אַ פשוטער בעל־מלאכה, ער האָט נישט קיין השגה אין פּאָליטיק. ער האָט זיך נאָר פאַרטראַכט און אַראָפּגעבלאָנדזשעט פון וועג און פאַרקראָכן ערגעץ אין אַ וואַלד אַריין... דאָרט ווו מ'הערט נישט דאָס אומהיימלעכע גערויש פון די קוילן, דאָרט ווו קאָן זיך אומגעשטערט פאַרטראַכטן, ווו מען דערזעט זיך אַליין אין דער נאַטירלעכער געשטאַלט און מ'קאָן חלומען וועגן וואָס מ'וויל...
דער בלינדער אינסטינקט וואָס ליגט אין דעם מענטשן, וואָס לעבט אַפילו אין יעדער איינציקער חיה, האָט אויך שלעזינגערן געטריבן נישט געהרגעט צו ווערן ערגעץ אין דער פרעמד און שפּעטער, אַזוי ווי אַ שטינקעדיקע נבלה, אויפגעפרעסן צו ווערן פון אַ הונגעריקער היענע...

דער אָרעמער סאָלדאַט מנחם שלעזינגער, וועלכער האָט אַמווייניקסטן עמעצן ווען עס איז באַוואָלהט, האָט אויך נישט געגלויבט אין דער עוולה, וואָס וועט לגבי אים איצט אָפּגעטון ווערן...

דער אַנדערער צום טויט־פאַרמשפּטער, אלחנן בראָמבערג, ער איז דאָך נאָך גאָר אַ נפלע. און, איבעריקנס, ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז דערדאָזיקער שניעק איז שוין טאַקע אַלט

18 יאָר? ער, אלחנן, האָט באַטראַכט די ביקס ווי אַ קינדע־רישע שפּילצייג און דעם גאַנצן פּאַראַד אַרום אים, ווי עפּעס אַ נישט געלונגענעם ספּעקטאַקל, איבער וואָס עס לוינט זיך אייגנטלעך נישט פאַרשוואַרצט צו ווערן... די געבליטן פון אָט דעם מאַנסשפערשוין, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס באַפרייט פון דער ענגעניש, האָבן זיך אַ ריס געטון צום לעבן... — —

ווען מ'האָט דידאָזיקע צוויי נפשות געפירט צו דער עקזעקוציע, איז שוין געווען נאָנט צו שקיעה. דער עלטערער, מנחם שלעזינגער, ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרבראָכן אויף דער ברוסט און די אויגן — וואָס האָבן איצט געהאַט אין זיך אַזאַ אומבאַגרייפלעך־משוגענעם גלאַנץ — טיף איינגעגראָבן אין דער ערד, דאָרט, וווּ זיין נאָך איצט וואַרעמער גוף וועט באַלד רוען אַן אַדורכגעלעכערטער און אויסגעקילטער... אלחנן איז געגאַנגען גלייך, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט אַ פּאַפּיראָס אַריינגעפּרעסט צווישן די ציין, אַזוי ווי ער וואָלט שטאָלץ געווען אויף דעם, וואָס מיט אים דאַרף דאָ געשען... —

פאַלק איז אַלץ נישט אָפּגעטראָטן פון פענצטער. ער האָט פיבערהאַפט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונג פון יעדן איינציקן פאַרבייגייער. אָט עפנט זיך אויף דאָס שווערע טויער פון זשאַנדאַרמען־הויף. אַ גרופּע אויסגעפּוצטע זשאַנדאַרן, מיט קורצע פאַרוואָרפענע ביקסלעך אויף די פּלייצעס, לאָזן זיך אַרויס פון דאָרט אין גאַס אַריין. זיי זעען אויס יום־טובדיק און שפּרייזן מיט שאַרפע, קלינגעדיקע טריט... איינער פון די זשאַנדאַרן, וואָס גייט פאָרויס, טראָגט אַפילו אַ קרענצל פון גרינס מיט בלומען...

אַלע געדערעים האָבן זיך פּלוצים אין פאַלקן אַ וואָרף געטון און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז נישט יענע פירט מען דאָס איצט, כדי צוצושטעלן צו דער וואַנט, נאָר אים, פאַלקן...

— קיין שום געבעט וועט דערפון נישט אָפּהאַלטן — האָט פאַלק געמורמלט — די טאַט מוז קומען, אַזוי ווי ס'איז אומפאַרמיידלעך דער טאָג נאָך דער נאַכט...

און הינטער דער שטאָט, אויפן אַמוניציע־פּלאַץ, ווו ס'איז ערשט געפייערט געוואָרן דער אַקט פון גערעכטיקייט, האָט זיך דאָס קרענצל אַראָפּגעלאָזן איבער צוויי פרישע, צוגעקומענע ברידער־קברים...

אין אַ רויקער צייט איז פאַלק אין דער באַוועגונג פאַרעכנט געווען ווי אַ פשוטער סאָלדאַט, נאָר איצט, בעת אויסערגעוועהנלעכע באַדינגונגען, איז פאַלק אַרויסגערוקט געוואָרן אויבנאָן. ער האָט דעריבער געמוזט מיט זיינע נישט זעלטענע פעיקייטן און נאָך קנאַפּערער צוגרייטונג פאַרטרעטן יענע חברים, די צוגענומענע אין מלחמה אַריין.

פאַלק האָט דערהאַלטן אַ מעלדונג אַרויסצופאָרן אין דערבייאיקן שטעטל אַריין און אָוונט־צו איז ער שוין געווען אויפן אָרט. אין דער געדיכטער טונקלקייט האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין פינצטערן מאַרק אַריין. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער אכסניה און אַ נידעריק יידל, אַ דיקס, אָנגעפּעלצט אין אַ קאָלירטער וואַטענער קורטקע און מיט אַ „געבריילכל", וואָס האָט אויסגעזען ווי אויסגעבעט פון קליינע, פוכענע „יאַשיקלעך", האָט פאַלק צעעפנט די טיר.

— פון וואַנען איז אַ ייד? — האָט געפרעגט דער בעל־אכסניה אויף צו כלומרשט און נאָך פון פריער גאַנץ גוט געוווסט, ווער ס'איז דער גאַסט.

— פון דער פרעמד — האָט פאַלק געענטפערט — איך שטייג הי אָן, ווער איך דאָך ביי אייך קאָנען קריגן עפּעס צו עסן און איבערנעכטיקן?

— פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן כבוד! — האָט זיך דער ייד געפאָרעט מיט אַ געמאַכטער און איבערטריבענער העפלעכקייט — זייט־זשע מוחל, קומט אַריין ווייטער, טוט אויס דעם פּאַלטאָ, זעצט זיך אַוועק... ביטע... ביטע...

דער ייד האָט אַדורכגעפירט פאַלקן דורך אַ בלאָ־אויסגעקאַלכטער שטוב, גרויס ווי אַ וואַלד, אַן אמתע פאַרצייטישע

קרעטשמע און פון דאָרט — אין אַ קליין קעמערל, אַזוי ווי אַ הינער־שטייג; צו אַט־אָ דעם „פּאַקאַי" מוז מען האָבן אַ באַזונדערע זכיה, ווייל דאָ שטייען איין בלויז חשובע אַדורכ־רייזנדיקע. און דער קרעטשמער וואָלט אַפּילו געקאָנט אויסרע־כענען אַ גאַנצע „היסטאָריע" פון גאָר וואַזשנע לייט, אַפּילו ביז צום סאַמעראָדנע קייסער, וואָס האָבן איבערגענעכטיקט אין דאָזיקן אַלקער.

פּאַלק האָט זיך טאַקע געמאַכט באַקוועם און איידער וואָס־ווען, איז אין פולן קאָמפּלעט פאַר אים געשטאַנען דער „קאָמיטעט", גרייט אויפצונעמען יעדן באַפעל, אַזוי ווי דעם באַפעל פון אַ גענעראַל.

— ווי אַזוי האָט איר אָרגאַניזירט די פאַרזאַמלונג, אַז ס'זאָל זיך נישט ענדיקן מיט קיין אַדורכפאַל? — האָט פּאַלק געפרעגט.

— אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. איר קאָנט זיין פולשטענדיק רויק. — האָט געענטפערט די סעקרעטאַרקע, חברטע גנעסע וואַלד, דעם דאָזאָרס טאָכטער, וועלכער איז אויך דער גרעסטער גביר פון שטעטל און וועמען מ'קאָן זומער טרעפן אין אַ געבלומטן שפּענצער און אַ באָרוויסן אַרומשפּאַצירן אין מאַרק און אויף די לאָנקעס.

— וואָס'ר באַוואָרעניש?

— באַוואָרעניש? — האָט גנעסע אויסגעשטעלט אויף אים אירע ברייטע, בלאָע אויגן — איר וועט נאָר אַזוי גוט זיין אָפּגעבן אייער פּאַספּאָרט אָט דעם יידן, דעם בעל־הבית פון דער קרעטשמע, כדי עס זאָל הייסן, אַז איר זענט אַ סוחר פון דער פּרעמד, וועלכער האָט זיך הי בלויז צוגעשטעלט צוליב עפּעס געשעפטן און דאָ, אין דער גרויסער שטוב, דורך וועלכער איר זענט ערשט אַדורכגעגאַנגען, וועט געפייערט ווערן דער „געבורטס־טאָג" פון קרעטשמערס עלצטע טאָכטער; צו דעם צוועק האָבן מיר שוין פון אינדערפרי אָן פאַנאַנדער־געשיקט איינלאַדונגען צו דער יוגנט, מ'האָט צוגעגרייט שנאַפּס און פאַרבייסעכץ און מוזיקאַנטן... אויך אין שטאָט איז באַוווּסט וועגן דערדאָזיקער פייערונג.

פאַלק האָט זיך שטאַרק צעשמייכלט פון אָט־דעם איינ־פאַל, דערביי איז אים אַדורכגעלאָפן אַן ערנסטער געדאַנק דורך די געהירן, אַזוי ווי אַ ליכטיק פייערל: ער, פאַלק, איז נישט מער דאָס הילפלאָזע בעטלער־קינד, פאַר אים, פאַלקן, האָבן איצט מורא מענטשן באַוואָפנטע, באַפאַנצערטע; פאַר אים ציטערט אַ העכערע מאַכט... פאַלק ווערט באַטראַכט ווי אַ געפאַר פאַר זייער קיום... אָט־אָ דער פאַלק, וואָס איז ערשט נישט לאַנג באַליידיקט געוואָרן פון מענדזשעלען, פון בלינדן פייווישן, פון אויפזעער ביים דייטש...

די קרעטשמע איז פול געוואָרן מיט יינגעלייט, אויסגע־פוצטע, פאַרויטלטע און איינער אַזאַ פאַצעט, מיט אַ פּאָר זעלנערישע בופן־הויזן, אַזוי ווי אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע באַלאָ־נען, האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— טאַנצן!

און דאָ האָבן זיך אַריינגעשאַרט צוויי יינגע שקצים, האַלב־אָפּגעריסענע מוזיקאַנטן, נאָך וועלכע מ'איז ספּעציעל אַרויסגעפאָרן אין דאָרף אַריין, כּדי זיי צו ברענגען. די שקצים האָבן זיך אַוועקגעזעצט נישט דרייסט און זיך עפּעס געפּילט פרעמד אויף דערדאָזיקער יידישער „וועסעלע" און זיי האָבן טעמפּ געוואָרפן זייערע בליקן דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם.

— קלמן, מ'דאַרף זיי געבן אַריינצופוסענען!

און באַלד האָט זיך אונטערגערוקט קלמן מיט אַ פלע־שעלע משקה אין דער האַנט און מכבד געווען די שקצים מיט אַ גלעזעלע, און מיט נאָך איינס, און מיט נאָך איינס...

איינער פון די שקצים האָט אַזש אַ וויש געטון דעם שטערן, אַזוי האָט ער זיך דערוואַרעמט.

און קלמן האָט אונטערגעגעבן היץ:

— שפּילן! שפּילן אַ פּאָלקע! אַ וואַלץ! אַזוי, לעבעדיק! לעבעדיק!..

אָט האָבן זיך באַוויזן זייערע כּלים: ביי איינעם — אַן אויסגעקרומטע פידל, מיט אַ נאָך מער אויסגעבויגן העלדזל, וואָס איז צוליב דעם זייער ענלעך געווען צו אַן אָפּגעפליקטער

געפּגרטער גאַנדז... ביים צווייטן — אַ האַנט־האַרמאָנ"ע, מיט וועלכע ס'שפּילן בלינדע בעטלער און זקנים אויף יאַרידן...

די יינגע פּויערן האָבן התלהבותדיק פאַרוואָרפן מיט די קעפּ און זיך צעלאָזן אויף קולי־קולות, אַזוי ווי ס'וואָלט דאָ פאָרגעקומען אַ משונהדיק געריטשעריי פון שדים; זיי האָבן אויסגעקנאַקט אַ מאַרש נאָך אַ מאַרש און יעדעס מאָל פריילעך אונטערגעקוויטשעט:

— האָ־האָ!..

חברה האָט געטאַנצט, (זאָלן די שקצים זען, אַז מען טאַנצט...) געטאַנצט און ווידער געטאַנצט... ביז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן האָט זיך אַ ווענד געטון צו די שקצים:

— נו, פּאַנאָוויע, איר קאָנט זיך אָפּרוען, ווייל די געסט ווילן זיך אַביסל „באַוויען"... איר קאָנט אַריינגיין דאָרט אַהין, אין יענעם צימערל און טאָקע מאַכן אַ שנאַפּס אויך...

די שקצים, האַלב־בגילופענע, האָבן זיך אויפגעשטעלט, צונויפגענומען זייערע כלים און אַריין אין לעצטן חדרל און דאָרט האָט זיך איבער זיי אַוועקגעשטעלט קלמן און נאָר געלייוועוערט משקה.

די שקצים זענען שוין געווען דערשוויצט און רויט אַזוי ווי די באָרקעס, די אויגן זענען זיי איבערגעלאָפן און אַרויסגעקראָכן פון די גריבער און מיט די צינגער האָבן זיי עפּעס געבעבעט אומפאַרשטענדלעכע רייד. נאָר קלמן האָט געוואָלט אַלץ ווייטער אַריינגיסן אין זיי דעם בראָנפן...

— וואָס טוט זיך מיט דיר, קלמן? וועסט זיי נאָך חלילה אָפּסמען!.. — איז אַריינגעלאָפן אַנשל מיט אַ געוואַלד און אַרויסגעריסן ביי קלמנען דאָס פלעשל פון דער האַנט אַרויס.

— זאָלן זיי טרונקען — זאָגט מיט אַ שמייכל קלמן — וועלן זיי נאָכדעם כאַפּן אַ דרעמל און נישט זיין „מבין" וואָס דאָרט טוט זיך...

— אָבער מיט רחמנות... — בעט זיך אַנשל.

אין דער קרעטשמע איז פאַלק געשטאַנען און גערעדט. ער האָט דערציילט וועגן דער איצטיקער לאַגע, וועגן דעם,

*

וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ווי מענטשן ווערן געטריבן אויף די שלאַכט-פעלדער, ווערן געשאָכטן אַזוי ווי די שאָף און דאָס בלוט פלייצט איבער דער ערד... און וועגן דעם, אַז די אַרבעטער דאַרפן נישט שווייגן. אַרבעטער ווילן נישט קיין מלחמות. אַרבעטער האָבן אומעטום זייער היים, דאָרט ווו זיי פאַרקויפן זייערע אַרבעטס=הענט און פאַרדינען אויף ברויט. דעם אַרבעטערס פאָטערלאַנד איז די גאַנצע וועלט... מלחמה, דאָס איז אַ שגעונדיקער מאַסן=מאָרד און דאָס פראָלעטאַרישע פאָלק איז געגן אויסמאָרדן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. די אַרבעטער זענען דעריבער געגן מלחמה!

דאָס איז נישט געווען קיין פשוטע רעדע. ער, פאַלק' דער האָרעפּאַשניק, קאָן נישט האַלטן קיין רעדעס אָט אַזוי' ווי עס האַלטן רעדעס יענע, די פאַרשוינען אין צילינדערס' יענע אין די ווייסע הענטשקעס, בעת טאָאַסטן און פייערלעכע יום=טובים, נאָכן אויסהר..ענען זייערע שונאים... פאַלקס ווערטער זענען געווען אַ געמיש פון געוויין און פראָטעסט, אָט אַזוי ווי עס קאָן זיך צעוויינען און עס קאָן פּ. אָטעסטירן דאָס קינד פון ברוק... דאָס קינד, וואָס לייגט זיך ווינטער ביינאַכט אַוועק שלאָפן אויפן פאַרפרוירענעם מיסט-קאַסטן... דאָס קינד וואָס ליגט אַ פאַרפייניקטער אין קעלער און פאַרטיידיקט זיך, נישט אויפגעפרעסן צו ווערן פון די שטשאָרעס... פאַלק האָט געוואָרפן אַ באַשולדיקונגס=אַקט. שולדיק זענען יענע, וועמען דאָס גאַנצע גוטס פון דער וועלט איז נאָך ווייניק און זיי יאָגן זיך אַלץ נאָך פרישן רויב און אַזוי קריכן זיי ביזן האַלדז אין בלוט...

פלוצים איז דער, וועלכער איז געשטאַנען אין דרויסן אויף דער וואַך, אַריינגעלאָפן צעשראָקן:

— „זיי" גייען אַהער!..

אין קרעטשמע האָט עס זיך אַ ריר געטון. מ'האָט געוואָלט פאַלקן אַריינשטופן אין צימערל אַריין, נאָר נישט אַזוי גיך איז עס געלונגען. פאַלק איז געשטאַנען שטייף — אויף

*

„זיי" דאַרף מען דאָס זאָגן. זאָלן זיי וויסן... מ'האָט פּאַלקן דאָך אָפּגעריסן פון טיש און אויסבאַהאַלטן.

— די מוזיקאַנטן! — האָט איינער אויסגערופן.

און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך די שקצים. אָבער, ווער? וואָס? די שקצים ליגן מיט די פּנימער אַראָפּ טויט-שכור, שנאָרכן מיט אַלע אברים, אַזוי ווי ס'וואָלטן געפּרייכט צען לאָקאָמאָטיוון...

— גיך, פּאַנאָוויע! מ'דאַרף טאַנצן! — האָט מען זיי געמינטערט און געוואָלט זיי אונטערהייבן פון די געזעסן...

— אוי, אַן אומגליק!.. — האָבן די חברטעס פאַרבראָכן מיט די הענט...

— אַן אומגליק, אַן אומגליק... — האָבן זיך געהערט פאַרצווייפלטע קולות פון אַלע זייטן.

און די שקצים זענען געלעגן מיט אַרונטערגעבראָכענע קעפּ און געכראָפּעט.

— מיט כּוח! — זאָגט איינער.

— לאָמיר זיי אַריינטראָגן אויף די הענט. — זאָגט אַ צווייטער.

— גיך, זיי זענען שוין פאַרן הויז!

און חברה האָט אַ כאַפּ געטון די שקצים, אַזוי ווי די קעלבער, זיי אַריינגעוואָליעקעט אין דער קרעטשמע, מ'האָט זיי אַוועקגעזעצט אויף די בענקלעך און אַריינגעשטופּט זייערע פלים אין די הענט אַריין.

— שפּילט, פּאַנאָוויע, אַ פּאָלקע, אַ וואַלץ, אַ מאַזורע!..

די שקצים האָבן אויסגעריבן די אויגן, זיך אָריענטירט ווו זיי געפינען זיך און מיטאַמאָל אַרויסגעקנאַקט מיט אַ פריילעכן, לעבעדיקן מאַרש.

— טאַנצן! טאַנצן! — האָט איינער פון דעם עולם אַ קאָמאַנדעווע געטון און חברה האָט זיך ווילד אַוועקגעלאָזן אין אַ טאַנץ.

די טיר האָט זיך פּלוצים ברייט אָן עפן געטון און

ס׳האָבן זיך אין איר באַוויזן טונקעלע, אויסגעקרומטע און עקלהאַפטע פּנימער...

הינטער די ווענט פון דער שטאָט האָט זיך געהערט דאָס באָמבאַרדירן פון האַרמאַטן. דאָס מיליטער האָט אין אומ־אָרדענונג זיך צוריקגעצויגן. אָנגעגריפן און זיך צוריקגעצויגן, אַזוי ווי דאָ וואָלט פאָרגעקומען אַ כסדרדיקע קאַץ־און־מויז־שפּיל. די באַפעלקערונג האָט געלעבט אין באַאומרויקונג און אין אָפּטער דערוואַרטונג פאַר עפּעס נייעס, פאַר פרישע און אויפרירנדיקע געשעענישן. דער וועג צו די שכנותדיקע שטעט איז שוין אָפּגעשניטן. מחנות יינגעלייט און זקנים ווערן צו־נויפגעטריבן פון דער גאַנצער געגנט און פון די דערפער אין מיטן מאַרק אַריין, פון דאַנען וועלן זיי, אַזוי ווי בהמות, אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן אין פאַרשידענע לאַגערן אַריין. אָט וועט באַלד אָפּגעשטעלט ווערן דאָס צופירן פון ברויט.

פון שלאַכטפעלד זענען אָנגעקומען קורצע קאָמוניקאַטן, אָבער דאָס איז געווען אַ סוד בלויז פאַרן גענעראַל־שטאַב. די היילות זענען געטריבן געוואָרן אַזוי ווי בלינדע שאָף, אַלץ נענטער צום קעסל פון פייער... טעמפּע, אויסגעשמירטע, האַלב־ווילדע האָבן די סאָלדאַטן באַלעגערט די גאַסן און די רינ־שטאָקעס, אַזוי ווי גראָע, הונגעריקע חיות... זיי זענען געווען איינגעהילט אין דער טונקלקייט, אַזוי ווי אין אַ רויך. פאַלק האָט זיך אָפּט אַדורכגעשאַרט אין דער ענגעניש צווישן דידאָ־זיקע מחנות. פאַלק האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס אַרום אים קומט פאָר. דאָס געזעץ פון .אויסנאַמס־צושטאַנד האָט אַזוי ווי אַ שווערע בלייערנע מאַסע צוגעקוועטשט זיינע פּלייצעס. פאַלק האָט זיך דאָ נישט געפילט ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך. ניין! ער, פאַלק, איז ענג פאַרבונדן מיט זיי אַלעמען. ער וואָלט איצט נישט באַדאַרפן בלייבן גלייכגילטיק. גלייכגילטיקייט אין אַזאַ מאָמענט, באַדייט — פאַרברעכן... און פאַלק וויל נישט טראָגן אויף זיין געוויסן די פּייניקונג פון דאָזיקן פאַרברעכן. פאַלק

װעט זאָגן זײַן װאָרט. ער מוז זאָגן זײַן װאָרט. ער מוז! ער מוז!..

פֿאַלק האָט געטראָפֿן װעלװלען. אַ פֿרײלעכן ײנג מיט אַ געדיכטער בלאָנדער טשופּרינע און בײדע האָבן זיך צונױפֿגערעדט.

— מיר זענען אָפּגעשניטן פֿון דער װעלט – זאָגט פֿאַלק — נישטאָ קײן װאָרט פֿון דרױסן. קײן פֿאַרזאַמלונג קאָן מען נישט רופֿן, און שװײַגן טאָר מען נישט. מ׳טאָר נישט.

— איז װאָס? — פֿרעגט נישט דערפֿאַרן װעלװל — װי אַזױ װילסטו איצט רעדן?

— העקטאָגראַפֿירן. מ׳װעט אַלײן אָנשרײַבן. מ׳װעט עס מאַכן בײַ דיר אין קעלער.

װעלװל איז מסכּים.

און אָט זענען די צװײ ײנגע אַרבעטער געזעסן אַריבער־געבױגן איבערן טיש, זײ האָבן געשריבן אַן אױפֿרוף, אַן אַרטיקל, אַ פֿעליעטאָן. גיך און אומבאַמערקט איז אױסגעװאַקסן אַ גאַנ־צער נומער פֿאַר אַן אומלעגאַלער צײַטונג. דעם מאַטעריאַל האָט מען איבערגעטראָגן אין אַ קעלער, ערגעץ אין אַ הינטער־גאַס, װוּ קײנעם קאָן גאָרנישט אײַנפֿאַלן, אַז דאָרט זאָלן זיך האָבן צונױפֿגעקומען מענטשן און זאָלן טון אַ געפֿערלעכע אַרבעט. אין קעלער האָט מען נישט אָנגעצונדן קײן ליכט, כּדי ס׳זאָל נישט פֿאַלן קײן חשד; האָט מען זיך געפּאָרעט אין דער פֿינצטערניש און מיט זײערע גופֿים האָבן זײ יעדערס מאָל איבערגעריסן די פּאַסן ליכט, װאָס האָבן זיך אַרײַנגעגנבֿעט דורך די קלײנע פֿענצטערלעך פֿון דרױסן.

צו דער טעכנישער אַרבעט האָט מען גערופֿן משהלע „בריטאַן", אַ ײנג מיט ברײטע פּלײצעס און מיט אױסגעהע־מערטע מוסקולן. משהלע איז דאָ געװאָרן דער „רײַבער" בײַם העקטאָגראַף. ער איז געשטאַנען אַזױ װי אַ דעמבּ אין פֿינצטערן חדרל. ער האָט זיכער געהאַלטן דעם קאָפּ אױף זײַנע פֿעסטע אַקסלען.

— אָט אַזױ, װעלװל. אָט אַזױ, פֿאַלק. לאָמיר װײַזן, אַז מיר לעבן. — שעפּט משהלע „בריטאַן" נחת — לאָמיר זײ װײַזן, לאָמיר...

און משהלע ווישט דעם שווייס פון שטערן. מ׳דאַרף אָפּדרוקן וואָס מער. זאָל דער עולם לייענען. און משהלע האָט זיך טאַקע דערוואָרעמט...

די ווייסע פּאַפּירלעך באַדעקטע מיט דידאָזיקע ליליע־אותיות זענען געוואָרן וואָס מער, און דאָס פּעקל לײדיקע פּאַפּירן אַלץ ווייניקער, אַלץ ווייניקער...

פֿאָלק און ועלוול האָבן אַלץ געטון. זיי האָבן אויך די צייטונגען פאַרשפּרייט.

ווידער איז אַרייַנגעפאַלן אַ ליכטל אין דער פינצטערניש.

קיינער איז נישטאָ. אַלע זענען אַוועק אויפֿן פּראָגט, אָבער דאָס ליכטל איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, דאָס ליכטל וואָס פאַרייניקט זיך מיט גרויסע פייערן...

פאָלק האָט געזאָגט זיין וואָרט.

הינטער דער שטאָט באָמבאַרדירן די האַרמאַטן. אין לאַנד אַרבעטן פעלד־געריכטן...

ווי פון דער העלער הויט איז ער אויסגעוואַקסן אינם שטעטל אָט דער שייקעלע פּאָזעמביצער און געוואָרן אַ גאַנ־צער „מאַכער״ צווישן דער יוגנט. טראָץ דעם וואָס פּאָדעמבי־צער איז געווען פאַרקאָנספּירירט, אַרויסגעוויזן זיך אַלס שאַר־פער רעוואָלוציאָנער, האָט ער דאָך פאַלקן פון דער ערשטער מינוט אָן נישט געפאָלן. פאַרוואָס ? ס׳האָבן פאַלקן נישט גע־פאָלן יענעמס קלײנע, פלינקע אייגעלעך, מיט די פּאָקן־לעכ־לעך אויפן טונקעלן, כיטרען פּנימל. ער האָט שוין אַזאַ טבע פאַלק פון קינדווייז אויף, אַז ער דערשנאַפּט אַלץ גיכער מיטן געפיל, ווי מיטן שכל. אָבער, אומגעטעסווילן ! ווי מעג מען גאָר דערלאָזן אַזאַ געדאַנק ? ס׳איז דאָך אַ פאַרברעכן... און פאַרוואָס זאָל טאַקע פאַלק טראַכטן שלעכטס וועגן אַן אייגע־נעם חבר, מיט וועלכן מ׳אַרבעט אין געהיים בעת די גרעסטע געפאַרן ?...

איז שייקעלע פּאָדעמביצער אין גיכן געוואָרן פּאָרזיצער פון קאָמיטעט און, ווילנדיק — נישטווילנדיק, האָט זיך אויך געשאַפן דער דרך־ארץ פון די איבעריקע מיטגלידער צו שייקען. שייקע אַליין האָט עס גוט געפילט און מיט דער גאַנצער שטרענגקייט האָט ער אויסגענוצט דעם צוטרוי פון שטעטלשן יינגוואַרג צו זיך.

די שלאַכטן הינטער דער שטאָט האָבן שוין פון לאַנג אויפגעהערט, ס'איז אויך געשלאָסן געוואָרן וואַפנשטילשטאַנד צווישן ביידע פיינטלעכע לאַגערן, נאָר זיצונגען זענען נאָך אַלץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויפן פרייען פעלד, ערגעץ אין אַ רווו, ביי די ערשטע צעלאָזענע שנייען. פאַלק, דער שוואַרצער איטשע און אַלע איבעריקע מיטגלידער פון קאָמיטעט, צוזאַמען מיט שייקעלע פּאָדעמביצער, זענען דאָ אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט אַרונטער. דאָס גראָז איז נאָך געווען באַדעקט מיט אַ לייכט פרעסטל, אָבער אין דער לופט האָט מען שוין געפילט דעם אָנזאָג פון פריען פרילינג...

— דער וויכטיקסטער פונקט אויפן טאָג־אָרדענונג — זאָגט שייקע — דאַרף זיין, אַריינציען וואָס מער פרישע מיטגלידער. פאַר די מיטגלידער רופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג, אויפקלערן די צילן און אויפגאַבן פון אונדזער באַוועגונג...

— מסכּים, מסכּים! — גיט צו דער שוואַרצער איטשע — מ'מוז אומבאַדינגט צוציען נייע כּוחות.

אויך די איבעריקע האָבן דאָס זעלבע באַשטעטיקט. נאָר ער, פאַלק, איז געזעסן אין אַ ווינקל פון טרוקענעם זאַמדיקן רינשטאָק און געטראַכט עפּעס אַנדערש. ער האָט געטראַכט, ווי שיין יענער מענטש רעדט, צינגלט מיטן פּיסקל, אַזוי ווי מיט געשליפענע מעסערלעך, דערביי טאַנצן אַזוי ממזריש זיינע קליינע האָזן־אייגעלעך; און אים, פאַלקן, דאַכט זיך אויס, אַז ער זעט אַ ציניש שמייכעלע אין די ווינקלען פון יענעמס כיטרע אייגעלעך, און דאָס שמייכעלע, וואָס שרעקט אַזוי פאַלקן, צעקריכט איבער

זיין שוואַרץ פּנימל און לייגט זיך אַריין אין די אָנגעשיעור פּאָקן־לעכעלעך, און אויך די פּאָקן־לעכעלעך שמייכלען...

פֿאַלק האָט זיך ראַפּטעם אויפגעשטעלט פון אויף דער ערד.

— וווהין גייסטו, פֿאַלק? — האָט אים איטשע איינגעהאַלטן.

— איך גיי נישט.

פֿאַלק האָט אומרויק געשפּרייזט הין־און־צוריק. אין ווייטן איז געלעגן די ציגעלניע און אַהערגעקוקט צום קופּקעלע מענטשן. באַלד רוקט זיך אָן דער פרילינג. אָבער וואָס פּייניקט עס אים? ער, פֿאַלק, איז אויפגערעגט. אויף וועמען איז ער אין כּעס? אויף זיך איז ער אין כּעס... אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען נישט דערדאָזיקער פּאַרשוין, וואָס איז אַזוי דערווידער פֿאַלקן.

— אַ מענטש מוז האָבן אַ נשמה — קלערט פֿאַלק טיף אין זיך — און יענער פּאַרשוין זעט אויס, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ מעכאַנישע כּלי, אָן אַ נשמה...

פֿאַלק רירט זיך צוליב דעם צו אים נישט צו. יענער איז קאַלט אַזוי ווי אייז.

— איז נישט אַ זינד אַזוי צו טראַכטן וועגן אַ פּאַרטייחבר? אָבער אַלע, אַלע פון די העכערע אינסטאַנצן זענען זיי קאַלט, אַזוי ווי אייז. און פֿאַלק וויל וואַרעמקייט. די וואַרעמקייט וואָס געפינט זיך ביים המון. ער, פֿאַלק, איז דאָס קינד פון המון. ער ליבט מיט דער ליבע פון המון. מיט דער פּשוטער, נאַטירלעכער, אור־מענטשלעכער און אור־חיהשער ליבע... אַזוי איז פֿאַלקס באַציונג צו דער באַוועגונג, צום לעבן, צום קאַמף... פֿאַלקס אַריינטריט אין דער באַוועגונג איז אַ פּועל־יוצא פון פּראָטעסט קעגן עוולות און ער איז גרייט זיך אַנטקייגן שטעלן אָט די אַלע עוולות...

אין אַ צייט אַרום איז פֿאַלקס נביאה מקוים געוואָרן. שייקעלע איז מיטאַמאָל ערגעץ פּאַרשווונדן געוואָרן און אין שטאָט האָט עס זיך אָנגעהויבן...

— אַ, — האָט פאַלק טריומפירט — שייקעלע פּאָדעמ־ביצער, אַ פּראָוואָקאַטאָר!

מ׳האָט חברה גענומען פון די בעטן, אַנדערע האָט מען אוועקגעשיקט אין דער פרעמד אַריין.

— פאַלק, באַהאַלט זיך אויס, ביז ס׳וועט שטיל ווערן! — האָט זיך ביי פאַלקן געבעטן דער שוואַרצער איטשע — פאַר ערגעץ אַוועק. אויך דיך האָט שייקעלע געוויס „פאַרשיט".

— איך פאָר נישט אין ערגעץ! — האָט פאַלק געזאָגט— זאָל געשען. איך וועל אים ערגעץ אַמאָל טרעפן און באַצאָלן...

פאַלק האָט פאַרקוועטשט מיט אַ פויסט

— איצט מוזטו פאָרן! — האָט איטשע זיך איינגע־עקשנט — דערנאָך קאָן זיין צו שפּעט.

אויף דער נאַכט, ווען דאָס שטעטל איז שוין געלעגן אין האַלבן שלאָף, האָט זיך פאַלק אינדרויסן געטראָפן מיט שרהלען. פאַלק איז געווען שטאַרק דענערווירט, אָבער מיט אַן אויסערלעכער רויקייט. פאַלק איז געווען גרייט צו דער באַן.

— שרהלע, איך מוז אַוועק. פּאָדעמביצער האָט „פאַר־שיט" די אָרגאַניזאַציע.

שרהלע איז בלאַס געוואָרן.

— וואַהין?

— צו מיינע פריינט. איך וועל נישט פאַרפאַלן ווערן. כ׳וועל נישט שטאַרבן פון הונגער.

— אויף לאַנג, פאַלק?

— ווייס איך? אז מ׳וועט מעגן, וועל איך צוריקקומען.

פאַלק מיט שרהלען זענען געשטאַנען קייגן איבער אַ לאַמטערן, פון דאַנען זענען זיי צוגעגאַנגען אין דער פינצטער־ניש אַריין. האַרט נעבן דער בריק האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן.

— גיי נישט ווייטער, שרהלע, ס׳קאָן ווערן פאַרדעכטיק. גיי אַהיים.

— איך וויל דיך באַגלייטן ביז אויפן וואָקזאַל.

— פאָלג מיך, שרהלע, מ׳טאָר נישט.

שרהלע האָט זיך צוגעשטעלט. בײ דער שײן פֿון אַן עלעקטרישער פּאַנאַר האָט מען געזען אַ טרער אויף איר באַק.

פֿאַלק האָט איר לײכט אַרומגענומען, נאָר שרהלע האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז.

— װײן נישט, שרהלע, דערװײל איז מיר נישט געשען קײן שום שלעכטס. איך װעל אײן אַ קורצער צײט צוריקקומען.

אָבער שרהלע האָט אַלץ נישט געקאָנט ענטפֿערן. זי האָט אַרײנגעהעשעט אין זײן אַקסל אַרײן, װי אַ קלײן קינד.

שרהלע האָט זיך געשטאַרקט:

— פֿאָר געזונט, פֿאַלק. זײ גליקלעך און לאָמיר זיך װי אַמגיכסטן זען.

פֿאַלק האָט נישט אַרויסגעלאָזן איר װײך הענטל פֿון זײן האַנט אַרויס. װאָס פֿאַר אַ שװערע פֿײניקונג איז געלעגן אין דאָזיקן שװײגן? פֿאַלק האָט זיך פּלוצים אויפֿגעריסן פֿון אָרט, אַזוי װי ער װאָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און גענומען שפּרײזן צו דער באַן.

שרהלע איז געבליבן שטײן נעבן דער בריק. זי האָט נישט געװוּסט װאָס זי זאָל טון. פֿון דער װײטן האָבן זיך געהערט פֿאַלקס לעצטע טריט, װעלכע זענען אײַנגעשלונגען געװאָרן פֿון דער נאַכט.

שרהלע האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט אַרײן. אויף אירע פֿאַרברענטע ליפּן האָט איצט געשװעבט אַ קללה.

װידער איז פֿאַלק אַרײנגעפֿאַלן אין דעם אָרעמען אַרבעטער-קװאַרטאַל. די ענג-צונויפֿגעקװעטשטע קרומע, צעבויגענע הילצערנע הײזלעך, אין װעלכע ס'האָט פֿאַר דער מלחמה געשװיבלט מיט װעב-שטולן און װעבער-שטויב און פֿון װאַנען ס'האָט זיך אַרויסגעטראָגן אַ הײמלעך געקלאַפּערײ פֿון הונדערטער לאַדעס — איז איצט געװען װי אָפּגעשטאָרבן. דורך די צעעפֿנטע פֿענצטער האָט מען נישט געהערט קײן לידער,

נישט קיין קוויטשערייען און געלעכטער און אויך נישט „יאָסל קייטושס" קול, פּאַר וועמען קליין און גרויס האָבן געציטערט. עפּעס איז איצט געלעגן אין די שטומע ווענט אַזאַ באַהאַלטענער שטילער טרויער, וואָס האָט דערציילט פון אַ סך יאָרן הונגער און יסורים. פּאַלק איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער האָט איינגעגראָבן זיינע אויגן אין דער ערד, ער האָט געפילט ווי די זון לייגט זיך מיט איר גאַנצער שווערקייט אויף זיין מאָגערן און אויסגעדאַרטן קערפּער.

פּאַלק איז געגאַנגען אָפּזוכן פישלען מיט עזראן, בעצם זענען זיי גוטע יינגען, זיי וועלן פּאַלקן אויפנעמען. זיי וועלן געוויס פאַרגעסן אָן דער עוולה, וואָס ס'האָט זיי אַמאָל געטון הערצקע אונטערוועגס, בעת יענער האָט עזראן פאַרקויפט די כאַליעוועס. אַלנפאַלס איז דאָס אַ קליינער אינצידענט וועגן וועלכן ס'לוינט נישט צו טראַכטן און פישל מיט עזראן וועלן אים אָן ספק אויפנעמען וואַרעם, ווייל אויך יענע זענען אַרבעטער — דערצויגן אין אַ סביבה פון נויט און די נויט האָט זיי שוין איינמאָל פאַרברידערט.

נעבן אַן אַלט-געמויערט הויז האָט זיך פּאַלק אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע הויז פון דער שטאָט און נאָענט פון פרייען פעלד, פון וואַנען מ'האָט געקאָנט זען די ווייטע גאַסן און אַסך פאַרמיסטיקטע, צעטרעטען גראָז.

פּאַלק האָט זיך אויפגעהויבן אויף טרעפּ, ווו-נישט-ווו האָט מען געהערט קלאַפּן אַן איינציקע לאַדע, אַזוי ווי ס'וואָלט געווען דער לעצטער דופק פון דעם אַמאָליקן פריילעכן און ברויזיקן וועבער-לעבן... נעבן אַ בוידעם-טיר, ביים סאַמע דאַך, האָט זיך פּאַלק פאַרהאַלטן. ער האָט עטוואָס אָפּגעוואַרט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געוואָלט נאָך אַ רגע איבערטראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי ס'וועלן אים באַגעגענען פישלס און עזראס פּנימער.

נאָר פּאַלק איז געווען איבעראַשט. אין דעם קליינעם צימערל, ווו ס'זענען אָנשטאָט בעטן, געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד רויע שטיקער פּליוש, איינגעדרייט אין ראָלן

און ווען מ׳איז געשלאָפֿן אויף זיי, האָט מען זיך געקאָנט איבערברעכן אויף דער העלפֿט — איז פֿישל געלעגן אַן אויס־געצויגענער, מיטן פּנים אַראָפּ און מיט די לאַנגע, מגושמדיקע פֿיס, אויסגעשטרעקט ביז צום קליינעם פֿענצטערל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן עפֿענונג אין אַ ליידיקן טויבן־שלאַק. פֿישל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אויף דער ערד, זיך צעשמייכלט מיט זיין ליידיק מויל אָן ציין און זיין טעמפּער קאָפּ, אין וועלכן ס׳האָט זיך אגב געפֿונען אַ סך גוטסקייט, האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן ציטערדיק, ווי פֿישל וואָלט מורא געהאַט, אַז צוליב דעם וואָס דער קאָפּ איז טעמפּ, זאָל ער נישט האָבן קיין טעות אין אויפֿנעמען וואָס העפֿלעכער פֿאַלקן.

פֿישל איז גיך אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די טרעפּ און באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט עזראַן. יענער איז דורך דער צייט אונטערגעוואָקסן, אַ ביסל איבערגעפּאַשעט זיך און זיינע גרוי־סע, ברודיקע פֿיס, זענען געווען אַריינגעשטעקט אין אַ פּאָר צעקנייטשטע, אומפּאָרמיקע פּאַנטאָפֿל, אַ סימן אַז עזרא איז נאָר וואָס אָפּער פֿון הינטערן „שטול״, כּדי מקבל־פּנים צו זיין פֿאַלקן. אָפּגעפּרייט זיך, איז דער יינג אין די אָפֿענע שטעק־לאַטשן ווידער אַנטלאָפֿן צו דער אַרבעט.

— פֿאַרשטייסט, — האָט פֿישל פֿאַרענטפֿערט עזראַן — ער האָרעוועט פֿון פֿינף פֿאַרטאָגס ביז איינס ביינאַכט און האָ־רעוועט אויס קדחת.

פֿאַלק האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער היים.

דערווייל האָבן אַלע דריי געלעבט פֿון דעם וואָס עזרא האָט פֿאַרדינט. אַז ס׳איז געווען געלט, האָט מען געברענגט צושלעפּן אַ זעקל קאַרטאָפֿל, — פֿישל האָט געשיילט, פֿאַלק האָט פֿייער געמאַכט אין אייוועלע. מ׳האָט צוגעקויפֿט אַ לעבל ברויט און ס׳איז געווען היימלעך. אַז ס׳איז נישט געווען קיין געלט, האָט מען זיך אַזוי לאַנג אַרומגעשלעפּט אין דרויסן, הינטער פֿרעמדע פֿענצטער, ביז איינגעמאַטערט פֿון דער היץ און אָפּשוואַכונג, האָט מען זיך צוגעשאַרט צום הויז און דאָ אינעם בוידעם־שטיבל, זיך אויסגעצויגן אויף אַ שטיק רויע סחורה.

דער ערשטער פלעגט תּמיד אָוועקפאַלן פאַלק, פישל, וועלכער האָט געקאָנט פאַסטן ווי אַ קעמל, איז דאַמאָלס אַוועק צו איינעם פון זיינע וועבער־יינגען, גיך געברענגט אַ שטיק ראַזאָווע ברויט און פאַלק האָט זיך אויפגעהויבן פון אויף דער ערד.

נאָר אָט איז אויסגעבראָכן אַ וועבער־שטרייק. די אַר־בעטער האָבן זיך צעבונטעוועט — זיי האָבן נישט געוואָלט שטאַרבן מיט קיין לאַנגזאַמען טויט...

אין אַ פרימאָרגן האָט מען אויפגעוועקט פאַלקן פון געלעגער.

— מ׳גייט אויף אַ הונגער־שפּאַציר, פון דאָרט אויף אַ דעמאָנסטראַציע.

און חברה האָבן זיך צעלאָזן איבער די שטובן, מ׳האָט אויפגעוועקט די אַנטשלאָפן־געוואָרענע געזעלן, די פוילע האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן.

— קומט, ס׳וועט היינט זיין לעבעדיק!

פאַלק, פישל און עזרא זענען אַראָפּ אויפן פעלד, אָנגע־קליבן אַביסל שטיינער, אַריינגעפּאַקט זיי אין אַלע קעשענעס און אַפילו אין די אויפגעטרענטע פּאָלעס הינטער דער פאַטשעווקע.

און אַזוי — אויפגערעגטע, הונגעריקע, הפקרדיקע — האָט מען זיך געלאָזן אַהין, אינם רייכן שטאָט־קוואַרטאַל.

ווי אַזוי איז די מחנה פּלוצים אויסגעוואַקסן?.. ס׳איז געשען אומגעריכט און כּמעט אומדערוואַרט פאַר אַלעמען. אָט שטייט שוין אַ רעדנער־טריבונע, — אַ דאַרער פאַרשוין, מיט אַ פּנים פון אַ סקעלעט, דערציילט דעם עולם וועגן הונגער, וועגן נויט, וועגן יסורים... וועגן קראַנקייטן און נישט דער־שלאָפענע נעכט... וועגן דעם צער פון מאַמעס... וועגן מלחמות און עוולות פון דער וועלט... — —

באַלד רעדט אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער — זייערע ווערטער פאַלן אַזוי ווי שווערע קללות אויף די קעפּ פון שולדיקע, אַזוי ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער אומ־גערעכטער אָרדענונג...

פאַלק שטייט אַריינגעקוועטשט צווישן המון און קאָן זיך נישט אַ ריר טון. ער, פאַלק, דערפילט דאָ אַ גרויסע מיסיע. ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יענעם מענטשן, וואָס שטייט דאָרט אין דער הויך און רעדט און איז דער שליח פון זיי אַלעמען. און פאַלק דאַרף וואַך זיין, ער מוז אַכטונג געבן, אַז יענעם דאָרט זאָל גאָרנישט געשען... און פאַלק פילט די גרויסע אחריות, וואָס אים איז דאָ אָנגעטרויט געוואָרן... פאַלק מוז יענעם שיצן מיט זיין פלייצע: הונדערטטויזנט פאַלקס זענען דאָ — הונדערטטויזנט פלייצעס!.. ס'איז אַ ריזיקע וואַנט פון מענטשלעכע גופים, וואָס וועלן נישט לאָזן יענעם קיין שלעכטס טון... דעמדאָזיקן מענטשן, וועלכער דער־ציילט דאָ אויס זייער אַלעמענס לעבן, וועלן זיי שיצן מיט זייער פלייש און בלוט...

אָט האָט זיך אַנטוויקלט אַ צוג. פאַלק איז נישט קיין פחדן. ער פילט דעם פייערלעכן מאָמענט. דער שטורעם, וואָס האָט געלעבט אין אים פון קליינוויז אויף, האָט איצט אויפגעבראָכן אַלע טויערן... פאַלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטורעם, אין אַ שטיק פייער, וואָס ווערט פאַרלוירן אין דעם גרויסן ים, וועלכער זידט און ברויזט פון אַלע זייטן... פאַלק קאָן נישט רעדן, ער פילט, אַז איצט האָט זיך צערעדט זיין נשמה, זי האָט זיך אָנגעצונדן מיט יענעמס התלהבות, וואָס פאַרוואַנדלט דעם בשר־ודם אין אַ הייליקן...

פאַלק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ער האָט געוואָלט אַ קוק־טון אויף דער זון, נאָר פלוצים האָט ער באַמערקט אַ רייכן נפש אויף אַ באַלקאָן, וועלכער האָט ציניש געשמייכלט אין גאַס אַריין.

אין פאַלקן האָט מיטאַמאָל אויפגעקאָכט דאָס בלוט, אַזוי ווי עמעץ וואָלט אים גאָר טיף באַליידיקט און ער האָט אויסגעשטרעקט אַן אויסגעביילטע פויסט, אַרויף צום באַלקאָן:

— מנוול!..

און פאַלק האָט זיך געוואַקלט, געשפּאַנט אַזוי ווי ס'שפּאַ־נען ברייט־פּלייציקע, וויגנדיק זיך אויף לינקס און רעכטס... ער

האָט זיך אומגעקוקט, געוואָרפן די אויגן אויפן המון, און ער האָט געזען אַרום זיך טויזנטער אַרבעטער — אויסגעהאָרעוועטע, פאַרשוואַרצטע, בראָנדזענע, געשוואָלענע. די נויט האָט זיי אַלעמען דאָ אַהער אויסגעשפּיגן. און מאַמעס זענען דאָ... און קינדער זענען דאָ... און מאַמעס ברוסטן זענען צעעפנט און קינדער מיט הונגעריקע, אָפענע מיילער, ביי די מאַמעס אויף די הענט... אַ שטרענג וואָרט דאַרף היינט געוואָרפן ווערן, אַ קללה דער וועלט... און ס׳פלאַטערן רויטע פאָנען און טראַנס־פּאַראַנטן איבער אַנטבלויזטע קעפּ... געזאַנג — אייזן, געזאַנג—שטאָל, געזאַנג — ווי געוויש פון מאַשינען, געזאַנג — וואָס שטראָפט, וואָס מאָנט, וואָס זאָגט אָן...

— גענוג!

— גיט אונדז ברויט!

— גיט אונדז אַרבעט!

— גיט אונדז פרייהייט.

אַ מיליאָנען־מויל שרייט, אַ מיליאָנען־האַרץ באַוועגט זיך, אַ מיליאָנען־האַנט בײַלט זיך צונויף.

אַזויפיל זון, אַזויפיל גלויבן... — —

פּראַכט פון אויפשטעיִדיקע...

נאָר וואַרט, וואָס האָט עס פּלוצים אַ שאָרך געטון? אַן אימפּעטדיקער ווינט האָט זיך אַדורכגעשניטן איבער אַלעמענס קעפּ; מענטשן, ווי אַ פעלד מיט זאַנגען, האָבן זיך אַ וויג געטון, צונויפגעקוועטשט זיך און אומגעפאַלן, אומגעפאַלן און ווידער זיך אויפגעהויבן... מ׳לויפט... מ׳האַלט זיך צוריק. איינער אַן עקשן, האָט זיך אָפּגעשטעלט, צעעפנט דאָס העמד:

— נאַ, שיס!

אַ ביקסן־קויל האָט דאָס האַרץ אַדורכגעלעכערט. דער מענטש איז אומגעפאַלן...

מ׳לויפט... פערדישע פּאָדקאָוועס אויף מיידלשע ברוסטן... בלאַנקע שווערדן איבערשלייפן, איבער אַקסלען, איבער פּלייצעס... — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַרטאָגס, ווען דער יום-טוב פֿון געבאָט, דער יום-טוב פֿון שטראָף האָט זיך געענדיקט און דער מאַרק איז געווען ליידיק, מיט סימנים פֿון פֿאַרגליווערט בלוט אויף די שטיינער — האָט פֿאָלק, שטרענג באַוואַכט, געשפּרייזט איבער די גאַסן...

הינטער פֿאָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דאָס שווערע, אייזערנע טויער. — ס׳איז געווען ערב זון-אויפֿגאַנג...